STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04126

DER GELEKHTER

Henri Bergson

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף יאטשקאווסקיס
„פאָפולער וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק״
בוך 1 №

אנרי בערגסאָן
מיטגליד פון דער פראַנצויזישער אקאַדעמיע
און פון דער אקאַדעמיע פאַר גייסטיקע און פאָליטישע וויסנשאַפטן

דער געלעכטער

אן אפהאנדלונג וועגן דער באדייטונג פון קאמיזם

פון פראנצויזיש
י. ראַפּאָפּאָרט

וואַרשע—ניו־יאָרק 1928

Druk. „GLORJA“ Warszawa, Solna 9.

פאָרוואָרט צו דער 24־ער אויפלאַגע

דאָסדאָזיקע בוך נעמט אַריין אין זיך די דריי אַרטיקלען וועגן „דעם געלעכטער" (אָדער ריכטיקער, וועגן „געלעכטער, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך דאָס קאָמישע"), וועלכע איך האָב אין יאָר 1899 פאַרעפנטלעכט אין Revue de Paris. ווען איך בין צוגעטראָטן זיי אַרויסצוגעבן אין בוך־פאָרם, האָב איך זיך געשטעלט די פראַגע, צי דאַרף איך נישט גרינטלעך באַהאַנדלען די געדאַנקען פון מיינע פאָרגענגער און געבן אַן אויסשעפנדיקע קריטיק פון די טעאָריעס וועגן געלעכטער. כ'האָב זיך אָבער אַרומגעזען, אַז מיין אָפּהאַנדלונג וואָלט זיך צוליב דעם אָן אַ שיר צעוואַקסן, און געפאָדערט אַ גראָבן באַנד, וואָס וואָלט זיין נישט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער וויכטיקייט פון דער באַהאַנדלטער טעמע. אגב, איז מיר אויסגעקומען צו באַהאַנדלען קורץ די עיקרדיקע דעפיניציעס פון קאָמיזם, אין שייכות מיט דעם, אָדער יענעם ביישפּיל, וואָס האָט דערמאָנט אין אייניקע פון זיי. כ'האָב זיך דערפאַר באַגרענעצט מיט איבערדרוקן די אַרטיקלען. כ'האָב בלויז צוגעגעבן אַ רשימה פון די הויפּט־ווערק וועגן קאָמיזם, וואָס זענען דערשינען אין משך פון די פריערדיקע דרייסיק יאָר.

זינט דאַן זענען דערשינען אויך נייע ווערק. די רשימה, וועלכע כ'האָב צוגעגעבן צום סוף בוך, איז דעריבער פאַרלענגערט געוואָרן. אָבער אין בוך גופא האָב איך נישט געמאַכט

קיין שום ענדערונגען (בלויז אין אייניקע ערטער האָב איך אביסל פארגלעט די פאָרם). אמת, די פאַרשידענע נייע ווערק האָבן געוואָרפן א העלן שיין אויף א סך פונקטן פון דער געלעכטער-פּראָבלעם. אָבער אונזער מעטאָד, וואָס באַשטייט אין פעסטשטעלן די פּ ר אָ צ ע ס ן ב יי ם פ אַ ב ר י צ י ר ן קאָמישע עפעקטן, שטייט איבער דעם, וועלכער איז אַלגעמיין-אָנגענומען, און וועלכער שטרעבט איינצושליסן די קאָמישע דערשיינונגען אין זייער א ברייטער און זייער א פשוטער פאָרמולע. די דאָזיקע ביידע מעטאָדן שליסן נישט אויס איינער דעם צווייטן; אָבער אַלץ, וואָס דער צווייטער קען געבן, וועט נישט אָנרירן די רעזולטאַטן פון ערשטן; ווייל, לויט מיין מיינונג, איז דער דאָזיקער דער איינציקער, וואָס דערלויבט א שטרענגע און עקזאַקטע וויסנשאַפטלעכקייט.

א. ב.

פּאַריז, יאַנואַר 1924

דאָס ערשטע קאַפּיטל

וועגן קאָמיזם בכלל. — דער קאָמיזם פון פאָרמען און באַוועגונגען. — די עקספּאַנסיווע קראַפט פון קאָמיזם.

וואָס באַדייט דער געלעכטער? אין וואָס באַשטייט דאָס וועזן פון קאָמיזם? וועלכע געמיינזאַמע שטריכן קען מען געפינען צווישן אַ מינע פון אַ פּאַיאַץ, אַ ווערטער-שפּיל, אַ קווי-פּראָ-קוואָ פון אַ פּאַרס און אַ סצענע פון אַ פיינער קאָמעדיע? מיט דער הילף פון וועלכע דיסטילירונגס-מיטלען קענען מיר באַקומען יענע (תמיד דיזעלבע) עסענץ, וואָס אַזוי-פיל פאַרשידענע דערשיינונגען האָבן איר צו פאַרדאַנקען זייער פּראָסטן גערוך, אָדער פיינעם אַראָמאַט? די גרעסטע דענקער, פון אַריסטאָטעלעסן אָן, האָבן געפּרוּווט זייערע כחות אויף דער-דאָזיקער קליינער פּראָבלעם, וועלכע גליטשט זיך תמיד אַרויס פון אונטער די הענט, גלייכט זיך ווידער אויס, און וואַרפט אַ חוצפּהדיקע אַרויספאָדערונג דעם פילאָזאָפישן געדאַנק.

וואָס שייך אונז, האָבן מיר נישט בדעה איינצושליסן די קאָמישע פאַנטאַזיע אין די ענגע ראַמען פון אַ דעפיניציע, און דאָס זאָל אונז דינען אַלס ענטשולדיקונג, וואָס מיר טרעטן ווידער צו צו באַהאַנדלען דידאָזיקע פּראָבלעם. אין דער קאָמישער פאַנטאַזיע זעען מיר, קודם-כל, עטוואָס לעבעדיקס, און

דעריבער, ווי אומוויכטיק עס זאָל נישט זיין איר דערשיינונג, וועלן מיר זי באַהאַנדלען מיטן גאַנצן ערנסט, אויף וועלכן דאָס לעבן האָט רעכט. מיר וועלן זיך באַנוגענען דערמיט, וואָס מיר וועלן זיך צוקוקן צו איר וווּקס און אַנטוויקלונג, און איבערגייענדיק דורך אומבאַמערקבאַר־קליינע ענדערונגען פון פאָרם צו פאָרם, וועט די קאָמישע פאַנטאַזיע דורכמאַכן אויף אונזערע אויגן די וווּנדערבאַרסטע מעטאַמאָרפאָזעס. מיר וועלן נישט פאַרנאַכלעסיקן דאָס מינדסטע פון דעם, וואָס מיר וועלן זען, און ס'קען זיין, אַז אַ דאַנק דעמדאָזיקן כסדרדיקן קאָנטאַקט מיט איר, וועלן מיר געווינען עפּעס מער עלאַסטישעס, ווי אַ טעאָרעטישע דעפיניציע,—אַ פּראַקטישע און אינטימע באַקאַנטשאַפט, וואָס איז תּמיד דער רעזולטאַט פון אַ לאַנג אָנגעהאַלטענער חברשאַפט. און ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, מיר זאָלן זיך איבערציינגן, אַז אומווילנדיק האָבן מיר אָנגעקניפּט אַ נוצלעכע באַקאַנטשאַפט. די קאָמישע פאַנטאַזיע, וואָס איז אויף איר אייגענעם שטייגער לאָגיש, אַפילו אין אירע ווילדסטע שפּרונגען, וואָס איז מעטאָדיש אין משוגעת, וואָס טרוימט (איך בין דאָס מודה), אָבער אין איר טרוימען אַפילו רופט זי אַרויס וויזיעס, וואָס ווערן אַקצעפּטירט און באַגריפן דורך דער גאַנצער געזעלשאַפט, דידאָזיקע קאָמישע פאַנטאַזיע קען אונז אַ סך לערנען וועגן אַרבעטס־אופן פון דער מענטשלעכער פאַנטאַזיע בכלל, און בפרט וועגן דער סאָציאַלער, קאָלעקטיווער, פאָלקסטימלעכער פאַנטאַזיע. די קאָמישע פאַנטאַזיע, וואָס וואַקסט אַרויס פון רעאַלן לעבן, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער קונסט, האָט אונז זיכער אַ סך צו זאָגן וועגן קונסט און לעבן.

קודם כּל וועלן מיר באַטראַכטן דריי, לויט אונזער מיינונג פונדאַמענטאַלע באַאָבאַכטונגען. זיי האָבן אַ שייכות נישט אַזוי צום קאָמיזם אַלייז, ווי צום אָרט, ווו מ'האָט אים צו זוכן.

I

ער ערשטער פונקט, אויף וועלכן כ'וויל אויפמערקזאַם מאַכן, איז פאָלגנדער: מחוץ פון דאָס ריין מ ע נ ט ש ל ע כ ע, איז נישטאָ קיין קאָמיזם. אַ לאַנדשאַפט קען זיין שיין, באַחנט, דערהויבן, גאָר-נישט-זאָגנדיק אָדער מיאוס; זי וועט אָבער קיינמאָל נישט זיין קאָמיש. מ'קען לאַכן פון אַ חיה, אָבער נאָר דערפאַר, ווייל מ'האָט באַמערקט ביי איר אַ פּאָזע פון אַ מענטשן, אָדער אַ מענטשלעכן אויסדרוק. מ'קען לאַכן פון אַ קאַפעליוש; אָבער דאָס לאַכט מען נישט פון דעם שטיקל פילץ, אַדער שטרוי, נאָר פון דער פאָרם, וועלכע מענטשן האָבן אים צוגעגעבן, פון מענטשלעכן קאַפריז, וועלכן ער פאַרקערפערט אין זיך. ס'איז שווער צו פאַרשטיין, וויאַזוי אַזאַ וויכטיקער, כאָטש פשוטער פאַקט, האָט נישט געצויגן אויף זיך מער אויפמערקזאַמקייט מצד די פילאָזאָפן. אייניקע האָבן דעפינירט דעם מענטשן אַלס „חיה, וואָס קען לאַכן". זיי האָבן אים אָבער מיט דעמזעלבן רעכט געקענט דעפינירן אַלס חיה, וואָס רופט אַרויס געלעכטער, ווייל אויב אויך אייניקע אַנדערע חיות, אָדער געוויסע אומבאַלעבטע חפצים קענען דאָס באַווייזן, איז דאָס נאָר אַ דאַנק זייער ענלעכקייט צום מענטשן, אַ דאַנק דעם שטעמפל, וועלכן ער דריקט אַרויף אויף זיי, אָדער אַ דאַנק דעם, וואָס ער באַנוצט זיך מיט זיי.

דער צווייטער, נישט ווייניקער וויכטיקער פאַקט, אויף וועלכן כ'וועל איצט אָנווייזן, איז די ג ע פ י ל ל אָ ז י ק יי ט, וואָס באַגלייט געוויינטלעך דעם געלעכטער. עס ווייזט אויס, אַז דאָס קאָמישע קען אַרויסרופן זיין אייגנאַרטיקע ווירקונג נאָר דאַן, ווען עס קומט אין באַרירונג מיט דער גלייכגעוויכטיקער, רויקער אויבערפלאַך פון דער נשמה. די גלייכגילטיקייט איז זיין נאַטירלעכע סביבה. דער גרעסטער שונא פון געלעכטער

איז דאָס געריִרט-זיין. כ'בין דערמיט נישט אויסן צו זאָגן, אַז מיר קענען נישט לאַכן פון אַ מענטשן, וואָס רופט אַרויס ביי אונז רחמנות, למשל, אָדער אַפילו סימפּאַטיע; מ'מוז אָבער דאַן אויף אַ פּאָר מינוט פאַרגעסן דידאָזיקע סימפּאַטיע, מ'מוז צווינגען צו שווייגן דעמדאָזיקן רחמנות-געפיל. אין אַ געזעלשאַפט פון ריינע אינטעלעקטן וואָלט מען, וואַרשיינלעך, מער נישט געוויינט, אָבער געלאַכט וואָלט מען נאָך אפשר; אָבער תמיד-פילבאַרע, מיטן לעבן ענג-פאַרבונדענע נשמות, אין וועלכע יעדע געשעעניש רופט אַרויס אַ מיטפילנדיקן אָפּקלאַנג, וואָלטן נישט געקענט און נישט פאַרשטאַנען דעם געלעכטער. פּרובירט, אדרבה, אויף איין מאָמענט זיך אינטערעסירן מיט אַלץ, וואָס ווערט גערעדט און וואָס ווערט געטאָן, זייט טעטיק, אין אייער פאַנטאַזיע, מיט די, וואָס האַנדלען, פילט מיט מיט די, וואָס פילן, זעט, אייער סימפּאַטיע זאָל זיך אַנטוויקלען ביז אירע ברייטסטע מעגלעכ-קייטן: ווי אונטער אַ קלאַפּ פון אַ צויבער-שטעקעלע וועלן די נישטיקסטע זאַכן ווערן וויכטיק, און אַ שטרענגער קאָלאָריט וועט איינהילן אַלע זאַכן. פאַרקערט ווידער, רייסט זיך אָפּ פון גאַנצן אַרום, קוקט זיך צו צום לעבן פון דער זייט, ווי גלייכ-גילטיקע צוקוקער, און אַ סך דראַמעס וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין קאָמעדיעס. ס'איז גענוג מיר זאָלן אין אַ טאַנץ-זאַל פאַר-שטאָפּן די אויערן און נישט הערן די מוזיק, כדי די טענצער זאָלן אונז תיכּף ומיד פאָרקומען קאָמיש. וויפל מענטשלעכע האַנדלונגען וואָלטן ביישטיין אַזאַ מין פּרווו? און צי דען וואָלטן מיר נישט געווען קיין עדות דערפון, ווי אַ סך פון זיי וואָלטן אין איין מינוט פאַרוואַנדלט געוואָרן פון ערנסטע אין קאָמישע, ווען מיר זאָלן זיי איזאָלירן פון דער געפיל-מוזיק, וועלכע באַגלייט זיי? אַזוינאָך זעען מיר, אַז כדי דאָס קאָמישע זאָל קענען ווי געהעריק ווירקן, פאָדערט זיך אַ מין צייטווייליקע אַנעסטעזיע פון האַרץ, ווייל עס רעדט אויסשליסלעך צום ריינעם אינטעלעקט.

אָבער דערדאָזיקער אינטעלעקט מוז דערביי שטיין אין קאָנ-טאַקט מיט אַנדערע אינטעלעקטן. און דאָס איז דער דריטער פּונקט.

אויף וועלכן כ'וויל אויפֿמערקזאַם מאַכן. ווען מענטשן זאָלן זיך פֿילן איינזאַם, וואָלטן זיי נישט געפֿילט דאָס קאָמישע. עס ווייזט אויס, אַז דער געלעכטער נויטיקט זיך אין אַ ווידערקול. הערט זיך גוט צו צום געלעכטער: דאָס איז נישט קיין אַרטיקולירטער, קלאָרער, פֿאַרענדיקטער קלאַנג, נאָר עפּעס אַזוינס, וואָס וואָלט וועלן דויערן, אָפּהילכנדיק פֿון אָרט צו אָרט; עפּעס אַזוינס, וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ הילכיקן אויסברוך, און קייקלט זיך דערנאָך ווייטער, ווי דער דונער אין די בערג. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז דער געלעכטער מוז אָפּהילכן אין דער אומענדלעכקייט אַריין. ער קען זיך אויסשפּרייטן אין שטח פֿון אַ אומבאַגרענעצט גרויסן קרייז, אָבער דער קרייז בלייבט שטענדיק אָפּגעשלאָסן. אונזער געלעכטער איז תּמיד אַ געלעכטער פֿון אַ באַשטימטער גרופּע. אייך איז אפֿשר אויסגעקומען צו הערן אין וואַגאָן, אָדער ביי אַ מיטאָג-טיש, ווי רייזנדער דערציילן זיך געשיכטעס, וועלכע זיי האַלטן, מסתּמא, פֿאַר זייער קאָמיש, ווייל זיי לאַכן דערביי כּסדר פֿולן האַרצן. ווען איר זאָלט געהערן צו זייער געזעלשאַפֿט, וואָלט איר געלאַכט נישט ווייניקער פֿאַר זיי; אָבער היות איר געפֿינט זיך מ'חוץ פֿון זייער קרייז, פֿילט איר נישט דעם מינדסטן חשק צו לאַכן. מ'האָט אַמאָל איינעם געפֿרעגט, פֿאַרוואָס ער האָט נישט געוויינט בעת אַ דרשה, ביי וועלכער אַלע אַנוועזנדיקע האָבן פֿאַרגאָסן טייכן טרערן. האָט ער געענטפֿערט: „כ'געהער נישט צו דערדאָזיקער געמיינדע”. די מיינונג פֿון דאָזיקן מענטשן וועגן געוויין, וואָלט אַ סך מער געפּאַסט פֿאַרן געלעכטער. דער אויפֿריכטיק־אָפֿנהאַרציקסטער געלעכטער באַהאַלט תּמיד הינטער זיך עפּעס אַן אָפּגערעדטן הינטער־געדאַנק, כ'וואָלט אַפֿילו געזאָגט — אַן עלעמענט פֿון פֿאַרשווערערשאַפֿט מיט אַנדערע לאַכערס, ווירקלעכע אָדער אויסגעטראַכטע. שוין נישט איינמאָל איז באַמערקט געוואָרן, אַז וואָס פֿולער עס איז דער טעאַטער־זאַל, אַלץ שטאַרקער הילכט דער געלעכטער פֿון צוקוקער. פֿון דער צווייטער זייט ווידער איז שוין נישט איינמאָל פֿעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אַ סך קאָמיזמען קענען נישט איבערגעזעצט ווערן פֿון איין

שפראַך אין דער צווייטער, ד. ה., אז זיי זענען אומצערייסבאַר פאַרבונדן מיט די זיטן און אידעען פון אַ באַשטימטער געזעלשאַפט. נאָר דערפאַר, ווייל מ׳האָט נישט באַגריפן די וויכטיקייט פון דאָזיקן דאָפּלטן פאַקט, האָט מען דאָס קאָמישע געקענט באַטראַכטן ווי אַן איינפאַכן קוריאָז, אַ מין שפּיל פאַרן גייסט, און דעם געלעכטער ווי אַ מאָדנעם, איזאָלירטן פענאָמען, וואָס שטייט נישט אין קיין שום פאַרבינדונג מיט די איבעריקע דערשיינונגען פון מענטשלעכער טעטיקייט. דערפון נעמען זיך די דעפיניציעס, וואָס ווילן זען אין קאָמיזם אַן אַבסטראקטע לאָגישע שייכות צווישן אידעען, א „אינטעלעקטועלן קאָנטראַסט״, אַ „געפּיל-אבסורדד״ א. א. וו. אָבער ווען דידאָזיקע דעפיניציעס זאָלן אַפילו זיין צוגעפּאַסט צו אַלע פאָרמען פון קאָמיזם, וואָלטן זיי אויך בשום אופן נישט געקענט דערקלערן, פאַרוואָס דאָס קאָמישע רופט אַרויס ביי אונז אַ געלעכטער. און באמת, פונוואַנעט נעמט זיך, וואָס ווי נאָר מיר באַמערקן דידאָזיקע ספּעציפישע, לאָגישע באַציונג, ווערן מיר אויפגעטרייסלט, אונזערע מוסקולן קאָרטשען זיך איין און גלייכן זיך אויס, בעת אַלע אַנדערע באַאָבאַכטונגען לאָזן אונזער קערפּער גלייכגילטיק? ניין, נישט פון דערדאָזיקער זייט וועלן מיר צוטרעטן צו דער פּראָבלעם, כדי זי צו לייזן. ווייל מען פאַרשטיין דעם געלעכטער, מוז מען אים באַאָבאַכטן אין זיין נאַטירלעכער לעבנס-סביבה, ד. ה. אין דער געזעלשאַפט; קודם כל דאַרף מען דעפינירן זיין נוצלעכע פונקציע, וואָס טראָגט אַ בולטן סאָציאַלן כאַראַקטער. און לאָמיר עס זאָגן גלייך פון אָנהויב: דערדאָזיקער געדאַנק וועט זיין דער וועגווייזער אין אונזערע אַלע אונטערזוכונגען. דער געלעכטער מוז באַפרידיקן געוויסע פאָדערונגען פון קאָלעקטיוון לעבן. דער געלעכטער מוז האָבן אַ סאָציאַלע באַדייטונג.

איצט לאָמיר קלאָר אָנצייכענען דעם פונקט, ווו עס לויפן זיך צענויף אונזערע דריי אַריינפירנדיקע באַמערקונגען. ווי עס ווייזט אויס, ווערט דאָס קאָמישע געבוירן דאַן, ווען מענטשן, פאַראייניקט אין אַ גרופּע, ווענדן זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט

אויף איינעם פון צווישן זיך, אונטערדריקן זייער געפילס-לעבן און לאָזן קומען צום וואָרט בלויז דעם פאַרשטאַנד. אין וואָס באַשטייט אָבער דער ספּעציעלער פּונקט, אויף וועלכן דידאַקטיקע גרופּע מענטשן ווענדט איר אויפמערקזאַמקייט? און מיט וואָס פאַרנעמט זיך אין דאָזיקן פאַל דער אינטעלעקט? ענטפערן אויף דידאַקטיקע פראַגן וואָלט הייסן אַזוי גוט ווי צוקומען גאָר נאָענט צו דער עיקר-פּראָבלעם. אָבער פריער איז אומבאַדינגט נויטיק צו באַטראַכטן עטלעכע ביישפּילן.

II

אַ מענטש, וואָס גייט איבערן גאַס, האָט זיך אויסגעגליטשט און אומגעפאַלן: די דורכגייער לאַכן. איך מיין, אַז מ׳וואָלט פון אים נישט געלאַכט, ווען מיר זאָלן קענען אָננעמען, אַז אים איז פּלוצלונג איינגעפאַלן זיך אַנידערצוזעצן אינמיטן גאַס; מ׳לאַכט דערפון, וואָס ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אומווילנדיק. נישט דאָס, וואָס ער האָט פּלוצלונג געענדערט זיין פּאָזע, רופט אַרויס אַ געלעכטער, נאָר דאָס אומגעוואָלטע, וואָס אין דער ענדערונג, זיין אומגעשיקטקייט. ס׳קען זיין, אַז אַ שטיין איז געלעגן אויפן וועג און מ׳האָט געדאַרפט ענדערן דעם גאַנג, אָדער אַרומגיין די שטרויכלונג. אָבער צוליב מאַנגל אין עלאַסטישקייט, צוליב צעשטרייטקייט, אָדער צוליב דעם ווידערשטאַנד פון קערפּער, אַלס רעזולטאַט פון אַ געוויסער פאַרשטייפטקייט, אָדער אַ איינגעשטעלטן אימפּעט, האָבן די מוסקולן ווייטער אויסגעפירט דיזעלבע באַוועגונגען, בעת די באַדינגונגען האָבן געפאָדערט עפּעס אַנדערש. דאָס איז די איינציקע סיבה,

פאַרוואָס דער מענטש איז אומגעפאַלן און די דורכג״ער האָבן געלאַכט.

לאָמיר איצט נעמען אַ צווייטן ביישפּיל: מיר האָבן פאַר זיך אַ פּערזאָן, וואָס פירט אויס זיינע קליינע באַשעפטיקונגען מיט אַ מאַטעמאַטישער פּינקטלעכקייט. האָט אָבער איינמאָל אַ בייזער וויצלינג איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ אַלע חפצים, וואָס רינגלען אים אַרום אין זיין צימער. און אָט טונקט איין דידאָזיקע פּערזאָן די פעדער אין טינטער און שלעפּט פון דאָרט אַרויס בלאָטע, זי וויל זיך זעצן אויף אַ שטול און ציט זיך אויס אויפן דיל, מיט איין וואָרט, זי טוט אַלץ פאַרקערט, אָדער אויף פוסט; דאָס געשעט דערפאַר, ווייל די געוווינהייט האָט פאַרוואָרצלט אין דערדאָזיקער פּערזאָן אַ געוויסע קאָמבי-נאַציע פון באַוועגונגען; איצט האָט זי געדאַרפט אָפּהאַלטן געוויסע באַוועגונגען, אָדער זיי אָפּווענדן אָן אַ זייט; אָבער אנשטאָט דעם, פירט זי זיי ווייטער אויס מעכאַניש, אויף אַ האָר נישט אַנדערש ווי פריער. דער קרבן פון צימער-כאַרס געפינט זיך אַזוי אַרום אין אַ ענלעכער סיטואַציע, ווי דער אומגעפאַלענער דורכגייער. ער איז קאָמיש צוליבן זעלבן טעם. דער קאָמיזם פון ביידע ביישפּילן באַשטייט אין אַ געוויסער פ אַ ר ש ט י י פ ט ק י י ט פ ו ן אַ מ ע כ אַ נ י ז ם, וועלכע מיר געפינען דאָרט, וווּ מיר וואָלטן וועלן זען אויפמערקזאַמע עלאַסטישקייט און לעבעדיקע בויגעוודיקייט פון אַ באַוווסט-זיניקן וועזן. דער איינציקער אונטערשייד צווישן דידאָזיקע ביידע פאַלן באַשטייט אין דעם, וואָס דער ערשטער קומט פאָר פון זיך אַליין, בעת דער צווייטער ווערט אַרויסגערופן קינסטלעך. דער דורכגייער האָט נישט מער ווי אָ ב ס ע ר ו ו י ר ט, דאָ אָבער האָט דער בייזער וויצלינג געמאַכט אַן עקספּערימענט.

אָבער אין ביידע פאַלן איז די ווירקונג אַרויסגערופן געוואָרן דורך אַן אויסערלעכער באַדינגונג. אַזוי אַרום איז דער קאָמיזם אַ זאַך פון צופאַל; ער בלייבט, אַזוי צו זאָגן, אויף דער אויבערפלאַך פון דער פּערזאָן. ווי אַזוי-זשע קען ער אַריינ-דרינגען אין דער טיף? דערצו איז נויטיק, אַז די מעכאַנישע

פאַרשטייפּטקייט זאָל זיך קענען מאַניפעסטירן אָן, דער הילף פון אַ שטרויכלונג, וועלכע עס שטעלט פאַר איר דער צופאַל, אָדער די בייזוויליקייט פון מענטשן; ס'איז נויטיק, זי זאָל דורך אַ נאַטירלעכן פּראָצעס שעפּן פון די אייגענע טיפענישן די כסדר באַנייטע געלעגנהייט צו מאַניפעסטירן זיך נאָך אויסנווייניק. לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַ מח, וואָס איז תמיד פאַרנומען מיט דעם, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, און קיינמאָל נישט דערמיט, וואָס ער טוט איצט, ווי אַ מעלאָדיע, למשל, וואָס פאַרשפּעטיקט איר אקאמפּאַנעמענט. לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַ געוויסע איינגעבאָרענע נישט-בויגעוודיקייט פון די חושים און פון אינטעלעקט, וואָס פירט דערצו, מ'זאָל זען דאָס, וואָס איז שוין פאַרשוווּנדן, מ'זאָל הערן דאָס, וואָס האָט שוין אָפּגעקלונגען, מ'זאָל רעדן דאָס, וואָס איז שוין נישט צו דער זאַך, מיט איין וואָרט, תמיד זיך צופּאַסן צו אַ פאַרפלאָסענער סיטואַציע, וואָס לעבט אין דער פאָרשטעלונגס-קראַפט, בעת מ'דאַרף זיך צופּאַסן צו דער געגנ-בענער ווירקלעכקייט. אין דאָזיקן פאַל וואָלט דער קאָמיזם געהאַט איר אויסגאַנגס-פּונקט אין דער פּערזאָן גופא: זי אַליין וועט אים געבן אַלץ: די מאַטעריע און די פאָרם, די סיבה און די געלעגנהייט. טאָ וואָס איז דער וווּנדער, וואָס דער צעטראָ-גענער (ווייל דעמדאָזיקן טיפּ האָבן מיר דאָך נאָרוואָס באַ-שריבן) האָט פון תמיד אָן באַגייסטערט די הומאָריסטן? ווען לאַ ברויער האָט אָנגעטראָפן דעמדאָזיקן כאַראַקטער, האָט ער פאַר-שטאַנען, אַנאַליזירנדיק אים, אַז ער באַזיצט אַ רעצעפּט פאַר אַ הורט-פאַבריקאַציע פון קאָמישע עפעקטן. ער האָט אים אָבער צופיל עקספּלואַטירט. ער האָט מענאַלקן צו אויספירלעך באַ-שריבן, זיך אַריינגעלאָזן אין איבעריקע פּרטים, אין אָן אַ שיר איבערחזורונגען: די לייכטקייט פון סוזשעט האָט אים פאַרפירט. די צעטראָגנקייט אליין אַנטפּלעקט נאָך אפשר נישט פאַר אונז דעם אייגנטלעכן מקור פון קאָמיזם, אָבער אַ דאַנק איר געפינט מען זיך אָן ספק אין רעכטן מיטן פון אַ געוויסן שטראָם פאַקטן און געדאַנקען, וועלכע פליסן דירעקט פון מקור; מ'געפינט זיך שוין אויף איינעם פון די נאַטירלעכע

בריטע וועגן, וואָס פירן צום געלעכטער.

אָבער אויך דער עפעקט פון צעטראָגנקייט קען נאָך פּאַרטיפט ווערן. עס איז דאָ אַן אַלגעמיינער כלל, וועלכן מיר ווענדן דאָ אָן צום ערשטן מאָל און וועלכער קען פאָרמולירט ווערן אַזוי: ווען אַ געוויסער קאָמישער עפעקט פליסט אַרויס פון אַ געוויסער סיבה, איז וואָס מער די סיבה וועט אונז פאַרקומען נאַטירלעך, אַלץ קאָמישער וועט אויף אונז ווירקן דער עפעקט. די צעטראָגנקייט, וועלכע דערשיינט פאַר אונז אַלס פשוטער פאַקט, רופט שוין אַרויס ביי אונז אַ געלעכטער. אַ סך קאָמישער נאָך וועט אונז פאַרקומען די צעטראָגנקייט, וועלכע ווערט געבוירן און וואַקסט אָן אויף אונזערע אויגן, וואָס מיר קענען איר אָפּשטאַמונג און מיר קענען רעקאָנסטרואירן איר אַנטשטעאונגס-געשיכטע. לאָמיר נעמען אַ קאָנקרעטן ביישפּיל: אַ געוויסע פערזאָן שפּייזט זיך כסדר מיט ליבעס-און ריטער-ראָמאַנען. באַצויבערט, היפּנאָטיזירט דורך זיינע העלדן, גיט ער זיי ביסלעכווייז אָפּ אַלע זיינע געדאַנקען און זיין גאַנצן ווילן. ער גייט אַרום צווישן אונז ווי אַ סאָמנאַמבול. זיינע האַנד-לונגען זענען אַקטן פון צעטראָגנקייט. מער נישט, די דאָזיקע גאַנצע צעטראָגנקייט פליסט אַרויס פון אַ באַקאַנטער, קאָנ-קרעטער סיבה. דאָס זענען נישט פשוט קיין אַקטן פון אַ צו-שטאַנד, ווען דער גייסט איז אָ פּ וועזנדיק; זיי דער-קלערן זיך דורך דער פערזאָנס אָ נ וועזנהייט אין אַ קלאָר-באַשטימטער, כאָטש אויסגעטראַכטער סביבה. אַראָפּפאַלן איז אָן ספק קיינמאָל נישט אַנגענעם; אָבער עפּעס אַנדערש איז, ווען מ׳פאַלט אַריין אין אַ ברונעם, ווייל מ׳האָט געקוקט ווייס איך ווו, און ווידער עפּעס אַנדערש איז, ווען מ׳פאַלט אַריין אַהין, ווייל מ׳האָט זיך פאַרקוקט אויף אַ שטערן. דאָן קישאָט, למשל, געהערט צו די, וואָס פאַרקוקן זיך אויף אַ שטערן. די ראָ-מאַנטישע און די כימערישע גייסטער פאַרמאָגן טאַקע אין זיך אַזויפיל טיפן קאָמיזם! און פונדעסטוועגן, ווען מיר באַטראַכטן ווידער די אידעע פון צעטראָגנקייט, וועלכע דאַרף דינען אַלס פאַרבינד-גליד צווישן ביידע קאָמיזמען, זעען מיר, אַז דערדאָזיקער

טיפער דאָן-קישאָטישער קאָמיזם פאַרבינדט זיך מיטן אויבערפלעכלעכסטן. יאָ, דידאָזיקע כימערישע גייסטער, דידאָזיקע עקזאַלטירטע, דידאָזיקע משוגעים, וואָס זענען אַזוי מאָדנע לאָגיש, רופן אַרויס ביי אונז געלעכטער דורך באַרירן אין אונז דיזעלבע סטרונעס, דורך ברענגען אין באַוועגונג דעמזעלבן אינערלעכן מעכאַניזם, ווי דער קרבן פון צימער-פּאַרס, אָדער דער דורכגייער, וואָס גליטשט זיך אויס אינמיטן גאַס. ווייל אויך זיי, די תמימותדיקע טרוימער, זענען דורכגייער, וואָס פאַלן, און נאַיווע, וועלכע ווערן מיסטיפיצירט,—זיי ווערן געשטרויכלט אין דער ווירקלעכקייט אויף זייער וועג צום אידעאַל, און ווערן בייזוויליק אָפּגענאַרט דורך דעם לעבן. אָבער דידאָזיקע גרויסע צעטראָגענע דערהויבן זיך איבער די אַנדערע דערמיט, וואָס זייער צעטראָגנקייט איז אַ סיסטעמאַטישע, אָרגאַניזירט אַרום אַ צענטראַלער אידעע,—וואָס זייערע שלימאַזלערייען אַפילו זענען פאַרבונדן צווישן זיך דורך יענער אייזערנער לאָגיק, וועלכע די ווירקלעכקייט באַנוצט אויף צו קאָריגירן די טרוימען, — און צולעצט דורכדעם, וואָס אַ דאַנק זייערע קאָמישע עפעקטן, וועלכע קענען כסדר וואַקסן אין צאָל און זיך סומירן, רופן זיי אַרויס אַרום זיך אַן אומאויפהערלעכן, כסדר וואַקסנדיקן געלעכטער.

איצט לאָמיר גיין אַ טריט ווייטער און אויספאָרשן, צי געוויסע שלעכטע מידות באַדייטן נישט אַמאָל פאַרן כאַראַקטער דאָסזעלבע, וואָס די פאַרשטייפטקייט פון אַ פיקסער אידעע — פאַרן „גייסט. צי די שלעכטע מידה וואָרצלט אין דער שלעכטער נאַטור פון מענטשן, אָדער זי איז אַ רעזולטאַט פון אַ קרענקלעכער כאַראַקטער-פאַרשטייפונג, — כמעט תמיד איז זי ענלעך אויף אַ פאַרקריפלונג פון דער נשמה. אמת, עס זענען דאָ שלעכטע מידות, אין וועלכע דעם מענטשנס נשמה וואַקסט אַריין מיט אַלע אירע שעפערישע כחות און באַלעבט זיי, רייסט זיי מיט אין באַוועגטן קרייז פון מעטאַמאָרפאָזעס. דאָס זענען די טראַגישע שלעכטע מידות. אָבער די שלעכטע מידה, וואָס מאַכט אונז קאָמיש, איז, פאַרקערט, געגליכן צו אַ פאַרטיקער ראַם, וועלכע מ'טראָגט אונז צו פון אויסן און מיר שטעלן זיך

אריין אין איר. זי צווינגט אויף אונז ארויף איר שטייפקייט, אנשטאט איבערצונעמען פון אונז אונזער עלאסטישקייט. מיר מאכן זי נישט קאמפליצירטער; פארקערט, זי פאראיינפאכט אונז. און דא, דאכט זיך מיר, דארף מען זוכן, — ווי מיר וועלן זיך באמיען אויפצווייזן גענויער אין לעצטן טייל פון דאזיקן עטיוד, — דעם וועזנטלעכן אונטערשייד צווישן דער קאמעדיע און דער דראמע. א דראמע, ווען זי מאלט אפילו ליידנשאפטן, אדער שלעכטע מידות, וואס טראגן א באשטימטן נאמען, שמידט זי זיי אזוי שטארק צונויף מיט דער פערזענלעכקייט פון די האנדלענדיקע פערזאנען, אז מיר פארגעסן זייער נאמען, עס ווערט פארווישט זייער אלגעמיינער כאראקטער, אזוי, אז מיר הערן בכלל אויף צו טראכטן וועגן זיי, שענקנדיק אונזער גאנצע אויפמערקזאמקייט דער פערזאן, וועלכע איז אינגאנצן דורכגעדרונגען מיט זיי; דעריבער קען א דראמע טראגן אלס טיטל בלויז אן אייגנאמען, בעת א סך קאמעדיעס טראגן אן אלגעמיינעם טיטל: „דער קארגער", „דער קארטנשפילער" א. א. וו. ווען איך וועל אייך פארלייגן זיך דערמאנען א פיעסע, וואס קען, למשל, אנגערופן ווערן „דער אייפערזיכטיקער", וועט איר זען, אז אייך וועט קומען אויפן רעיון „סגאנארעל", אדער „זשארזש דאנדען", אבער נישט „אטעללא:" „דער אייפערזיכטיקער" קען זיין א טיטל בלויז פון א קאמעדיע. ווייל, ווי ענג דער קאמישער כאראקטער-פעלער זאל נישט זיין פארבונדן מיט די האנדלענדיקע פערזאנען, היט ער תמיד איין זיין זעלבשטענדיקע, איינפאכע עקזיסטענץ; ער בלייבט די צענטראלע פיגור, — די אומגעזעענע, אבער כסדר אנוועזנדיקע, — צו וועלכער די פערזאנען פון פלייש און ביין זענען אויף דער סצענע צוגעטשעפעט. אפטמאל מאכט ער זיך א שפאס און שלעפט נאך מיט זיין משא די האנדלענדיקע פערזאנען, און לאזט זיך זיי אראפקייקלען צוזאמען מיט אים פון א שפועדיקן קאנט. אבער נאך אפטער שפילט ער אויף זיי, ווי אויף אינסטרומענטן, אדער מושטירט זיי, ווי מאריאנעטקעס. קוקט זיך נאר צו נעענטער, וועט איר איינזען, אז די קונסט פון א

הומאָריסטישן דיכטער באַשטייט אין דעם, וואָס ער באַקענט אונז מיטן דאָזיקן פעלער אַזוי גרינטלעך, לאָזט אונז, די צו־שויער, אַזוי טיף אַריינקוקן אין זיין אינטימן לעבן, אַז ער גיט איבער אין אונזערע הענט עטלעכע פעדים פון דער מאַריאָנעטקע, מיט וועלכער ער שפּילט; און אויך מיר הויבן אָן צו שפּילן מיט איר; און דערפון טאַקע באַקומען מיר אַ טייל פון אונזער פאַרגעניגן. הייסט עס, אַז אויך דאָ רופט אַרויס אונזער געלעכטער אַ מין מעכאַנישקייט ביים האַנדלען; און דידאָזיקע מעכאַנישקייט שטייט אין נאָנטער קרובהשאַפט צו דער איינפאַכער צעטראָגנקייט. כדי מיר זאָלן זיך אין דעם איבערצייגן, איז גענוג צו באַמערקן, אַז א קאָמישע פּערזאָן איז בדרך כלל אַלץ מער קאָמיש, וואָס ווינציקער זי קען זיך אַליין. דער קאָמיזם איז אומבאַוווּסטזיניק. ריכטיק ווי זי וואָלט באַנוצט גיגעסעס*) רונג מיט אַ פאַרקערטן רעזולטאַט, ווערט זי אומזעבאַר פאַר זיך אַליין, בעת אַלע אַנדערע זעען זי יאָ. א העלד פון אַ טראַגעדיע וועט אויף קיין האָר נישט ענדערן זיין פירונג צוליב דעם, וואָס ער וועט וויסן ווי אַזוי מיר משפּטן וועגן אים; ער וועט ווייטער האַנדלען ווי פריער, ווען ער וועט זיך אַפילו אָפּגעבן אַ קלאָרן דין־וחשבון דערפון, וואָס ער איז, ווען ער וועט אַפילו קלאָר פילן די שרעק, וועלכע ער וואַרפט אָן אויף אונז. אָבער ווי נאָר אַ קאָמישע פּערזאָן דערפילט זיך קאָמיש, באַמיט זי זיך צו ענדערן, לכל הפחות אויסערלעך. ווען האַרפּאַגאָן**) זאָל זען, ווי מיר לאַכן פון זיין קאַרגשאַפט, וואָלט ער זיך, אמת, נישט אויסגעהיילט דערפון אינגאַנצן, אָבער ער וואָלט זי אונז ווינציקער אַרויסגעוויזן, אָדער ער וואָלט זי אונז אַרויסגעוויזן אַנדערש. און לאָמיר עס גלייך זאָגן: אין דאָזיקן זין טאַקע ווייזט זיך אַרויס די אייגנשאַפט פון געלעכטער צו „רייניקן די זיטן”. ער ווירקט,

*) לויט דער קלאַסישער לעגענדע אַ יונגער לידישער פּאַסטוך, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ מאַגישן רונג, מיט דער הילף פון וועלכן ער פלעגט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ רואה ואינה נראה. (דער איב.)

**) הויפּט־העלד פון מאָליערס „דער קאַרגער”. (איב.)

מיר זאָלן זיך תּיכף ומיד אַרויסשטעלן פֿאַר אַזעלכע, ווי מיר וואָלטן געדאַרפֿט זיין, און אַ דאַנק דעם איז קיין ספק נישט, אַז מיט דער צייט וועלן מיר דאָס ווערן אויף אַן אמת.

דערווייל קענען מיר אָפּשטעלן דעמדאָזיקן אַנאַליז. פֿון דורכגייער וואָס פֿאַלט, ביזן נאַיוון, וועלכן מען מיסטיפֿיצירט, פֿון מיסטיפֿיקאַציע ביז צעטראָגנקייט, פֿון צעטראָגנקייט ביז עקזאַלטאַציע, פֿון עקזאַלטאַציע ביז די פֿאַרשידנסטע פֿאַרקריפּלונגען פֿון ווילן און כאַראַקטער,—דורך דידאָזיקע אַלע גראַדאַציעס האָבן מיר נאָכגעפֿאָלגט דעם פּראָצעס, דורך וועלכן דער קאָמיזם דרינגט אַריין אַלץ טיפֿער און טיפֿער אין דער פּערזענלעכקייט פֿון מענטשן; דערביי האָבן מיר אויף קיין איין מינוט נישט פֿאַרגעסן, אַז אַפֿילו אין די סובטעלסטע דערשיינונגען פֿון קאָמיזם באַמערקן מיר עפּעס אַזוינס, וועלכעס מיר געפֿינען אין זיינע גרעבסטע פֿאָרמען: דאָס איז דער עפֿעקט פֿון מעכאַנישקייט און פֿאַרשטייפֿטקייט. איצט קענען מיר שוין באַקומען דעם ערשטן אויסבליק,—כאָטש פֿון גאַנץ ווייט און במילא אַ שטאַרק פֿאַרנעפּלטן, — אויף דער קאָמישער זייט פֿון דער מענטשלעכער נאַטור און אויף דער געוויינלעכער פֿונקציע פֿון געלעכטער.

דאָס לעבן און די געזעלשאַפֿט פֿאָדערן פֿון יעדן איינעם אַ תּמיד וואַכזאַמע אויפֿמערקזאַמקייט, וועלכע זאָל זיך גוט אָריענטירן אין יעדער סיטואַציע, און חוצדעם אַ געוויסע עלאַסטישקייט פֿון קערפּער און גייסט, וועלכע גיט אונז די מעגלעכקייט זיך צוצופּאַסן צו דידאָזיקע סיטואַציעס. שפּאַנקראַפֿט און ע ל אַ ס ט י ש ק יי ט זענען די צוויי קעגנזייטיק זיך דערגאַנצנדיקע כּוחות, וועלכע דאָס לעבן פֿירט אַריין אין שפּיל. ווען זיי פֿעלן דעם קערפּער אין אַ גרויסער מאָס, איז דאָס די סיבה פֿון אַלערליי פֿאָרפֿאַלן, פֿאַרקריפּלונגען, קראַנקהייטן. פֿעלן זיי דעם גייסט, רופֿט דאָס אַרויס פֿאַרשידענע גראַדאַציעס פֿון פּסיכאָלאָגישער מינדערווערטיקייט, אַלערליי צרטן משוגעת. און ווען זיי פֿעלן דעם כאַראַקטער, איז דאָס די סיבה פֿון דער אוממעגלעכקייט זיך צוצופּאַסן צום סאָציאַלן

לעבן, איז דאָס דער מקור פֿון נויט, און אָפֿט — פֿון פֿאַרברעכן. ווי נאָר דער מענטש באַזײַטיקט זײַנע דאָזיקע מינדערווערטיקייטן". (און די דאָזיקע פֿעלערן האָבן אַ טענדענץ צו פֿאַרשווינדן פֿון זיך אַליין אין דעם אַזויגערופֿענעם קאַמף פֿאַר דער עקזיסטענץ), ווערט ער פֿעיִק צום סאָציאַלן לעבן. אָבער די געזעלשאַפֿט פֿאָדערט נאָך עפּעס. זי וויל נישט סתּם לעבן: זי וויל פֿירן אַ גוט לעבן. זי האָט אַ גרונט מורא צו האָבן, אַז יעדער פֿון אונז, צופֿרידן פֿון דעם, וואָס ער גיט אַכטונג אויף אַלץ, וואָס האָט אַ שײַכות צום עיקר פֿון לעבן, זאָל זיך אין אַלעם אַנדערן נישט אָנטרויען דעם לײַכטן מעכאַניזם פֿון אײנמאָל פֿאַר אַלעמאָל אויסגעאַרבעטע געוווינהייטן. אויך דאַרף זי מורא האָבן, אַז אָנשטאָט צו שטרעבן צו אַלץ אַ פֿײַנערן גלײַכגעוויכט פֿון אַלע זײַערע ווילנס, זאָלן זיך אירע מיטגלידער נישט באַנוגענען מיט רעספּעקטירן די פֿונדאַמענטאַלע באַדינגונגען פֿון דאָזיקן גלײַכגעוויכט: די געזעלשאַפֿט קען זיך נישט באַפֿרידיקן מיט דער עקזיסטירנדיקער פֿאַרשטענדיקונג צווישן אירע מיטגלידער, זי פֿאָדערט אַן אומאויפֿהערלעכע אָנשטרענגונג צו אַ קעגנזײַטיקער צופּאַסונג. יעדע *פֿאַרשטײפֿונג* פֿון כאַראַקטער, פֿון גײַסט און אַפֿילו פֿון קערפּער, רופֿט דערפֿאַר אַרויס אַ חשד בײַ דער געזעלשאַפֿט, ווײַל זי איז אַ מעגלעכער סימן פֿון אַ קראַפֿט, וואָס דרימלט אײַן און איזאָלירט זיך, וואָס ווײַזט אַרויס אַ טענדענץ זיך אָפּצורוקן פֿון געזעלשאַפֿטלעכן צענטער, מיט אײן וואָרט — פֿון אַ עקסצענטרישער דערשײַנונג. די געזעלשאַפֿט קען אָבער נישט אין דאָזיקן פֿאַל זיך אַרײַנמישן דורך מאַטעריעלע רעפּרעסיעס, ווײַל מאַטעריעל דראָט איר קײן שום סכּנה נישט. זי שטײט פֿאַר אַן עפּעס, וואָס באַאומרויִקט זי, אָבער בלויז אַלס דראָאונג, העכסטנס אַלס זשעסט. און דעריבער ענטפֿערט זי אויך מיט אַ פּשוטן זשעסט. דער געלעכטער שטעלט טאַקע פֿאָר מיט זיך עפּעס ענלעכעס, אַזאַ מין *סאָציאַלן זשעסט*. דורך דער מורא, וועלכע ער וואַרפֿט אַן, אונטערדריקט ער די עקסצענטרישקײטן; ער האַלט אויף אין צושטאַנד פֿון כּסדרדיקער

וואַכזאַמקייט און קעגנזייטיקן קאָנטאַקט געוויסע כחות פון צווייטראַנגיקער באַדייטונג, וועלכע שטייען פאַר דער סכנה איזאָלירט צו ווערן, אָדער איינצודרימלען; און צולעצט, אַלץ, וואָס איז מעכאַניש-פאַרשטייפט אויף דער אויבערפלאַך פון סאָציאַלן קערפער, מאַכט ער עלאַסטיש. אַזוי אַרום פליסט נישט אַרויס דער געלעכטער פון ריינער עסטעטיק, ווייל ער פאַר-פאָלגט (אומבאַוווסטזיניק, און אין אַ סך באַזונדערע פאַלן אַפילו אוממאָראַליש) אַ אוטיליטאַרן ציל פון אַלגעמיינער פאַרפולקאָ-מונג. פונדעסטוועגן פאַרמאָגט ער אין זיך עפּעס עסטעטישעס, ווייל דער קאָמיזם ווערט געבוירן אין אַ באַשטימטן מאָמענט, ווען די געזעלשאַפט און דער יחיד, באַפרייטע פון זאָרג פאַר זייער דערהאַלטונג, הייבן אָן צו קוקן אויף זיך אַליין ווי אויף קונסט-ווערק. מיט איין וואָרט, ווען מיר שליסן איין אין אַ קרייז די האַנדלונגען און נייגונגען, וואָס שעדיקן דעם אינדיווידועלן אָדער סאָציאַלן לעבן, און וועלכע באַשטראָפן זיך אַליין דורך זייערע נאַטירלעכע קאָנסעקווענצן, בלייבט מחוץ דעמדאָזיקן געביט פון עמאָציעס און קאַמף אַ נייטראַלע צאָנע, ווו איין מענטש איז פאַרן צווייטן גאַנץ פשוט נישט מער ווי אַ פאַר-שטעלונג; און די געוויסע פאַרשטייפונגען פון קערפער, גייסט און כאַראַקטער, וועלכע טרעפן זיך אין דערדאָזיקער צאָנע: וואָלט די געזעלשאַפט וועלן באַזייטיקן, כדי אַרויסצובאַקומען פון אירע מיטגלידער די גרעסטע עלאַסטישקייט און די העכסטע געזעלשאַפטלעכקייט. אָט דידאָזיקע פאַרשטייפונג איז דער קאָמיזם, און דער געלעכטער איבער אים — זיין שטראָף.

מיר דאַרפן אָבער נישט פאָדערן פון דערדאָזיקער פשוטער פאָרמולקע, זי זאָל אונז תיכף-ומיד דערקלערן אַלע דערשיינונגען פון קאָמיזם. זי איז אָן ספק צוגעפּאַסט צו עלעמענטאַרע, טע-אָרעטישע, פולקאָמענע פאַלן, ווו דער קאָמיזם טרעט אַרויס אין אַ ריינער פאָרם, פריי פון צומישונגען. מיר ווילן אָבער מאַכן פון איר אַ מין לייטמאָטיוו, וועלכער וועט באַגלייטן אונזערע אַלע דערקלערונגען. מיר דאַרפן זי תמיד אין זינען האָבן, אָבער נישט דערלאָזן זי זאָל אונז צופיל איינשלינגען, —

אומגעפּער אַזוי, ווי אַ גוטער פעכטער דאַרף טראַכטן וועגן די איבערגעריסענע באַוועגונגען פון דער לעקציע, בעת זיין קערפּער גיט זיך אָפּ דעם נישט-איבערגעריסענעם אָנגריף. איצט וועלן מיר צוטרעטן צו רעקאָנסטרואירן די קאָנטינואיטעט פון די קאָמישע פאָרמען, מיר וועלן זען אַרויסצוקריגן דעם פאָדים, וואָס ציט זיך פון די קלאָונישע שטיק ביז די ראַפינירטסטע קאָמבינאַציעס פון דער פיינסטער קאָמעדיע; מיר וועלן דעמדאָזיקן פאָדים נאָכגיין אויף אַלע זיינע נישט פאָראויסגעזעענע אומוועגן, — זיך אָפּשטעלנדיק פון צייט צו צייט, כדי זיך אַרומצוקוקן, — ביז מיר וועלן צוקומען, אויב דאָס איז בכלל מעגלעך, צום פונקט, ווו דער פאָדים איז צוגעטשעפּעט, און פונוואַנעט ס'וועט זיך אונז, אפשר, אַנטפּלעקן די אַלגעמיינע באַציאונג פון דער קונסט צום לעבן, ווייל דער קאָמיזם באַלאַנסירט דאָך צווישן זייביידן.

III

לאָמיר אָנהויבן פון די פּשוטסטע דערשיינונגען. אין וואָס באַשטייט דער קאָמיזם פון אַ פיזיאָנאָמיע? פונוואַנעט נעמט זיך אַ קאָמישער אויסדרוק פון פנים? און וואָס טיילט דאָ אָפּ דאָס קאָמישע פון דאָס מיאוסע? ווען מ'שטעלט די פראַגע אויף אַזאַ אופן, קען מען זי אַנדערש נישט לייזן סיידן איבערגעוואַלט; ווייל ווי פּשוט זי זאָל זיך נישט אויסווייזן, איז זי דאָך צו סובטעל, מ'זאָל זי קענען לייזן מיטן ערשטן בליק. מ'וואָלט געדאַרפט אָנהויבן מיט דער דעפיניציע פון מיאוסקייט, דערנאָך ערשט זוכן דאָס, וואָס דאָס קאָמישע גיט צו איר צו; אָבער די מיאוסקייט איז נישט קיין סך לייכטער צו אַנאַליזירן ווי די שיינקייט. מיר וועלן דעריבער פּרובירן גליק מיט

אַ קאָמבינאַציע, וועלכע נוצט אונז אָפט אין אַזעלכע פאַלן. מיר ווען, אַזוי צוזאָגן, פאַרשטאַרקן די פּראָבלעם דורך פאַרגרעסערן איר ווירקונג, ביז מיר וועלן נישט דערזען איר סיבה. לאָמיר פאַרגרעסערן די מיאוסקייט, לאָמיר זי דערפירן ביז פאַרקריפּלטקייט, און לאָמיר זען, וויאַזוי קומט פאָר דער איבערגאַנג פון פאַרקריפּלטקייט צו קאָמיזם.

ס'איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז געוויסע מומים האָבן לגבי אַנדערע אַ טרויעריקע פּריווילעגיע: אין געוויסע פאַלן קענען זיי אַרויסרופן געלעכטער. ס'איז דאָ איבעריק זיך אַריינצולאָזן אין פּרטים. כ'וויל נאָר בעטן דעם לייענער, ער זאָל דורכפירן אין זכרון פאַרשידענע פאַרקריפּלונגען און זיי איינטיילן אין צוויי גרופּעס: פון איין זייט די, פאַר וועלכע די נאַטור האָט אָנגעצייכנט אַ וועג צום קאָמיזם, און פון דער צווייטער — די, וועלכע בלייבן ווייט פון דאָזיקן וועג. אויף אַזאַ אופן, דאַכט זיך מיר, וועט דער לייענער קומען צום פאָלגנדיקן כלל: קאָמיש קען ווערן יעדער מום, וואָס אַ גוט-געבויטע פערזאָן איז אים אימשטאַנד נאָכצומאַכן.

צי דען מאַכט נישט דער האָרבאַטער קיין איינדרוק פון אַ מענטשן, וואָס האַלט זיך שלעכט? האָט זיין פּלייצע נישט צענויפגעקורטשעט אַ שלעכטע געוווינהייט? פאַרבלייבט ער דען נישט אין זיין איינגעהארבעטער פּאָזע נאָר צוליב אַ פיזישער איינגעשפּאַרטקייט, צוליב פאַרשטייפטקייט? באַמיט זיך צו קוקן בלויז מיט די אויגן. קלערט נישט איבער בעת מעשה און, דער עיקר, דענקט נישט. זאָגט זיך אָפּ פון אייער גאַנצער דערפאַרונג און גיט זיך אָפּ דעם אוממיטלבאַרן, נאַיוון, בראשיתדיקן איינדרוק: ער וועט שטיין אין הסכם מיט דעם, וואָס מיר האָבן פריער באַשריבן. איר וועט האָבן פאַר זיך אַ מענטשן, וועלכער האָט זיך בכיוון פאַרשטייפט אין אַ געוויסער פּאָזע, וועלכער צווינגט זיין קערפּער צו מאַכן אַ מינע, אויב ס'איז דערלויבט זיך אַזוי אויסצודריקן.

לאָמיר זיך איצט אומקערן צום ענין, וועלכן מיר האָבן

געוואָלט אויפקלערן. דורך מילדערן די קאָמישע פאַרקריפּלטקייט וועלן מיר באַקומען די קאָמישע מיאוסקייט. אַזוי אַרום וועט זיין קאָמיש אַזאַ אויסדרוק פון פנים, וואָס וועט אין דער געווינלעכער באַוועגלעכקייט פון דער פיזיאָגאָמיע אַרויסרופן ביי אונז אַן איינדרוק פון עפּעס פאַרשטייפטס, פאַרגליווערטס. מיר וועלן אין אַזאַ פנים זען אַ פיקסירטע מינע, אַ פאַרגליווערטע קאָנווולסיע. וועט מען מיר אפשר זאָגן, אַז יעדער באַשטענדיקער אויסדרוק פון פנים, ווי באַחנט און שיין ער זאָל נישט זיין, גיט אונז דעמזעלבן איינדרוק פון אַ קורטש, וואָס איז פאַרגליווערט געוואָרן אויף שטענדיק? מען מוז דאָ אָבער אָנווייזן אויף אַ וויכטיקן אונטערשייד. ווען מיר רעדן וועגן אַן אויסדרוקספולער שיינקייט, אָדער אַפילו העסלעכקייט, ווען מיר זאָגן, אַז אַ פנים האָט אויסדרוק, האָבן מיר אפשר אין זינען טאַקע אַ באַשטענדיקן אויסדרוק, אָבער אַזעלכן, וועלכער איז פעיק אויף באַוועגלעכקייט. אַזאַ פנים באַהאַלט אונטער זיין פיקסירטן אויסדרוק אַ געוויסע אומבאַשטימטקייט, ווו עס צייכנען זיך אומקלאָר אָן אַלע מעגלעכע ניואַנסן פון דער נשמה, וועלכע עס דריקט אויס: אַזוי, למשל, שפירן מיר שוין אין געוויסע פאַרניקע פרילינג-פרימאָרגנס דעם הייסן אָנזאָג פון טאָג. אָבער אַ קאָמישער אויסדרוק פון פנים איז אַזאַ, וואָס זאָגט נישט צו מער ווי דאָס,וואָס ער גיט. דאָס איז אַן איינאיינציקע, אומפאַרענדערלעכע מינע. עס דוכט זיך, אַז דאָס גאַנצע גייסטיקע לעבן פון דער געגעבענער פּערזאָן האָט זיך קריסטאַליזירט אין דאָזיקן אויסדרוק. און דעריבער, וואָס מער אַ פנים רופט אַרויס ביי אונז דעם געדאַנק פון עפּעס אַ פשוטער, מעכאַנישער האַנדלונג,צו וועלכער די געגעבענע פּערזאָן איז פאַרקנעכטעט אויפן גאַנצן לעבן, אַלץ מער איז עס קאָמיש. פאַראַן פנימער, וואָס מאַכן דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן כסדר פאַרגומען געווען מיט וויינען, אַנדערע—מיט לאַכן, אָדער פייפן, גאָר אַנדערע ווידער – ווי זיי וואָלטן אייביק געבלאָזן אין אַ אומגעזעענער טרובע. דאָס זענען די קאָמישסטע פון אַלע פנימער. אויך דאָ באַשטעטיקט זיך דער כּלל, אַז דער

עפעקט איז אַלץ קאָמישער, וואָס נאַטירלעכער אונז קומט פאַר זיין סיבה. אויטאָמאַטישקייט, פאַרשטייפטקייט, אַ פאַרגליווערטע קאָנוואולסיע פון אַ מוסקל, אַט דאָס זענען די מיטלען, דורך וועלכע אַ פּנים רופט אַרויס ביי אונז געלעכטער. אָבער די־דאָזיקע קאָמישע ווירקונג ווערט נאָך אינטענסיווער, ווען מיר קענען דידאָזיקע שטריכן פאַרבינדן מיט אַ טיפער סיבה, מיט אַ געוויסער פונדאַמענטאַלער צעשטרייטקייט פון דער געגעבענער פערזאָן, וואָס זיין נשמה האָט זיך ווי געלאָזט פאַרצויבערן, היפּנאָטיזירן דורך דער גשמיותדיקייט פון אַ פּשוטער האַנדלונג.

איצט וועלן מיר קענען פאַרשטיין דעם קאָמיזם פון אַ קאַריקאַטור. ווי רעגלמעסיק עס זאָל נישט זיין אַ פּנים, ווי הארמאָניש עס זאָלן אונז נישט פאָרקומען זיינע ליניעס, ווי עלאַסטיש — זיינע באַוועגונגען, — קיינמאָל איז זיין גלייכגע־וויכט נישט פולקאָמען. תּמיד לאָזט זיך אויסגעפינען אין אים אַ רמז אויף אַ מיאוסן שטריך, אַ סקיץ פון אַ מעגלעכער מינע, מיט איין וואָרט, אַ פאַרקריפּלונגס־ריכטונג, ווו די נאַטור וואָלט זיך אַמליבסטן פאַרנומען. די קונסט פון אַ קאַריקאַטו־ריסט באַשטייט אין אויפכאַפּן דידאָזיקע באַוועגונג, וואָס איז אָפּטמאָל אומבאַמערקבאַר, און דורך פאַרגרעסערונג זי אַרויסשטעלן אָפן פאַר אַלעמענס אויגן. ער לאָזט זיך זיינע מאָדעלן אַזוי קרימען, ווי זיי וואָלטן זיך געקרימט פון זיך אַליין, ווען זיי זאָלן לאָזן זייער מינע זיך אויסלעבן ביזן סוף. אונטער דער אוי־סערלעכער הארמאָניע פון די פאָרמען אַנטפּלעקן זיך אים די טיפע רעוואָלוציעס פון דער מאַטעריע. ער רעאַליזירט דיס־פּראָפּאָרציעס און פאַרקריפּלונגען, וועלכע די נאַטור האָט געהאַט בדעה צו שאַפן, אָבער נישט געקענט פאַרקערפערן, ווייל אַ העכערע קראַפט האָט איר באַזיגט. די קונסט פון קאַריקאַטוריסט, וואָס האָט אין זיך עפּעס דעמאָנישעס, שטעלט ווידער אויף די פיס דעם דעמאן, וועלכן דער מלאך האָט שוין געהאַט צע־טראָטן. דאָס איז, אָן שום ספק, אַ קונסט, וואָס איבערטרייבט, און פונדעסטוועגן זענען נישט גערעכט דייעניקע, וועלכע

האַלטן, אַז איר איינציקער ציל איז איבערטרייבונג. עס זענען דאָ קאַריקאַטורעס, אַ סך ענלעכערע, ווי פּאָרטרעטן, קאַריקאַטורעס, וווּ די איבערטרייבונג איז קוים צו מערקן; און פאַרקערט ווידער, מ'קען איבערטרייבן אָן אַ מאָס און נישט דערגרייכן דעם אמתן עפעקט פון אַ קאַריקאַטור. כּדי די איבערטרייבונג זאָל ווירקן קאָמיש, איז אומבאַדינגט נויטיק, זי זאָל נישט זיין קיין ציל פאַר זיך אַליין, נאָר בלויז אַ פּשוטער מיטל, וועלכן דער צייכענער באַנוצט, כּדי אויפצודעקן פאַר אונזערע אויגן די מינעס, וועלכע ער באַמערקט אין די כּוונות פון דער נאַטור. נאָר דידאָזיקע מינע איז וויכטיק, נאָר זי פאַראינטערעסירט. און דעריבער זוכט מען זי אַפילו אין יענע טיילן פון פּנים, וועלכע זענען אומפעיק צו מאַכן באַוועגונגען: אין אַ אויסגעבויגענעם נאָז און אַפילו אין דער פאָרם פון אַ אויער. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס די פאָרם פאַרקערפּערט פאַר אונז די צייכנונג פון אַ באַוועגונג. אַ קאַריקאַטוריסט, וואָס פאַרגרעסערט אַ נאָז, נעמענדיק אין באַטראַכט זיין פאָרם, ד. ה. ער פאַרלענגערט אים אויפן זעלבן שטייגער, ווי דאָס האָט געטאָן די נאַטור, דערפירט דערצו, אַז דער נאָז מאַכט אַ מינע; און פון איצטער אָן וועט זיך אונז דאַכטן, אַז אויך דער אָריגינאַל גופא דאַרף זיך פאַרלענגערן און מאַכן דיזעלבע מינע. אין דאָזיקן זין וואָלט זיך געלאָזט זאָגן, אַז די נאַטור אַליין דערגרייכט אָפט קאַריקאַטוריסטישע דערפאָלגן. עס דאַכט זיך, אַז אין דער באַוועגונג, מיט דער הילף פון וועלכער זי האָט דורכגעשניטן דידאָזיקע מויל, צוזאַמענגעדריקט דידאָזיקע גאָמבע, אָנגעבלאָזן דידאָזיקע באַק, איז איר געלונגען צו פאַרענדיקן ביזן סוף איר מינע, אָפּנאַרנדיק די רעגולירנדיקע וואַכזאַמקייט פון אַ מער שכלדיקער קראַפט. אין דאָזיקן פאַל לאַכן מיר פון אַ פּנים, וואָס איז אַליין, אַזוי צו זאָגן, זיין אייגענע קאַריקאַטור.

לאָמיר רעזיומירן: ווי עס זאָל נישט אויסזען די דאָקטרין, וועלכע אונזער שכל וועט זיך אויסוויילן, — אונזער פאָרשטעלונגס-קראַפט האָט שוין איר פעסט-איינגעשטעלטע פילאָזאָפיע.

אין יעדער מענטשלעכער פאָרם זעט זי די אָנשטרענגונג פון אַ נשמה, וואָס איז אומענדלעך עלאַסטיש, אייביק באַוועגלעך, פריי פון דער צוציאונגס-קראַפט, ווייל ביסט די ערד ציט זי צו צו זיך. דידאָזיקע נשמה איז אַביסל משפיע פון איר באַפליגלטער לייכטקייט אויפן קערפער, וועלכן זי באַלעבט. די גייסטיקייט, וועלכע דרינגט אַזוי אַרום אַריין אין דער מאַטעריע, טראָגט דעם נאָמען: חן. אָבער די מאַטעריע שטעלט אַ ווידערשטאַנד און עקשנט זיך איין. איר ציט צום אייגענעם שורש, זי וואָלט וועלן, אַז די תמיד וואַכזאַמע אַקטיוויטעט פון העכערן גייסטיקן עלעמענט זאָל אַראָפּנידערן צום צושטאַנד פון איר אייגענער אינערציע, זאָל דעגענערירן צו אַ אויטאָמאַט. די אינטעליגענט-ענדערבאַרע באַוועגונגען פון קערפער וואָלט זי וועלן פיקסירן אין רגילותדיק-פאַרגליווערטע קנייטשן; די באַוועגלעכע אויסדרוקן פון דער פיזיאָנאָמיע — פאַרפעסטיקן אין דויערהאַפטע מינעס; מיט איין וואָרט, אַרויפדריקן אויף דער גאַנצער פערזאָן אַזאַ שטעמפּל, ריכטיק ווי זי זאָל זיין פאַרזונקען ביז איבערן קאָפּ אין גשמיות פון עפעס אַ מעכאַנישער באַשעפטיקונג, אָנשטאָט צו באַנייען זיך אָן אויפהער אין קאָנטאַקט מיט אַ לעבעדיקן אידעאַל. דאָרט, ווו דער מאַטעריע געלינגט אויף אַזאַ אופן צו פאַרגליווערן נאָך אויסן דאָס לעבן פון דער נשמה, אָפּהאַלטן איר באַוועגונג, צונישט מאַכן איר חן, באַקומט זי פון קערפער אַ קאָמישן עפעקט. ווען מיר זאָלן דאָ וועלן דעפינירן דעם קאָמיזם דורך קאָנטראַסטירן אים מיט זיין קעגנזאַץ, וואָלט מען אים גיכער געדאַרפט אַנטקעגנשטעלן דעם חן, ווי דער שיינקייט. ער איז גיכער פאַרשטייפטקייט, ווי העסלעכקייט.

IV

איצט וועלן מיר פאַרלאָזן דעם קאָמיזם פון פאָרמען און איבערגיין צום קאָמיזם פון זשעסטן און באַוועגונגען. אָבער קודם כּל וויל איך פּראָקלאַמירן דעם געזעץ, וואָס הערשט לויט מיין מיינונג, איבער אַלע דערשיינונגען פון דאָזיקן מין. אגב, פליסט דערדאָזיקער געזעץ אַרויס כּמעט ווי פון זיך אַליין פון די פריערדיקע אויספירן.

די פּאָזעס, זשעסטן און באַוועגונגען פון מענטשלעכן קערפּער זענען קאָמיש פּונקט אין דערזעלבער מאָס, אין וועלכער דערדאָזיקער קערפּער רופט אַרויס ביי אונז די פאָרשטעלונג וועגן אַ פּשוטן מעכאַניזם.

מיר וועלן נישט נאָכפאָלגן דעמדאָזיקן געזעץ אין זיינע צאָלרייכע אוממיטלבאַרע אָנווענדונגען. כּדי צו קאָנטראָלירן זיין ריכטיקייט איז גענוג גוט זיך צוצוקוקן צו די ווערק פון הומאָריסטישע צייכענער, באַזייטיגנדיק פון זיי די קאַריקאַטוריסטישע זייט, וועלכע מיר האָבן שוין באַזונדער דערקלערט, און אויך נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף דעם טייל קאָמיזם, וואָס איז נישט קיין דירעקטער פּועל-יוצא פון דער צייכנונג גופא. ווייל מ׳דאַרף זיך נישט נאַרן: דער קאָמיזם פון אַ צייכנונג איז אָפט אַ געליענער ביי דער ליטעראַטור. כ׳בין אויסן מיט דעם צו זאָגן, אַז דער צייכענער קען גלייכצייטיק אויך זיין אַ סאַטירישער שרייבער, זען מיט די אויגן פון אַ פאַרס-מחבר, און אין אַזאַ פאַל לאַכט מען נישט אַזוי פון די צייכנונגען גופא, ווי פון דער סאַטירע, אָדער פון דער קאָמישער סצענע, וועלכע מיר געפינען אין זיי. ווען מיר ווענדן זיך אָבער צו דער צייכנונג מיטן פעסטן באַשלוס צו טראַכטן

בלויז וועגן דער צייכנונג אַליין, דאַן, גלויב איך, וועלן מיר איינגעפינען, אַז דער קאָמיזם פון דער צייכנונג איז בדרך כּלל פּראָפּאָרציאָנעל צו דער בולטקייט און דיסקרעטקייט, מיט וועלכע ער אַנטפּלעקט פאַר אונז אין מענטשן די באַוועגלעכע מאריאָנעטקע. דידאָזיקע סוגעסטיע מוז זיין אַ בולטע, כּדי מיר זאָלן קענען קלאָר זען, ווי דורך אַ דורכזיכטיקע זאַך, דעם מעכאַניזם, וואָס דערגרייכט ביז די טיפענישן פון דער פּערזאָן. די סוגעסטיע מוז אָבער אויך זיין אַ דיסקרעטע, כּדי די פּער-זאָן, וואָס איר יעדער אבר איז פאַרשטייפט געוואָרן צו אַ טייל פון אַ מעכאַניזם, זאָל אַלס גאַנצעס נישט אויפהערן צו מאַכן אויף אונז דעם איינדרוק פון אַ לעבעדיק וועזן. וואָס ענגער דידאָזיקע צוויי וויזיעס, פון דער לעבעדיקער פּערזאָן און פון מעכאַניזם, זענען פאַרבונדן איינע מיט דער צווייטער, אַלץ שטאַרקער איז דער קאָמישער עפעקט, אַלץ פולקאָמענער איז די קונסט פון צייכענער. און די אָריגינעלקייט פון אַ הומאָריסטישן קינסט-לער וואָלט געקענט באַצייכנט ווערן דורכן אייגנאַרטיקן אַרט לעבן, מיט וועלכן ער באַשענקט אַ פּשוטע מאַריאָנעטקע.

מיר וועלן אָבער לאָזן אין אַ זייט די תּיכּפדיקע אָנווענ-דונג פון דאָזיקן פּרינציפּ און זיך צוקוקן אַביסל נענטער בלויז צו זיינע ווייטערע קאָנסעקווענצן. די אילוזיע פון אַ מעכאַניזם, וואָס פונקציאָנירט אינעווייניק אין מענטשן, איז אַ זאַך, וואָס גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדים אין אַ גאַנצער מענגע קאָמישע עפעקטן; אָבער מערסטנטיילס איז דאָס אַ דורכשוועבנדיקע וויזיע, וועלכע ווערט תּיכּף ומיד פאַרלאָרן אינעם געלעכטער, וועלכן זי רופט אַרויס. כּדי דידאָזיקע וויזיע צו פיקסירן, איז נויטיק אַ אָנשטרענגונג פון דער אַנאַליטישער און דענקנדיקער קראַפט.

לאָמיר נעמען, למשל, אַ רעדנער, ביי וועמען דער זשעסט ריוואַליזירט מיטן וואָרט. אייפערזיכטיק אויפן וואָרט, לויפט דער זשעסט נאָך הינטער די געדאַנקען און פאָדערט, אַז אויך ער זאָל דינען אַלס זייער אויסדרוק-מיטל. נו, גוט; אָבער אויב אַזוי זאָל זיך דער זשעסט מטריח זיין און באַגלייטן דעם

דגעאַנק ביז די קלענסטע פּרטים פון זייער פאַנאַנדערוויקלונג. דער געדאַנק איז אַ זאַך, וואָס וואַקסט, און ברענגט קנאָספּן, בליט און ווערט צייטיק פון אָנהויב ביזן סוף פון דער רעדע. ער בלייבט נישט שטיין אויף קיין איין מינוט, ער חזרט זיך קיין איינציקן מאָל נישט איבער. ער מוז יעדע רגע אָננעמען אַ נייע געשטאַלט, ווייל אויפהערן זיך ענדערן וואָלט הייסן פאַר אים אויפהערן צו לעבן. טאָ זאָל זיך דער זשעסט אויך אַזוי באַלעבן, ווי ער! טאָ זאָל ער זיך אונטערוואַרפן דעם פונדאַמענטאַלן געזעץ פון לעבן: זיך קיינמאָל נישט איבער-חזרן! אָבער אָט דאַכט זיך מיר, אַז אַ געווויסע, תמיד דיזעלבע באַוועגונג פון האַנט אָדער פון קאָפּ חזרט זיך פּעריאָדיש איבער. אויב איך באַמערק דאָס, אויב דאָס צעשטרייט מיך, אויב איך וואַרט זי אָפּ און זי טרעט טאַקע איין פּונקט דאַן, ווען איך דערוואַרט זי, — וועל איך אומווילנדיק לאַכן. פאַרוואָס? ווייל פאַר מיר געפינט זיך איצט אַ מעכאַניזם, וואָס פונקציאָנירט אויטאָמאַטיש. דאָס איז נישט מער דאָס לעבן, דאָס איז אַ אויטאָמאַט, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אינמיטן לעבן און מאַכט אים נאָך. און דאָס איז קאָמיש.

דאָ שטעקט אויך די סיבה, פאַרוואָס זשעסטן, פון וועלכע מיר האָבן גאָרנישט בדעה געהאַט צו לאַכן, ווערן קאָמיש, ווען אַ פרישע פּערזאָן מאַכט זיי נאָך. פאַרן דאָזיקן פּשוטן פאַקט האָט מען שוין נישט איינמאָל געזוכט קאָמפּליצירטע דערקלערונגען. ס'איז גענוג אַ קורצע ווײַלע נאָכצודענקען, כדי מיר זאָלן זיך איבערצייגן, אַז די צושטאַנדן פון אונזער נשמה בייטן זיך יעדע רגע, און ווען אונזערע זשעסטן וואָלטן געטריי באַגלייט אונזערע אינערלעכע באַוועגונגען, ווען זיי זאָלן לעבן, ווי מיר לעבן, וואָלטן זיי זיך נישט איבערגעחזרט; און אַ דאַנק דעם, וואָלטן זיי אויסגעמיטן די סכּנה פון נאָכמאַכן. דאָס באַדייט, אַז נאָכמאַכן קען מען אונז ערשט דעמאָלט, ווען מיר הערן אויף צו זיין דאָס, וואָס מיר זענען. כ'וויל דערמיט זאָגן, אַז אונזערע זשעסטן קען מען נאָכמאַכן אויף אַזוי ווייט, אויף וויפל זיי האָבן אין זיך עפּעס מעכאַניש-איינטאָניקעס, און, במילא,

פרעמדס צו אונזער לעבעדיקער פערזענלעכקייט. נאָכמאַכן אי־מיצן הייסט אויסטיילן פון אים דאָס אויטאָמאַטישע, וועלכעס ער האָט געלאָזט אַריינדרינגען אין זיין פערזענלעכקייט. לויט אונזער דעפיניציע הייסט דאָס אַזוי גוט, ווי אים מאַכן קאָמיש, און דעריבער איז קיין וווּנדער נישט, וואָס דאָס נאָכמאַכן רופט אַרויס געלעכטער.

אויב אָבער דאָס נאָכמאַכן זשעסטן איז שוין קאָמיש פאַר זיך אַליין, וועט עס נאָך ווערן קאָמישער, ווען מיר וועלן די זשעסטן (נישט דעפּאַרמירנדיק זיי) ענלעך מאַכן צו געוויסע מעכאַנישע האַנדלונגען, ווי, למשל: זעגן האָלץ, קלאַפּן אויף דער קאָוואַדלע, אָדער ציען אָן אויפהער דעם דראָט פון אַ אויסגעטראַכטן גלעקל. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז וווּלגאַרקייט איז דאָס וועזנטלעכע פון קאָמיזם (כאָטש זי פאַרנעמט אין אים, אמת, אַ געוויסן אָרט); דאָס באַדייט גיכער, אַז דער אויפגעכאַפּטער זשעסט זעט אויס צו זיין מעכאַנישער, ווען מ׳קען אים פאַרבינדן מיט אַ איינפאַכער טעטיקייט, ווייל עס דאַכט זיך דאַן, אַז זיין באַשטימונג איז פון תמיד אָן צו זיין מעכאַניש. איינער פון די באַליבטסטע מיטלען פון דער פּאַ־ראָדיע מוז טאַקע באַשטיין אין אַרויפצווינגען דידאַקטיק מע־כאַנישע אינטערפּרעטאַציע. איך האָב דעמדאָזיקן שלוס געמאַכט אַ פּ ר י אָ ר י, אָבער זעט אויס, אַז די קלאָונעס האָבן דאָס שוין פון לאַנג געשפּירט אינטואיטיוו.

אַזוי אַרום ווערט געלייזט דאָס קליינע רעטעניש, וועלכעס פּאַסקאַל האָט געפרעגט אין אַ שטעל פון זיינע „געדאַנקען״: „צוויי גלייכע פּנימער, וואָס יעדעס באַזונדער רופט נישט אַרויס קיין געלעכטער, רופן אים אַרויס דורך זייער ענלעכקייט, ווען זיי זענען צוזאַמען״. אויפן זעלבן אופן קען מען זאָגן: „די זשעסטן פון אַ רעדנער, וואָס יעדער פון זיי באַזונדער איז נישט קאָמיש, רופן אַרויס אַ געלעכטער, ווען זיי חזרן זיך איבער״. דאָס באַדייט, אַז דאָס לעבעדיקע לעבן טאָר זיך נישט איבערחזרן. דאָרט, ווו עפּעס חזרט זיך איבער, ווו עס הערשט אַ פולשטענדיקע ענלעכקייט, זענען מיר חושד אַ מעכאַניזם,

וואָס פונקציאָנירט הינטער דאָס לעבעדיקע. אדרבה, אַנאַליזירט דעם איינדרוק, וועלכן איר באַקומט מיט צוויי פּנימער, שטאַרק ענלעכע איינס צום צווייטן. איר וועט זען, אַז צוערשט וועט איין קומען דער געדאַנק וועגן צוויי עקזעמפּליאַרן, וועלכע מ'האָט באַקומען פון איין-און-דעמזעלבן פורעם, אָדער וועגן צוויי אָפּדרוקן פון איין שטעמפּל, אָדער וועגן צוויי רעפּראָדוקציעס פון איין קלישע, בקיצור, וועגן אַ פּראָצעס פון אינדוסטריעלער פאַבריקאַציע. די אמתע סיבה פון געלעכטער איז דאָ די אָפּווייכונג פון לעבן אין דער ריכטונג צום מעכאַניזם.

און דער געלעכטער וואָלט נאָך געווען אַ סך שטאַרקער, ווען מ'זאָל אויף דער סצענע אַרויספירן פאַר אונז נישט בלויז צוויי פּערזאָן, ווי אין פּאַסקאַלס ביישפּיל, נאָר אַ וואָס גרעסערע צאָל פּערזאָנען, וואָס זענען ענלעך איינער צום צווייטן, וועלכע גייען אַהין און צוריק, טאַנצן, טומלען אַרום, אָננעמענדיק די-זעלבע פּאָזעס, זשעסטיקולירנדיק אויפן זעלבן שטייגער. אין דאָזיקן פאַל וועלן מיר שוין קלאָר טראַכטן וועגן מאַריאָנעטקעס. אונז וועט זיך נעמען דאַכטן, אַז אומגעזעענע פעדים פאַרבינדן הענט מיט הענט, פיס מיט פיס, און יעדער מוסקל פון איין פיזיאָנאָמיע — צום זעלבן מוסקל פון אַ צווייטער: די אומ-בויגעוודיקייט פון דערדאָזיקער קעגנזייטיקער פאַרבינדונג פירט דערצו, אַז די פליסיקייט פון די פאָרמען נעמט פאַרגליווערט ווערן אויף אונזערע אויגן און אַלץ ווערט פאַרשטייפט צו אַ מעכאַניזם. אין דעם באַשטייט טאַקע דער עפעקט פון דערדאָזיקער אַביסל מגושמדיקער פאַרוויילונג. די, וואָס פירן זי אויס, האָבן אפשר נישט געלייענט פּאַסקאַלן, אָבער ס'איז קיין ספק נישטאָ, אַז זיי דערפירן ביזן סוף דעם געדאַנק, וועלכן פּאַסקאַלס רע-טעניש רופט אַרויס. און אויב אין צווייטן פאַל איז די סיבה פון געלעכטער די איליוזיע פון אַ מעכאַנישן עפעקט, האָט ער זיך שוין געמוזט געפינען אויך אין ערשטן, כאָטש אין אַ סך אַ סובטעלערער פאָרם.

און גייענדיק ווייטער מיטן זעלבן וועג, וועלן מיר אומקלאר דערזען די אַלץ ווייטערע, און אַלץ מער און מער

חשובע קאָנסעקוועגצן פון געזעץ, וועלכן מיר האָבן אויבן אויפגעשטעלט. מיר שפּירן, אַז ס׳זענען נאָך דאָ פּיינערע איליוזיעס פון מעכאַנישע עפעקטן, וואָס ווערן ארויסגערופן נישט דורך פשוטע זשעסטן, נאָר דורכן מענטשנס קאָמפּליצירטע האַנדלונגען; מיר האָבן אַ אנונג, אַז די געוויינלעכע קונץ-שטיק פון אַ קאָמעדיע, די פּעריאָדישע איבערחזרונג פון אַ וואָרט, אָדער פון אַ סצענע, די סימעטרישע פאַרבייטונג פון ראָלן, די געאָמעטרישע אַנטוויקלונג פון קווי-פּראָ-קוואָ-סיטואַציעס, און נאָך אַ סך אַנדערע שפּילן, שעפּן, מסתמא, זייער קאָמישע קראַפט פון זעלבן קוואַל; ווייל די קונסט פון אַ פארס-שרייבער באַשטייט אין דעם, וואָס ווייזנדיק אונז אַ בולט מעכאַנישע פאַרפלעכטונג פון מענטשלעכע געשעענישן, לאָזט ער זיי אָבער איבער דעם אויסערלעכן אויסזען פון אמתדיקייט, דאָס הייסט: די עלאסטישקייט פון לעבן. לאָמיר אָבער נישט פאַרכאַפּן פאָרויס די רעזולטאַטן, וועלכע דער ווייטערדיקער אנאַליז דאַרף מעטאָדיש אַנטוויקלען פאר אונז.

V

איידער מיר גייען ווייטער, לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויף אַ ווײַלע און וואַרפן אַ בליק אַרום זיך. גלייך אין אָנהויב פון דערדאָזיקער אַרבעט האָבן מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז ס׳וואָלט געווען אַ אומזיסטער חלום, ווען מיר זאָלן וועלן אַרויספירן אַלע קאָמישע עפעקטן פון איין-איינציקער פשוטער פאָרמולע. אמת, דידאָזיקע פארמולע עקזיסטירט טאַקע אין אַ געוויסן זין, אָבער זי וויקלט זיך נישט אָפּ פאַר אונז רעגולער. מיר ווילן דערמיט זאָגן, אַז די דעדוקציע מוז זיך פון צייט צו צייט אָפּשטעלן ביי געוויסע הויפּט-עפעקטן, און אַז יעדער פון די-

דאָזיקע עפעקטן בילדעט ווי אַ מין מאדעל, אַרום וועלכן עס גרופּירן זיך, אין אַ קרייז, אַ גאַנצע ריי אַנדערע, ענלעכע עפעקטן. דידאָזיקע לעצטע ווערן שוין נישט דעדוצירט דירעקט פון דער פאָרמולע, נאָר זיי זענען קאָמיש אַ דאַנק זייער קרובה־שאַפט מיט יענע, וועלכע ווערן פון איר יאָ אַרויסגעפירט. כּדי נאָכאַמאָל צו ציטירן פּאַסקאַלן, וועל איך גערן דעפינירן דעם־דאָזיקן וועג פון געדאַנק דורך אַ קרומער ליניע, וועלכע דערדאָזיקער געאָמעטער האָט שטודירט אונטערן נאָמען ציקלאָיד; די־דאָזיקע ליניע מאַכט דורך דער פּונקט פון אַ אומקרייז פון אַ ראָד, ווען דער וואָגן באַוועגט זיך אין אַ גלייכער ליניע: דערדאָזיקער פּונקט דרייט, זיך אַזוי ווי דער ראָד, אָבער ער באַוועגט זיך אויך פאָרויס, אַזוי ווי דער וואָגן. אָדער נאָכבעסער, לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַ גרויסע וואַלד־אַלעע, מיט קרייצן אויף די שייד־וועגן, וועלכע שניידן איר דורך פון צייט צו צייט: אויף יעדער שייד־וועג וועלן מיר זיך אַרומדרייען אַרום קרייץ, וואַרפן דאַנקבאַרע בליקן אויף די נייע וועגן, וועלכע עפענען זיך פאַר אונז, דערנאָך וועלן מיר זיך ווידער אומקערן צו אונזער פריערדיקער ריכטונג. איצט געפינען מיר זיך אויף איינעם פון דידאָזיקע שייד־וועגן. דער באַגריף פון אַ מעכאַניזם, וואָס באַהערשט אַ לעבעדיקן וועזן, איז אַזאַ מין וועג־קרייץ, וווּ מיר דאַרפן בלייבן שטיין, אַ צענטראַלער בילד, פון וואַנעט די פאָרשטעלונגס־קראַפט שיקט שטראַלן אין קעגנזעצלעכע ריכטונגען. וואָס זענען דאָס פאַראַ ריכטונגען? עס לאָזן זיך אויסטיילן פון זיי דריי עיקרדיקע. מיר וועלן זיי דורכמאַכן איינע נאָך דער אַנדערער, דערנאָך וועלן מיר ווידער נעמען אונזער וועג אין אַ גלייכער ליניע.

I.— די פאָרשטעלונג פון אַ מעכאַניזם, וואָס פונקציאָנירט אין אַ לעבעדיקן וועזן, פירט אונז קודם־כּל צום ווינציקער קלאָרן בילד פון עפּעס פאַרשטייפטס בכלל, וואָס באַגלייט די באַוועגלעכקייט פון לעבן, באַמיט זיך אומגעלומפערט צו גיין אין איר עשפורן און נאָכצומאַכן איר עלאַסטישקייט. דערפון קען מען פאַרשטיין, ווי לייכט אַ מלבוש קען ווערן קאָמיש. עס וואָלט

זיך אַפילו געלאָזט זאָגן, אַז יעדע מאָדע איז אין אַ געווסן גראַד קאָמיש. מער נישט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ היינט־צייטיקע מאָדע, זענען מיר אַזוי צוגעוווינט צו איר, אַז דער מלבוש, דאַכט זיך אונז, מאַכט אויס איינס מיטן קערפּער, וואָס טראָגט אים. אונזער פאַרשטעלונגס־קראַפט טיילט נישט אָפּ איינעם פון צווייטן. עס פעלט אונז גאָרנישט איין אַקעגנצושטעלן די אינערטע שטייפקייט פון דער באַקליידונג — דער לעבעדיקער עלאַסטישקייט פון באַקליידטן קערפּער. אַזוי אַרום בלייבט דאָ דער קאָמיזם אין אַ באַהאַלטענעם צושטאַנד. העכסטנס קען זיך דאָ דער קאָמיזם אַנטפּלעקן דאַן, ווען די נאַטירלעכע נישט־צוגעפּאַסטקייט צווישן דער באַקליידונג און דעם באַקליידטן איז אַזוי טיף, אַז אַפילו אַ יאָרהונדערט־לאַנגע דערנענטערונג האָט נישט באַוויזן צו פאַרפעסטיקן זייער בונד: דאָס איז, למשל, דער פאַל מיט אַ הויכן קאַפעליוש. שטעלט זיך נאָר אָבער פאָר אַ טיפּ, וואָס קליידט זיך היינט לויט אַ פאַרעלטערטער מאָדע: זיינע מלבושים ציען צו אונזער אויפמערקזאַמקייט, מיר טיילן זיי לגמרי אָפּ פון דער פּערזאָן, מיר זאָגן, אַז די פּערזאָן פאַרשטעלט זיך (ריכטיק ווי נישט יעדער מלבוש פאַרשטעלט), און די קאָמישע זייט פון דער מאָדע טרעט קלאָר אַרויס פון שאָטן.

און דאָ הויבן אָן קלאָר ווערן פאַר אונז איינציקע פון די גרויסע שוועריקייטן ביים לייזן די פּרטים פון דער קאָמישער פּראָבלעם. איינע פון די סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַזויפיל טעותדיקע און נישט־באַפרידיקנדיקע טעאָריעס וועגן געלעכטער באַשטייט אין דעם, וואָס אַ סך זאַכן זענען קאָמיש דע יורע אָבער נישט דע פאַקטאָ, ווייל די דויערהאַפטע געוווינהייט האָט איינגעשלעפערט אין זיי זייער קאָמישע אייגנשאַפט. עס איז נייטיק פּלוצלונג איבערצוהאַקן דידאָזיקע דויערהאַפטיקייט, איבערצורייסן מיט דער מאָדע, כדי דידאָזיקע אייגנשאַפט זאָל זיך אויפכאַפּן. אין דאָזיקן פאַל קען זיך דוכטן, אַז דער קאָמיזם ווערט אַרויסגערופן דורך איבעררייסן די געוווינהייט, בעת זיין ראָל באַשרענקט זיך דערמיט, וואָס ער ווייזט אונז אָן אויף

אים. מ'האָט דעם געלעכטער געוואָלט דערקלערן דורך איבערראַשונג, דורך דעם קאָנטראַסט און אַז. וו., — אַלץ דעפֿיניציעס, וואָס וואָלטן מיט נישט ווינציקער רעכט געפּאַסט צו אַ מאַסע פֿאַלן, ביי וועלכע מיר האָבן נישט דעם מינדסטן חשק צו לאַכן. דער אמת איז נישט אַזוי איינפֿאַך.

מיר האַלטן אָבער איצט ביים עפֿעקט פֿון פֿאַרשטעלן זיך. לאָמיר זיך צוקוקן וויאַזוי ער רופֿט אַרויס געלעכטער.

פֿאַרוואָס לאַכן מיר פֿון האָר, וועלכע זענען איבערגעפֿאַרבט געוואָרן פֿון ברוין אויף בלאָנד? פֿון וואַנעט נעמט זיך דער קאָמיזם פֿון אַ רויטן נאָז? און פֿאַרוואָס לאַכן מיר פֿון אַ נעגער? דאָס מוז זיין אַ האַרבע פֿראַגע, אויב פּסיכאָלאָגן פֿון אַזאַ גרויס ווי העקער, קרעפּעלין און ליפּס האָבן זי פּרובירט לייזן און געגעבן אויף איר פֿאַרשידענע ענטפֿערס. כ'ווייס אָבער נישט, צי האָט זי שוין נישט געלייזט אין מיין קעגנוואַרט אַ פּשוטער פֿורמאַן, וועלכער האָט אָנגערופֿן „שלעכט געוואַשענער" אַ נעגער, וועלכער איז איינגעשטיגן אין זיין דראָזשקע. שלעכט געוואַשענער! דאָס הייסט, אַז אַ שוואַרץ פּנים איז פֿאַר אונזער פֿאָרשטעלונגס-קראַפֿט פֿאַרשמירט מיט טינט, אָדער סאַזשע; און אויב אַזוי איז אַ רויטע נאָז נישט אַנדערש ווי אָפּגעפֿאַרבט מיט רויטן פֿאַרב. אַזוי אַרום זעען מיר, אַז דאָס פֿאַרשטעלן זיך האָט איבערגעטראָגן זיין קאָמישע איינגנשאַפֿט אויף פֿאַלן, ווו מ'פֿאַרשטעלט זיך נישט אין דעראמתן, נאָר מ'האָט זיך געקענט פֿאַרשטעלן. אין פֿריערדיקן פֿאַל איז דער מלבוש געווען אָפּגעטיילט פֿון מענטשן, פֿונדעסטוועגן האָט זיך אונז געדאַכט, אַז ער בילדעט צוזאַמען מיט אים איין קערפּער, ווייל מיר זענען זיי געוווינט געווען צו זען צוזאַמען. איצט דאַקעגן איז דער שוואַרצער, אָדער רויטער קאָליר נישט אָפּטיילבאַר פֿון דער הויט, פֿונדעסטוועגן האַלטן מיר אים פֿאַר אַ קינסטלעכע באַפֿאַרבונג, ווייל ער רופֿט אַרויס ביי אונז פֿאַרוווּנדערונג.

פֿון דאָזיקן פֿאַקט פֿליסט ווידער אַרויס אַ גאַנצע ריי שווערקייטן פֿאַר דער טעאָריע פֿון קאָמיזם. די באַהויפּטונג:

„מיין טאָג-טעגלעכע קליידונג איז אַ טייל פון מיין קערפּער", נעמט דער פאַרשטאַנד אויף ווי אַן אומזין. אָבער די פאָרשטעלונגס-קראַפט האַלט עס פאַר אַן אמת. „אַ רויטע נאָז איז אָפּגעפאַרבט", „אַ נעגר איז אַ פאַרשטעלטער ווייסער", זענען ווידער אבסורדן פאַרן פאַרשטאַנד, וואָס דענקט, אָבער זיכערע אמתן פאַר דער פשוטער פאָרשטעלונגס-קראַפט. אַזוי אַרום שטעלט זיך אַרויס, אַז די פאָרשטעלונגס-קראַפט פאַרמאָגט אַ לאָגיק, וואָס דעקט זיך נישט מיט דער לאָגיק פון פאַרשטאַנד, וואָס שטייט אַפילו אָפט אין סתירה צו איר, אָבער די פילאָזאָפיע מוז זיך רעכענען מיט איר נישט נאָר ביים אויספאָרשן דעם קאָמיזם, נאָר אויך ביי אַנדערע פאָרשונגען פון זעלבן מין. דאָס איז עפּעס ענלעכס צו דער לאָגיק פון חלום, אָבער נישט פון אַ חלום, וואָס איז איבערגעענטפערט צום קאַפּריז פון דער אינדיווידועלער פאַנטאַזיע, נאָר פון אַ חלום, וועלכן עס חלומט די גאַנצע געזעלשאַפט. וויל מען זיך שאַפן אַ בילד פון דערדאָזיקער לאָגיק, איז נויטיק אַן אויסערגעוויינלעכע אָנשטרענגונג: מיר מוזן אונטערהויבן די אויסערלעכע שיכט פון אָנגעהויפטע אורטיילן און פעסט-איינגעפונדעוועטע געדאַנקען, כדי צו דערזען אין די טיפסטע טיפענישן פונם „איך" אַ דויערהאַפטן פליסיקן שטראָם בילדער (אַן ענלעכן אויף אַן אונטערערדישן טייך), וואָס דרינגען אַריין איינס אין צווייטן. דידאָזיקע קעגנזייטיקע דורכדרינגונג פון די בילדער איז נישט קיין צופאַל: זי איז אונטערגעוואָרפן געזעצן, אָדער ריכטיקער, — געוווינהייטן, וואָס זענען פאַר דער פאָרשטעלונגס-קראַפט דאָסזעלבע, וואָס די לאָגיק — פאַר דעם געדאַנק.

לאָמיר זשע נאָכפאָלגן דידאָזיקע לאָגיק פון דער פאָרשטעלונגס-קראַפט אין דעם באַזונדערן פאַל, וועלכער באַשעפטיקט אונז איצט. אַ מענטש, וועלכער פאַרשטעלט זיך — איז קאָמיש. אַ מענטש, וועלכן מ'קען אָננעמען פאַר אַ פאַרשטעלטן, איז נישט ווינציקער קאָמיש. פאַרברייטערן מיר דעמדאָזיקן כלל, קומט מען צום אויספיר, אַז נישט נאָר די פאָרשטעלונג פון מענטשן איז קאָמיש, נאָר אויך פון דער געזעלשאַפט און אַפילו פון דער נאַטור

לאָמיר אָנהויבן פון דער נאַטור. מיר לאַכן פון אַ הונט, וואָס איז אָפגעשאָרן אויף דער העלפט, פון אַ גערטל מיט קינסטלעך-באַפאַרבטע בלומען, פון אַ וואַלד, ווו די ביימער זענען באַקלעפט מיט וואַל-אויפרופן, א. א. וו. טראַכט זיך נאָר אַריין אין דער סיבה פון דאָזיקן געלעכטער, וועט איר זען, אַז אין דידאָזיקע אַלע פאַלן קומט אייך דער געדאַנק וועגן אַ מאַסקאַראַד. אָבער דער קאָמיזם איז דאָ שטאַרק אָפגעשוואַכט: ער איז צופיל דערווייטערט פון זיין מקור. ווייל מען אים פאַרטיפן, דאַרף מען זיך אומקערן צום מקור גופא, דערנענטערן דעם אָפגעצווייגטן בילד פון מאַסקאַראַד צו זיין אורשפרינגלעכן שטאַם-בילד, וואָס איז געווען, ווי מיר געדענקען, די מעכאַנישע באַוועגונג פון לעבן. די נאַטור, וואָס ווערט מעכאַניש באַוועגט, — אָט דאָס איז אַ באמת קאָמישער מאָטיוו, וועלכן די פאַנטאַזיע קען אויסנוצן אין פאַרשידענע וואַריאַציעס מיט דער גאַראַנטיע אַרויסצורופן אַ הילכיקן געלעכטער. דערמאָנט זיך נאָר די שטאַרק-קאָמישע סצענע אין אַלפאָנס דאָדעס „טאַרטאַרען אויף די אַלפן", ווו באָמפאַר רעדט איין טאַרטאַרענען (און אַ ביסעלע אויך דעם לייענער), אַז גאַנץ שווייצאַריע ווערט קינסטלעך באַוועגט דורך אַ מעכאַניזם ווי די קוליסן פון דער אָפערע, און ווערט עקספלואַטירט דורך אַ געזעלשאַפט, וואָס האַלט אין אַרענדע די וואַסערפאַלן, די גלעטשערס און די פאַלשע אָפגרונטן. דעמזעלבן מאָטיוו, נאָר אויף אַ גאַנץ אַנדער טאָן, געפינען מיר אויך אין אַ נאָוועלן-באַנד פון ענגלישן הומאָריסט דזשעראָם ק. דזשעראָם. אַן אַלטע פריצטע, וועלכע וויל נישט, אַז אירע מעשים-טובים זאָלן איר קאָסטן צופיל טרחה, הייסט באַזעצן אין שכנות פון איר פאַלאַץ אַטעיסטן, וועלכע מ'האָט עקסטרע פאַר איר פאַבריצירט, כדי זי זאָל זיי קענען אומקערן אויפן דרך-הישר, און אָרנטלעכע מענטשן, וועלכע מ'האָט געמאַכט פאַר שיכורים, כדי זי זאָל זיי קענען אויסהיילן פון זייער שלעכטער מידה, א. א. וו. פאַראַן אַ סך קאָמישע אויסדרוקן, אין וועלכע מיר פאַרנעמען אַ ווייטן אָפקלאַנג פון דאָזיקן מאָטיוו, אונטערן אַקאָמפאַנעמענט פון אַ

אויפריכטיקער אָדער געמאַכטער נאַיווקייט. למשל: די וואַנדערונג פון אַ פרוי, וועלכע דער אַסטראָנאָם קאַססיני האָט איינגעלאַדן צו קומען זען די ליקוי-לבנה און זי האָט זיך פאַרשפּעטיקט: „ה׳ דע קאַססיני, איר וועט זיין אַזוי פריינטלעך און איבערחזרן פאַר מיר נאָכאַמאָל". אָדער דער פאָלגנדיקער אויסרוף פון גאָנדינעטס אַ העלד, וועלכער קומט אין אַ שטאָט און דערוויסט זיך, אַז אין דער אומגעגנט איז דאָ אַן אויסגעלאָשענער וואולקאַן: „זיי האָבן געהאַט אַ וואולקאַן און אים געלאָזן זיך אויסלעשן!"

לאָמיר איצט איבערגיין צו דער געזעלשאַפט. לעבנדיק אין איר און דורך איר, זענען מיר געוווינט געוואָרן זי צו באַטראַכטן ווי אַ לעבעדיק וועזן. אַזוי אַרום וועט זיין קאָמיש יעדעס בילד, וואָס וועט ביי אונז אַרויסרופן דעם געדאַנק פון אַ געזעלשאַפט, וואָס פאַרשטעלט זיך, פון אַ סאָציאַלן מאַסקאַראַד, אַזוי צו זאָגן. און דערדאָזיקער געדאַנק קומט טאַקע אויף אין אונז ווי נאָר מיט דערזעען אויף דער אויבערפלאַך פון דער לעבעדיקער געזעלשאַפט עפּעס פאַרשטייבטס, געקינסטלטעס, וואָס שמעקט מיט שאַבלאָן. דאָ טרעט ווידער אויף די פאַרשטייפטקייט, וואָס פאַרדעקט די אינערלעכע עלאַסטישקייט פון לעבן. די צערעמאָניעלע זייט פון סאָציאַלן לעבן מוז אַזוי אַרום טראָגן אין זיך אַ פאַרבאָרגענעם קאָמיזם, וועלכער וואַרט נאָר אָפּ אַ געלעגנהייט, כדי זיך אַרויסצורייסן אויף דער ליכטיקער שיין. מ׳קען זאָגן, אַז דער געזעלשאַפטלעכער צערעמאָניאַל איז פאַרן סאָציאַלן קערפּער דאָסזעלבע, וואָס קליידונג — פאַרן אינדיווידועלן קערפּער: זיין חשיבות האָט ער צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס מיר אידענטיפיצירן אים מיט די ערנסטע אָביעקטן, מיט וועלכע די געוווינהייט בינדט אים צענויף, און ווי נאָר אונזער פאָרשטעלונגס-קראַפט איזאָלירט אים פון זיי, פאַרלירט ער זיין גאַנצע חשיבות. כדי אַ צערעמאָניע זאָל ווערן קאָמיש איז גענוג צו קאָנצענטרירן אונזער אויפמערקזאַמקייט בלויז אויף דאָס צערעמאָניעלע וואָס אין איר; מיר זאָלן נישט לייגן קיין אַכט אויף איר מאַטעריע,

ווי די פּילאָזאָפן דריקן זיך אויס, און טראַכטן בלויז וועגן איר פאָרם. ס'איז איבעריק זיך אָפּצושטעלן געֶנוי אויפן דאָזיקן פּונקט. יעדער איינער ווייסט, ווי לייכט דער קאָמיזם ווערט אָנגערעגט דורך סאָציִאַלע אַקטן מיט סטאַביליזירטע פאָרמען, אָנהויבנדיק פון אַ פּשוטער פאַנאַנדערטיילונג פון מעדאַלן ביז אַ זיצונג פון טריבונאַל. וויפל פאָרמען און פאָרמולעס, אַזויפיל פאַרטיקע ראַמען, אין וועלכע עס פּאַסט זיך אַריין דער קאָמיזם.

אָבער אויך אין דאָזיקן פאַל וועט דער קאָמיזם שאַרפער ווערן, ווען מיר וועלן אים דערנענטערן צו זיין מקור. פון אָפּגעצווייגטן באַגריף פון פאַרקליידן זיך, דאַרף מען זיך אויפהויבן צו דעם אורשפּרינגלעכן באַגריף וועגן אַ מעכאַניזם, וואָס דעקט צו דאָס לעבן. שוין די אָפּגעפּאַסטע פאָרם אַליין פון יעדער צערעמאָניאַל רופט אַרויס אין אונז אַן ענלעך בילד. ס'איז גענוג אויף איין מאָמענט צו פאַרגעסן דעם וויכטיקן אינהאַלט פון אַ פייערלעכקייט, אָדער פון אַ צערעמאָניע, כּדי מיר זאָלן באַקומען דעם איינדרוק, אַז די אַלע, וואָס נעמען אָנטייל אין איר, באַוועגן זיך ווי מאַריאָנעטקעס. זייער באַוועגלעכקייט ווערט רעגולירט לויט אַן אומבאַוועגלעכער פאָרמולע; און דאָס איז — אויטאָמאַטישקייט. אָבער אַ קלאַסישער ביישפּיל פון אַ אויטאָמאַט וועט זיין אַ באַאַמטער, וואָס פירט אויס זיין אַרבעט ווי אַ פּשוטע מאַשין, אָדער וואָס וואַרפט זיך אונטער די נשמהלאָזע פאַראָרדנונגען פון דער אַדמיניסטראַציע ווי אומפאַרענדערלעכע געזעצן פון דער נאַטור, ווי אַן אומפאַרמיידלעכן גורל. מיט אַ שיינע פּאָר יאָר צוריק, למשל, איז נישט ווייט פון דיעפּ דערטרונקען געוואָרן אַ שיף. עטלעכע פּאַסאַזשירן האָבן זיך מיט גרויס צרות געראַטעוועט אין אַ קליין שיפל. די צאָל־באַאַמטע, וועלכע זענען זיי מוטיק געקומען צו הילף, האָבן די ערשטע זאַך געשטעלט די פראַגע, „צי זיי האָבן גאָרנישט וואָס אָפּצוצאָלן"... עפּעס אַנאַלאָגישעס (כאָטש דער געדאַנק איז דאָ נישט דער ערך סובטעלער) געפין איך אין פאָלגנדיקע ווערטער פון אַ דעפּוטאַט, וואָס אינטער-

פּעלירט אַ מיניסטער אויף צומאָרגנס נאָך אַ פאַרברעכן, וועלכעס איז באַגאַנגען געוואָרן אין אַ צוג: „נאָכדעם ווי ער האָט געטויט זיין קרבן, איז דער מערדער אַרויסגעשפּרונגען פון צוג, צובר זייענדיק אויף די אַדמיניסטראַטיווע פאַראָרדנונגען".

אַ מעכאַניזם, וואָס געפינט זיך אין דער נאַטור, אַ אוי־טאָמאַטישע רעגלאַמענטאַציע פון דער געזעלשאַפט, אָט דאָס זענען, אין סך הכל, דיביידע טיפּן פון קאָמישע עפעקטן, צו וועלכע מיר זענען ענדלעך דערגאַנגען. עס בלייבט אונז איצט נאָר צו קאָמבינירן דידאָזיקע צוויי צוזאַמען און צוקוקן זיך, וואָס וועט דערפון אַרויסקומען.

ס'איז קלאָר, אַז דער רעזולטאַט פון דערדאָזיקער קאָמ־בינאַציע וועט זיין די אידעע וועגן אַ מענטשלעכע רעגלאַמענ־טאַציע, וואָס פאַרנעמט דעם אָרט אַפילו פון די נאַטור־געזעצן. דערמאָנט זיך נאָר סגאַנאַרעלס ענטפער, ווען זשעראָנט האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דאָס האַרץ ליגט אין דער לינקער זייט און דער לעבער פון דער רעכטער: „יאָ, אַזוי איז געווען אַמאָל, אָבער מיר האָבן דאָס אַלץ געענדערט, און מיר ווענדן היינט אָן די מעדיצין לויט אַ גאַנץ נייעם מעטאָד". און דאָסזעלבעביים קאָנסוליום פון די צוויי דאָקטוירים פון ה' דע פורסאָניאַק: „דער געדאַנקנגאנג, וועלכן איר האָט דאָ אַנט־וויקלט, איז אַזוי וויסנשאַפטלעך און שיין, אַז ס'איז אוממעגלעך, דער קראַנקער זאָל נישט זיין קיין היפּאָכאָנדרישער מעלאַנכאָליקער; און ווען ער זאָל דאָס אַפילו נישט זיין, וואָלט ער דאָס געדאַרפט ווערן צוליב דער שיינקייט פון דאָס אַלץ, וואָס איר האָט דאָ געזאָגט, און צוליב דער ריכטיקייט פון די געדאַנקען, וועלכע איר האָט אַנטוויקלט". מיר וואָלטן לייכט געקאָנט פאַרמערן די צאָל ביישפּילן; ס'איז גענוג מיר זאָלן לאָזן דורכמאַרשירן פאַרביי אונז, איינעם נאָכן אַנדערן, מאָליערס אַלע דאָקטוירים. אָבער ווי ווייט די קאָמישע פאַנטאַזיע זאָל נישט גיין אין דערדאָזיקער ריכטונג, שטייגט איר פונדעסטוועגן די ווירקלעכקייט אָפטמאָל אַריבער. אַ מאָ־דערנעם פילאָזאָף, וואָס שטיצט זיינע מיינונגען דורך איבער־געטריבענע אַרגומענטן, האָט מען אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז

זיין געדאַנקענגאַנג איז טאַקע אַן אידעאַל פון לאָגישער בוי־קונסט, אָבער די דערפאַרונג לייקנט אים אָפּ; האָט דער פֿילאָזאָף אַ סוף געמאַכט צו דער דיסקוסיע מיט דידאַקטישע פשוטע ווערטער: „די דערפאַרונג איז אומגערעכט“. דאָס באַווייזט, אַז די אידעע צו רעגולירן דאָס לעבן אויף אַן אַדמיניסטראַטיוון אופן איז אַ סך מער כּאַרשפּרייט, ווי מען מיינט; זי איז אויף איר שטייגער נאַטירלעך, כאָטש מיר זעען דערגאַנגען צו איר אויף אַ קינסטלעכן וועג. מ׳קען מיט רעכט זאָגן, אַז אין איר שטעקט דער קווינטעסענץ פון פּעדאַנטיזם, וואָס איז, אין תּוך גענומען, נישט עפּעס אַנדערש, ווי קינסטלעכקייט, וואָס רעדט זיך איין, אַז אַזוי אַרום וועט זי ווערן נאַטירלעך.

ווען מיר רעזיומירן דאָס אויבן־געזאָגטע, זעען מיר, אַז איין און דערזעלבער עפעקט, — וואָס ווערט אַלץ מער און מער סובטעל, — גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדים, אָנהויבנדיק פון דער אידעע פון אַ געקינסטלטער מעכאַניזאַציע פון מענטשלעכן קערפּער (אויב מ׳קען זיך אַזוי אויסדריקן), ביז דער אידעע פון בכלל פאַרבייטן דאָס נאַטירלעכע מיט געקינסטלטן. אַ מין לאָגיק, וואָס איז אַלץ ווייניקער פּרעציז און אַלץ מער ענלעך צו דער לאָגיק פון חלומות, טראָגט איבער דידאַקטיע זעלבע באַציאונג אין אַלץ העכערע ספערן, אין אַלץ מער רוחניותדיקע געביטן, אַזוי, אַז אַן אַדמיניסטראַטיווע פאַראָרדנונג, למשל, ווערט כאַר דעם געזעץ פון דער נאַטור אָדער גייסט דאָס, וואָס פאַבריק־קליידונג פאַר אַ לעבעדיקן קערפּער. די ערשטע פון די דריי ריכטונגען, וועלכע מיר דאַרפן דורכמאַכן, זעען מיר איצט דורכגעגאַנגען ביזן סוף. לאָמיר איבערגיין צו דער צווייטער און זען, וואַהין זי וועט אונז אַוועקפירן.

II. — אונזער אויסגאַנגס־פּונקט איז אויך דאָ דער מעכאַניזם, וואָס דרינגט אַריין אין אַ לעבעדיקן וועזן. פון וואַנעט נעמט זיך דאָ דער קאָמיזם? דערפון, וואָס אַ לעבעדיקער קערפּער ווערט פאַרשטייפט צו אַ מאַשין. דאָס באַווייזט, אַז מיר באַטראַכטן דעם קערפּער אַלס עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף זיין פולקאָמען עלאַסטיש, תּמיד וואַכזאַם־אַקטיוו אַ דאַנק אַ טרייבנדיקע

קראַפט, וואָס רוט נישט אויף קיין איין מינוט. אָבער דידאָזיקע אַקטיוויטעט געהערט פאַקטיש מער דער נשמה, ווי דעם קערפער. זי איז דער אמתער לעבנס-פלאַם, וועלכן אַ העכערע קראַפט האָט אָנגעצונדן אין אונז, און מיר זעען אים דורכן קערפער ווי ער וואָלט זיין דורכזיכטיק. ווען מיר זעען אין אַ לעבעדיקן קערפער בלויז חן און עלאַסטישקייט, איז אַ סימן, אַז מיר לייגן קיין אכט נישט אויף דאָס אַלץ, וואָס איז דאָ אין אים שווערס, איינגעשפאַרטס, מיט איין וואָרט מאַטעריע, עס; מיר פאַרגעסן זיין מאַטעריעלישקייט, און טראַכטן בלויז וועגן זיין לעבעדיקייט, וואָס אונזער פאָרשטעלונגס-קראַפט שרייבט איר אַפילו צו אויך די עלעמענטן פון אינטעלעקטועלן און מאָראַלישן לעבן. לאָמיר זיך אָבער פאָרשטעלן, אַז אונזער אויפמערקזאַמקייט ווערט צוגעצויגן אויף דערדאָזיקער מאַטעריעלער זייט פון קערפער. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז אָנשטאָט צו דערשיינען אונטערן שלייער פון דער לייכטקייט פון גייסט, וועלכער באַלעבט אים, טרעט דער קערפער אַרויס פאַר אונז אַלס שווערע און שטערנדיקע הילע, אַלס אומבאַקוועמער באַלאַסט, וואָס שלעפט אַראָפּ די נשמה צו דער ערד, כאָטש זי איז פול מיט אומגעדולד זי צו פאַרלאָזן... דעמאָלט וועט דער קערפער ווערן פאַר דער נשמה דאָס, וואָס די מלבושים זענען אַקאָרשט דאָ נישט לאַנג געווען פאַרן קערפער: אַ אינערטע מאַטעריע, וואָס דריקט אויף אַ לעבעדיקער ענערגיע. און תיכף, ווי מיר וועלן קלאָר דערשפּירן דעמדאָזיקן קאָנטראַסט, וועט אויפקומען אין אונז דער איינדרוק פון קאָמיזם. באַזונדערס וועלן מיר אים שפּירן דאַן, ווען מיר וועלן זען, ווי די נשמה ווערט געקוועלט דורך די באַדערפענישן פון קערפער: פון איין זייט די גייסטיקע פערזענלעכקייט מיט איר ענערגיע, וואָס ווערט שכלדיק צוגעפאַסט צו פאַרשידענע פאָדערונגען פון לעבן, און פון דער צווייטער זייט דער קערפער, וואָס איז נאַריש איינטאָניק, וואָס מישט זיך אַריין און שטערט מיט זיין עקשנות פון אַ מאַשין. וואָס מער דידאָזיקע פאָדערונגען פון קערפער וועלן זיין קליינלעך און אייג[illegible], אַלץ [illegible]

וועט זיין דער קאָמישער עפֿעקט. אָבער דאָס איז שוין בלויז אַ פֿראַגע פֿון דער מדרגה; דער כּלל גדול פֿון דידאַזיקע דערשיינונגען קען פֿאָרמולירט ווערן אַזוי: קאָמיש איז יעדע געשעעניש, וואָס ציט אונזער אויפֿמערקזאַמקייט אויף דער פֿיזישער זייט פֿון אַ פּערזאָן גראָד דאַמאָלט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן איר גייסטיקער זייט.

פֿאַרוואָס לאַכן מיר פֿון אַ רעדנער, וועלכער האָט אַ נאָס געטאָן אין פּאַטעטישסטן מאָמענט פֿון זיין רעדע? און וואָס באַשטייט דער קאָמיזם פֿון פֿאָלגנדיקער פֿראַזע פֿון אַ לויה־רעדע, וועלכע אַ דייטשער פֿילאָזאָף ציטירט: „ער איז געווען זיטלעך און רונדיק?" דער קאָמיזם נעמט זיך דערפֿון, וואָס אונזער אויפֿמערקזאַמקייט ווערט פּלוצלונג אָפּגעצויגן פֿון דער נשמה צום קערפּער. אין טאָג־טעגלעכן לעבן זענען דאָ אַ סך אַזעלכע ביישפּילן. אויב עמיץ וויל זיך אָבער איינשפּאָרן די מי זיי צו זוכן, איז גענוג אויפֿצושלאָגן אַ וואָסער נישט איז באַנד פֿון לאַביש: ער וועט גלייך אָנטרעפֿן אויף אַן ענלעכן עפֿעקט. אויף איין אָרט האָבן מיר דאָרט אַ רעדנער, וואָס רייסט איבער זיין רעדע אין די שענסטע שטעלן צוליב ציינווייטאָק; אויף אַ צווייט אָרט געפֿינען מיר אַ פּאַרשוין, וואָס קלאָגט זיך ביי יעדער פּאָר ווערטער אויף זיינע ענגע קאַמאַשן, אָדער אויף דעם צו שטייפֿן פּאַסעק א. א. וו. דידאָזיקע אַלע ביישפּילן רופֿן ביי אונז אַרויס דאָס בילד פֿון אַ מענטשן, וואָס ווערט געקוועלט דורך זיין אייגענעם קערפּער. אויב אַן אומגעוויינלעך דיקער מענטש איז קאָמיש, איז דאָס אָן ספֿק דערפֿאַר, ווייל ער רופֿט אַרויס אַן ענלעכע פֿאָרשטעלונג. צוליבן זעלבן טעם איז אַמאָל אויך שעמעוודיקייט אַביסל קאָמיש; דער שעמעוודיקער מאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ פּערזאָן, וואָס זיין אייגענער קערפּער שטערט אים, און וועלכער זוכט אַרום זיך אַן אָרט, ווו אים אָפּצולייגן.

צוליב דעם אַלעם באַמיט זיך דער טראַגישער דיכטער אויסצומיידן אַלץ, וואָס קען ווענדן אונזער אויפֿמערקזאַמקייט

אויף דער גשמיותדיקער זייט פון זיינע העלדן. ווי נאָר עס מישט זיך אַריין די זאָרג פאַרן קערפּער, איז באַרעכטיקט די מורא, אַז דער קאָמיזם וועט דאָ געפינען אַ געלעגנהייט זיך אַריינצושמוגלען. מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס די העלדן פון אַ טראַגעדיע טרינקען נישט, עסן נישט, וואַרעמען זיך נישט. נאָכמער, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך זעצן זיי זיך נישט צו אַפילו. זעצן זיך אינמיטן אַ טיראַדע, וואָלט הייסן אַזוי גוט ווי זיך דערמאָנען, אַז מ׳האָט אַ קערפּער. נאַפּאָלעאָן, וועלכער איז צייטנווייז געווען אַ טיפער פּסיכאָלאָג, האָט באַמערקט, אַז מיטן פאַקט גופא פון זעצן זיך, קען מען איבערגיין פון אַ טראַגעדיע צו אַ קאָמעדיע. אין „נישט פאַרעפנטלעכטן זשורנאַל" פון באַראָן גורגאָ דריקט ער זיך אויס וועגן דאָזיקן ענין מיט פאָלגנדיקע ווערטער (עס האַנדלט זיך וועגן אַ זעונג מיט דער פּרייסישער קעניגין נאָך דער שלאַכט ביי יענאַ): „זי האָט מיך אויפגענומען מיט אַ טראַגישן טאָן, ווי שימען:*) „גערעכטיקייט, סער, גערעכטיקייט! מאַגדעבורג!" און אַזוי ווייטער אין זעלבן טאָן, וועלכער איז מיר געווען שטאַרק אומאַנגענעם. ענדלעך, כּדי זי צווינגען צו ענדערן דעם טאָן, האָב איך זי געבעטן זיך אַנידערצוזעצן. נישטאָ קיין בעסערער מיטל אויף איבער־צורייסן אַ טראַגישע סצענע; ווייל בעת מען זיצט, ווערט זי פאַרוואַנדלט אין אַ קאָמעדיע".

פאַרברייטערן מיר דאָסדאָזיקע בילד פון קערפּער, וואָס פאַרמעסט זיך אויף דער נשמה, באַקומען מיר אַ מער אַלגעמיינע פאָרמולע: די פאָרם, וואָס וויל באַהערשן דעם אינהאַלט, דער טויטער בוכשטאַב, וואָס זוכט צו פאַרגוואַלטיקן דעם גייסט. איך מיין, אַז יעדע קאָמעדיע, וועלכע לאַכט אויס אַ פּראָפעסיע, וויל אַרויסרופן ביי אונז דעמדאָזיקן געדאַנק. אירע אַדוואָקאַטן, ריכטער, דאָקטוירים ריידן אַזוי, ריכטיק ווי דאָס געזונט און די גערעכטיקייט וואָלטן געהאַט אַ

*) איינע פון די שענסטע טרויען-טיפּן פון פראַנצויזישן טראַגיקער קאָרנעל. (איב.)

קנאַפּן וואָרט, ווייל דער עיקר איז, עס זאָלן זיין דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, ריכטער, און אַז די אויסערלעכע פאָרמען פון זייערע פּראָפעסיעס זאָלן אָפּגעהיט ווערן מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט. אַזוי אַרום פאַרנעמט דער מיטל דעם אָרט פון ציל, די פאָרם — פון אינהאַלט, און ס׳ווערן פאַרביטן די יוצרות: נישט די פּראָפעסיע איז געשאַפן געוואָרן פאַרן עולם, נאָר דער עולם פאַר דער פּראָפעסיע. די כסדרדיקע זאָרג פאַר דער פאָרם, די מעכאַנישע אָנווענדונג פון כּללים בילדן דאָ אויס אַ מין פּראָפעסיאָנעלן אויטאָמאַטיזם, וואָס קען פאַרגליכן ווערן מיט יענעם, וועלכן די געוווינהייטן פון קערפּער צווינגען אַרויף אויף דער נשמה, און איז פּונקט אַזוי קאָמיש, ווי יענער. אין טעאַטער געפינען מיר אומצאָליקע ביישפּילן פון דאָזיקן מין. נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין די פּרטים פון די פאַרשידענע וואַריאַציעס, וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן אויף דערדאָזיקער טעמע, וועל איך בלויז ציטירן אַ צוויי אָדער דריי שטעלן, וווּ די טעמע גופא איז דעפינירט געוואָרן אין איר גאַנצער פּשוטקייט: „מ׳איז בלויז מחויב צו באַהאַנדלען די מענטשן לויט די כּללים״, זאָגט דיאַפוארי אין „איינגערעדטן קראַנקן״. און באַהיס זאָגט אין „דאָקטאָרס ליבע״: „עס איז בעסער צו שטאַרבן לויט די כּללים, איידער אַרויסצומאַכן זיך פון טויט קעגן זיי״. „מ׳דאַרף תּמיד אָפּהיטן די פאָרמאַליטעטן, וואָס עס זאָל דערפון נישט אַרויסקומען״, האָט שוין פריער געזאָגט דעפאָנאַנדרעס אין דערזעלבער קאָמעדיע. און זיין חבר טאָמעס גיט אים געזעכט: „אַ טויטער מענטש איז נישט מער ווי אַ טויטער מענטש, אָבער אַ פאַרנאַכלעסיקטע פאָרמאַליטעט ברענגט גרויס שאָדן דער גאַנצער מעדיצינישער קאָרפּאָראַציע״. נישט ווייניקער כאַראַקטעריסטיש איז די פראַזע פון ברידאואזאָן, כאָטש זי דריקט אויס אַביסל אַן אַנדער געדאַנק: „די פאָ-אָרם, זעט איר, די פאָ-אָרם. דערזעלבער, וואָס לאַכט פון אַ ריכטער, ווען ער איז קורץ געקליידט, קען זיך טרייסלען ביים בלויזן אָנבליק פון אַ פּראָקוראָר אין אַ טאָגע. די פאָ-אָרם, די פאָ-אָרם״.

אָבער דאָ געפינען מיר שוין די ערשטע אָנווענדונג פון

אַ כלל, וועלכער וועט אַלץ בולטער ווערן, וואָס ווייטער אונזער אַרבעט וועט זיך רוקן פֿאָראויס. ווען אַ מוזיקער נעמט אַ טאָן אויף אַן אינסטרומענט, קלינגען מיט, ווי פֿון זיך אַליין, אויך אַנדערע טענער, שוואַכערע ווי דער ערשטער, פֿאַרבונדענע מיט אים דורך געוויסע. קלאָר-באַשטימטע באַציאונגען; און די דאָזיקע מיטקלינגנדיקע טענער, וואָס פֿאַרבינדן זיך מיטן הויפּט-טאָן, גיבן צו דעם לעצטן זיין טעמבר: דאָס זענען, ווי מ׳רופֿט עס אין דער פֿיזיק, די האַרמאָנישע קלאַנגען פֿון פֿונדאַמענטאַלן טאָן. איז דען נישט מעגלעך, אַז אַן ענלעכער געזעץ באַהערשט אויך די עקסצענטרישסטע דערפֿינדונגען פֿון דער קאָמישער פֿאַנטאַזיע? באַטראַכט נאָר, אדרבה, דעמדאָזיקן קאָמישן טאָן: די פֿאָרם, וואָס וויל באַהערשן דעם אינהאַלט. אויב אונזער ביזאיצטיקער אַנאַליז איז געווען ריכטיק, דאַרפֿן דעמדאָזיקן טאָן באַגלייטן פֿאָלגנדיקע האַרמאָנישע קלאַנגען: „דער קערפּער, וואָס קוועלט דעם גייסט״, „דער קערפּער, וואָס וויל באַהערשן דעם גייסט״. דאָס באַדייט, אַז גלייך ווי דער הומאָריסטישער דיכטער נעמט דעם ערשטן טאָן, וועט ער אינסטינקטיוו און אומגערנווילִיק צוגעבן צו אים דעם צווייטן. אַנדערש אויסגעדריקט: ער וועט פֿאַרטאָפּלען מיט עפּעס אַ פֿיזישן קאָמיזם דעם פּראָפֿעסיאָנעלן.

ווען דער ריכטער דרידאָואַזאָן קומט אַרויס אויף דער סצענע און שטאַמלט, איז דען נישט קלאָר, אַז דורך זיין דאָזיקן מום גרייט ער אונז צו צו באַגרייפֿן די דערשיינונג פֿון אינטעלעקטועלער פֿאַרשטייפֿטקייט, וועלכע ער פֿאַרקערפּערט אין דער קאָמעדיע? וואָסער געהיימע קרובהשאַפֿט פֿאַרבינדט דעמדאָזיקן מום מיטן דאָזיקן איינגעשרומפּענעם גייסט? ס׳קען זיין, אַז די לאָגיק פֿון קאָמיזם פֿאָדערט, אַז דידאָזיקע מאַשין אויף אַרויסצוטראָגן אורטיילן זאָל אונז גלייכצייטיק פֿאָרקומען ווי אַ מאַשין אויף צו ריידן. יעדנפֿאַלס, קיין שום אַנדער האַרמאָנישער טאָן וואָלט נישט געקענט בעסער משלים זיין דעם גרונט-טאָן, ווי דער דאָזיקער.

ווען מאָליער שטעלט אונז פֿאַר די ביידע קאָמי-ע

דאָקטוירים פון זיין „דעם דאָקטאָרס ליבע״, באהיס און מאַקראַ־טאָן, לאָזט ער איינעם ריידן גאַנץ פאַוואָליע, ווי ער וואָלט אַקצענטירט אַ טראַף נאָך אַ טראַף, און דעם צווייטן — שנעל און אומקלאָר. דעמזעלבן קאָנטראַסט געפינט מען ביי די ביידע אַדוואָקאַטן פון ה׳ דע פורסאָניאַק. אין ריטם פון די ווערטער געפינט מען כמעט תמיד די פיזישע משונהדיקייט, וואָס איז באַשטימט צו דערגאַנצן דעם פראָפעסיאָנעלן קאָמיזם. און דאָרט, ווו דער מחבר האָט נישט אָנגעמערקט קיין ענלעכן פעלער, שאַפט אים כמעט תמיד דער אַקטיאָר פון זיך אַליין, אינסטינקטיוו.

אַזוי־אַרום זעען מיר, אַז ס׳עקזיסטירט אַ נאַטירלעכע קרובהשאַפט (וועלכע ווערט אינסטינקטיוו דערקענט) צווישן דידאָזיקע ביידע פאָרשטעלונגען, וועלכע מיר דערנענטערן איינע צו דער צווייטער: צווישן גייסט, וואָס ווערט פאַרגליווערט אין געוויסע פאָרמען, און דעם קערפער, וועלכער ווערט פאַר־שטייפט צוליב געוויסע פעלערן. צי אונזער אויפמערקזאַמקייט ווענדט זיך אָפּ פון אינהאַלט צו דער פאָרם, צי פון גייסט — צום קערפער, — אין ביידע פאַלן ווערט אין אונזער פאָרשטעלונגס־קראַפט אַרויסגערופן ווערן דערזעלבער איינדרוק; און אין ביידע פאַלן איז דאָס דערזעלבער אַרט קאָמיזם.

אויך דאָ האָבן מיר זיך באַקענט מיט אַ נאַטירלעכער ריכטונג פון דער פאָרשטעלונגס־קראַפט. דידאָזיקע ריכטונג, ווי מיר געדענקען, איז געווען די צווייטע פון די דריי זייטיקע וועגן, וועלכע האָבן זיך געעפנט פאַר אונז אויפן שייד־וועג פון אַ צענטראַלן בילד. איצט שטייט אָפן פאַר אונז דער דריטער און לעצטער וועג. און מיר וועלן זיך אַוועקלאָזן מיט אים.

III. — לאָמיר זיך צום לעצטן מאָל אומקערן צו אונזער צענטראַלן בילד פון אַ מעכאַניזם, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין אַ לעבעדיקן וועזן. דאָס לעבעדיקע וועזן, וועגן וועלכעס ס׳האָט זיך דאָ דערעיקר געהאַנדלט, איז געווען אַ מענטש, אַ פערזענ־לעכקייט, בעת דער פונקציאָנירנדיקער מעכאַניזם איז, פאַרקערט, אַ זאַך. אַזוי־אַרום איז דער געלעכטער אַרויסגערופן געוואָרן

דורך דער ציטווייליקער פאַרוואַנדלונג פון אַ פּערזענלעכקייט אין אַ זאַך. לאָמיר איצט איבערגיין פון קאָנקרעטן באַגריף פון אַ מעכאַניזם צום מער צעשוווּמענעם באַגריף פון אַ זאַך בכלל. מיר וועלן אַזוי אַרום באַקומען אַ נייע סעריע קאָמישע בילדער,— און באַקומען וועלן מיר זיי דורך אָפּרייבן די קאָנטורן פון די פריערדיקע, אויב מ׳קען זיך אַזוי אויסדריקן,— וועלכע וועלן אונז פירן צום דאָזיקן נייעם געזעץ: מיר לאַכן יעדעס מאָל, ווען אַ פּערזאָן מאַכט אויף אונז אַן איינדרוק פון אַ זאַך.

מיר לאַכן פון סאַנטשאָ פּאַנטשאָ, וועלכער איז איינגעוויקלט אין אַ דעקע און ווערט געוואָרפן אינדערלופטן, ווי אַ פּשוטע פּילקע. מיר לאַכן פון באַראָן מינכהויזען, וועלכער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ האַרמאַטן-קויל און פליט דורכן רוים. לאָמיר זיך אָבער צוקוקן צו די צירק-קלאוניען; ס׳קען זיין, אַז געוויסע קונצן זייערע וועלן אונז געבן אַ קלאָרערע דערקלערונג וועגן דאָזיקן געזעץ. מ׳וועט דאַרפן, וואָס אַן אמת, אָפּשיילן די קונצן, מיט וועלכע דער קלאון באַצירט זיין הויפּט-טעמע, און איינהאַלטן בלויז דידאָזיקע לעצטע, דאָס הייסט: די פּאָזעס, שפּרונגען און באַוועגונגען, וואָס מאַכן אויס דאָס אמתדיק „קלאונישע“ אין דער קונסט פון קלאון. בלויז צוויי מאָל איז מיר אויסגעקומען צו באַאָבאַכטן דעמדאָזיקן אַרט קאָמיזם אין זיין ריינעם צושטאַנד, און ביידע מאָל האָב איך געהאַט דעמזעלבן איינדרוק. דאָס ערשטע מאָל זענען די קלאונען געגאַנגען אַהין און צוריק, זיך צוזאַמענגעשטויסן, געפאַלן און אויפגעשפּרונגען, און דאָס אַלץ אין אַ גלייכמעסיק-שנעלן ריטם, וואָס האָט געהאַט די בולטע כוונה אַריינצופאַלן אין קרעסטשענדאָ. און וואָס ווייטער, אַלץ מער איז די אויפמערקזאַמקייט פון עולם צוגעצויגן געוואָרן אויף דעם אונטערשפּרינגען; ביסלעכווייז האָט מען גענומען פאַרגעסן, אַז מ׳האָט דאָ צו טאָן מיט מענטשן פון פלייש און בלוט; ס׳האָט זיך געשאַפן דער געדאַנק וועגן עפּעס פּעקלעך, וועלכע פאַלן אום און קלאַפּן זיך אָן איינער אָן צווייטן. דערנאָך איז די אילוזיע נאָך בולטער

געוואָרן. די פֿאָרמען האָבן זיך גענומען ווי פּאַרקיילעכן, די קערפּערס — זיך צעצויפדרייען און צוזאַמענוויקלען אין קויקן ענדלעך איז אַרויסגעשווומען דאָס בילד, צו וועלכן דידאָזיקע גאַנצע סצענע האָט אָן ספק באַוווּסטזיניק געצילט: גומי-פּילקעס, געווארפן אין אַלע זייטן איינע קעגן די אַנדערע. — די צווייטע סצענע, נאָך אַ גרעבערע פֿאַר דער ערשטער, איז אָבער גע-ווען נישט ווינציקער באַלערנדיק. אויף דער סצענע האָבן זיך באַוויזן צוויי פֿאַרשוינען, מיט קאָלאָסאַלע קעפּ, אינגאַנצן פּלי-כעוואַטע. זיי זענען באַוואָפנט געווען מיט לאַנגע שטעקנס און יעדער איינער האָט לויט דער ריי נאָך אַראָפּגעלאָזט זיין שטעקן אויפן צווייטנס קאָפּ. אויך דאָ איז געווען צו באַמערקן אַ געוויסע בהדרגהדיקייט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז נאָך יעדער באַקומענעם קלאַפּ ווערן די קערפּערס שווערער, פֿאַרגליווערטער, אַרומגעכאַפּט פון אַ וואַקסנדיקער פֿאַרשטייפונג. די קלעפּ זענען געפֿאַלן מיט אַלץ אַ גרעסערער פֿאַרשפּעטיקונג, אָבער גלייכ-צייטיק געוואָרן שווערער און הילכיקער. די שאַרבנס האָבן מוראדיק אָפּגעהילכט אין שטיל-געוואָרענעם צירק.ביידע קערפּערס, וואָס זענען געווען אויסגעגלייכט, ווי געשריבענע „ויון", האָבן זיך שטייף און לאַנגזאַם געבויגן איינער צום צווייטן, די שטעקנס זענען צום לעצטן מאָל געפֿאַלן אויף די קעפּ מיט א הילך פון ריזיקע האַמערס, וואָס פֿאַלן אויף דעמ-בענע בעלקעס, און ביידע האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד. אין דאָזיקן מאָמענט איז אויפגעשווומען אין איר גאַנצער קלאָרקייט די סוגעסטיע, וועלכע די ביידע אַרטיסטן האָבן בהדרגהדיק איינגעפּלאַנצט אין דער פֿאָרשטעלונגס-קראַפט פון די צוקוקער: „מיר ווערן, מיר זענען שוין געוואָרן מאַסיווע, הילצערנע מאַנעקענען".

אומגעבילדעטע מוחות האָבן דאָ מיט דער הילף פון אַ אומקלאָרן אינסטינק פאָרויסגעשפּירט אייניקע פון די סובטעלסטע רעזולטאַטן פון דער פּסיכאָלאָגישער וויסנשאַפט. ס'איז באַקאַנט, אַז דורך אַן איינפאַכער סוגעסטיע איז מעגלעך אַרויסצורופן ביי אַ היפּנאָטיזירטע פערזאָן האַליוצינאַציעס. מ'זאָגט צו איר,

אַז זי האַלט אויף איר האַנט אַ פויגל, און זי דערזעט דאָס פויגל און זי וועט עס אויך זען אַוועקפליען. אָבער נישט שטענדיק ווערן סוגעסטיעס אָנגענומען מיט אַזאַ לייכטקייט. אָפטמאָל גיט זיך דעם היפּנאָטיזאַר איין אַרויסצורופן די גע־העריקע ווירקונג בלויז ביסלעכווייז, בהדרגהדיק. אין דאָזיקן פאַל וועט ער נעמען אַלס אויסגאַנגס־פּונקט זאַכן, וועלכע די היפּנאָטיזירטע פּערזאָן זעט אויף דעראמתן, און ער וועט זיך באַמיען, אַז וואָס ווייטער זאָל דער היפּנאָטיזירטער דידאָזיקע זאַך זען אַלץ אומדייטלעכער; דערנאָך, פון שטאַפּל צו שטאַפּל, וועט ער פון דערדאָזיקער אומדייטלעכקייט לאָזן אַרויסטרעטן די פאָרם פון געגנשטאַנד, וועגן וועלכן ער וויל אַרויסרופן די האַליוצינאַציע. דאָסזעלבע קומט פאָר מיט אַ סך פּערזאָנען פאַרן איינשלאָפן: די פאָרמלאָז־פליסיקע, קאָלירטע נעפלען, וואָס פילן אויס זייער זע־פעלד, הויבן זיך ביסלעכווייז אָן צו פאַר־גליווערן אין בולטע געגנשטאַנדן. דער בהדרגהדיקער איבער־גאַנג פון צעשוווּמענקייט צו קלאָרקייט איז אַזוי אַרום דער טי־פּישער פּראָצעס פון סוגעסטיע פאַר עקסעליאַנס. איך גלויב, אַז מ׳קען אים געפינען אין דער טיף פון אַ סך קאָמישע סו־געסטיעס, באַזונדערס אין גראָבן קאָמיזם, ווי אויף אונזערע אויגן קומט פאָר די פאַרוואַנדלונג פון אַ מענטשן אין אַ זאַך. עס זענען אָבער דאָ אויך אַנדערע, מער דיסקרעטע סוגעסטיע־פּראָצעסן, וואָס ווערן למשל, באַנוצט דורך די דיכטער, וועלכע שטרעבן, אומבאַוווּסטזיניק אפשר, צום זעלבן ציל. מיט דער הילף פון געוויסע קאָמבינאַציעס פון ריטם, גראַם און קלאַנג־ענלעכקייט קען מען פאַרוויגן אונזער פאָרשטעלונגס־קראַפט, זי ברענגען ביסלעכווייז צום צושטאַנד פון אַ ריטמישער באַלאַנ־סירונג און אַזוי אַרום זי צוגרייטן אויפצונעמען לייכט די סו־געסטירטע אילוזיע.*)

צווישן די איבערגעבראַכטע גראָבע סצענעס און דידאָזיקע

---

*) בערגסאָן ברענגט דאָ צוויי ביישפּילן פון אַזעלכע פערזן, וועלכע ב׳מוז דאַ דורכלאָזן, ווייל זיי לאָזן זיך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט איבערזעצן (דער אי ב.)

זייער סובטעלע דיכטערישע סוגעסטיעס, ליגט דער גרויסער געביט פון אומצייליקבאַרע קאָמישע עפעקטן, וואָס ווערן אַרויס־גערופן דורך אויסדריקן זיך וועגן מענטשן ווי וועגן איינפאַכע זאַכן. לאָמיר געמען אַ פּאָר ביישפּילן פון לאַבישס ווערק, ווו מ׳געפינט זיי מאַסנווייז. ווען ה׳ פּערישאָן שטייגט איין אין וואַגאָן, ציילט ער איבער אַלע זיינע פּעקלעך, כדי זיך איבערצוצייגן, אַז ער האָט גאָרנישט פאַרגעסן: „פיר, פינף, זעקס, מיין ווייב — זיבן, מיין טאָכטער — אַכט, און איך — ניין". אין אַ צווייטער קאָמעדיע לויבט אַ פאָטער זיין געבילדעטע טאָכטער מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „זי וועט אייך אויסרעכענען אין איין אָטעם אַלע פראַנצויזישע קיסרים, וועלכע זענען פאָרגעקומען". דאָסדאָזיקע „ו ע ל כ ע ז ע נ ע ן פ אָ ר־ג ע ק ו מ ע ן" פאַרוואַנדלט נישט, אמת, די קיסרים אין איינ־פאַכע זאַכן, אָבער זי פאַרשמעלצט זיי מיט אומפּערזענלעכע געשעענישן.

אין שייכות מיטן לעצטן ביישפּיל וויל איך מאַכן פאָלגנ־דיקע באַמערקונג: כדי אַרויסצורופן אַ קאָמישן עפעקט, איז גאָרנישט נויטיק, אַז די אידענטיפיצירונג פון אַ פּערזאָן מיט אַ זאַך זאָל דערפירט ווערן ביז אירע לעצטע גרעניצן. ס׳איז גענוג מ׳זאָל שטעלן דעם ערשטן טריט אויפן דאָזיקן וועג און מאַכן אַן אָנשטעל, למשל, אַז מ׳פאַרבייט די פּערזאָן מיט דער פונקציע, וועלכע זי פירט אויס. כ׳וועל ציטירן בלויז פאָלגנדיקן אויסדרוק פון אַ קליינשטעטלדיקן בירגערמייסטער אין איינעם פון אַבו׳ס ראָמאַנען: „דער ה׳ סטאַראָסטע, וועלכער האָט אונז תמיד אַרויסגעוויזן דיזעלבע פריינטלעכקייט, כאָטש מ׳האָט אים שוין עטלעכע מאָל געביטן זייט 1847..."

דידאָזיקע אַלע אויסדרוקן זענען צוגעשניטן לויטן זעלבן מוסטער. איצט, ווען מיר ווייסן די פאָרמולע, קענען מיר זיי פאַבריצירן אין וועלכער צאָל מיר ווילן. אָבער די קונסט פון אַ דערציילער און פון אַ וואָדעוויליסט באַשטייט נישט אין סתם צענויפשטעלן קאָמישע אויסדרוקן. דאָס שווערסטע באַ־שטייט אין דעם, אַז די ווערטער זאָלן באַקומען אַ סוגעסטיווע

קראַפט, ד. ה. זיי זאָלן זיין באַגלויבט ביים צוהערער. ווייל מיר נעמען זיי אָן נאָר דאַן, ווען אונז דאַכט זיך, אַז זיי פליסן אַרויס פון אַ נשמה-צושטאַנד, אָדער זיי ראַמען זיך איין אין די געשעענישן. אַזוי, למשל, ווייסן מיר, אַז ה' פּערישאָן איז שטאַרק צערודערט, ווייל ער לאָזט זיך אַוועק אין זיין ערשטער נסיעה. דער אויסדרוק „פאָרגעקומען" געהערט צו די, וועלכע האָבן זיך, מסתמא, איבערגעחזרט אומגעציילטע מאָלן אין די לעקציעס, וועלכע די טאָכטער האָט איבערגעזאָגט פאַרן פאָטער; ער דערמאָנט אונז דעריבער אַ „געזאָגטע" לעקציע. און צולעצט, די פאַרגעטערונג פון דער אַדמיניסטראַטיווער מאַשין קען אַמאָל דערגרייכן אַזוי ווייט, מיר זאָלן אָנהייבן גלויבן, אַז דורכדעם, וואָס דער סטאַראָסטע טראָגט אַן אַנדער נאָמען, האָט ער זיך אויף קיין האָר נישט איבערגעביטן, ווייל די אַמטלעכע פונקציע ווערט אויסגעפירט אומאָפּהענגיק פון באַאַמטן.

מיר געפינען זיך שוין זייער ווייט פון דער אורשפּרינגלעכער סיבה פון געלעכטער. אַ געוויסע פאָרם פון קאָמיזם, וועלכע לאָזט זיך פון זיך אַליין נישט דערקלערן, ווערט ערשט פאַרשטענדלעך דורך איר ענלעכקייט מיט אַ צווייטער פאָרם, וואָס רופט פון איר זייט אַרויס אַ געלעכטער נאָר אַ דאַנק איר קרובהשאַפט מיט אַ דריטער, און אַזוי כסדר, ווי רינגען אין אַ קייט. אַזוי־אַרום זעען מיר, אַז ווי קלאָר און דורכדרינגנדיק-טיף עס זאָל נישט זיין אַ פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז, וועט ער אומבאַדינגט זיך אַראָפּשלאָגן פון גלייכן וועג, אויב ער וועט זיך נישט אָנהאַלטן ביים פאָדים, וואָס ציט זיך דורכן גאַנצן וועג, וועלכן דער קאָמישער איינדרוק האָט דורכגעמאַכט פון איין עק פון דער סעריע עפעקטן ביזן צווייטן. פונוואַנעט נעמט זיך די דאָזיקע כסדרדיקייט פון פּראָגרעס? אין וואָס באַשטייט דער דרוק, אין וואָס באַשטייט דער אויסטערלישער דראַנג, וואָס שטויסט דעם קאָמיזם פון בילד צו בילד, אַלץ ווייטער און ווייטער פון זיין מקור, ביז ער ווערט שטאַרק פאַנאַנדערגעצווייגט און פאַרלירט זיך אין אומענדלעך-ווייטע אַנאַלאָגיעס? נו, און אין וואָס באַשטייט

די קראַפט, וואָס צעטיילט די צווייגן פון אַ בוים אין ביי־צווייגן, און דעם וואָרצל — אין הערעלעך? עס איז דאָ אַן אומפאַר. מיידלעכער געזעץ, וואָס פאַרמשפט יעדע לעבעדיקע ענערגיע צו פאַרנעמען אַ וואָס גרעסערן רוים אין אַ וואָס קירצערער צייט. און די קאָמישע פאַנטאַזיע איז טאַקע אַ לעבעדיקע ענערגיע, אַן אויסטערלישע פלאַנץ, וואָס איז מעכטיק אויסגעוואַקסן אויף די שטייניקע ערטער פון סאָציאַלן באָדן, און וועלכע וואַרט בלויז אויף דער געלעגנהייט, זי זאָל מיט דער הילף פון דער קולטור קענען ריוואַליזירן מיט די ראַפינירטסטע שאַפונגען פון דער קונסט. אמת, די קאָמישע ביישפּילן, וועלכע מיר האָבן דאָ געבראַכט, זענען גאַנץ ווייט פון הויכער קונסט. אָבער שוין אין צווייטן קאַפּיטל וועלן מיר זיך שטאַרק דערנענטערן צו איר, כאָטש נאָך נישט אינגאַנצן. אונטער דער קונסט ליגט דער געביט פון דאָס קינסטלעכע. און אין דאָזיקן געביט פון געקינסטלטקייט, וואָס ליגט אינמיטן צווישן דער נאַטור און דער קונסט, טרעטן מיר איצט אַריין. מיר וועלן באַהאַנדלען די וואָדעווילעסטן און גייסטרייכע מענטשן.

דאָס צווייטע קאַפּיטל

ד ע ר ק אָ מ י ז ם פ ו ן ס י ט ו אַ צ י ע ס
אַ ו ן ד ע ר ק אָ מ י ז ם פ ו ן ו ו ע ר ט ע ר

ביז איצט האָבן מיר געפּאָרשט דעם קאָמיזם אין זיינע אַלגעמיינע פאָרמען, פּאָזעס, באַוועגונגען. איצט דאַרפן מיר אים זוכן אין האַנדלונגען און סיטואַציעס. אמת, דעמדאָזיקן אַרט קאָמיזם איז זייער לייכט אָנצוטרעפן אין טאָג-טעגלעכן לעבן, אָבער גראָד דאָרט איז אים זייער שווער צו אַנאַליזירן. אויב ס'איז ריכטיק, אַז דאָס טעאַטער איז די פאַרגרעסערטע און פאַראיינפאַכטע אָפּשפּיגלונג פון לעבן, טאָ דאַרף אונז די קאָמעדיע אַ סך מער אויפקלערן דעמדאָזיקן פּונקט פון אונזער אָפּהאַנדלונג, ווי דאָס רעאַלע לעבן. ס'קען זיין, אַז מיר וואָלטן געדאַרפט נאָך מער פאַראיינפאַכן דעם ענין: צוריקקערן צו אונזערע עלטסטע דערינערונגען, און אין די שפּילן, וועלכע האָבן געווילט די קינדער, זוכן דעם ערשטן עסקיז פון יענע קאָמבינאַציעס, וועלכע רופן אַרויס געלעכטער ביים דערוואַקסענעם.

צו אָפט רעדן מיר וועגן אונזערע געפילן פון פרייד און לייד אַזוי, פּונקט ווי זיי וואָלטן געבוירן געוואָרן ווי זיי שטייען

און גייען, פונקט ווי יעדער איינער פון זיי וואָלט נישט געהאַט הינטער זיך קיין אייגענע געשיכטע. צו אָפט האָבן מיר קיין אַנונג נישט וועגן דאָס קינדישע, אַזוי צו זאָגן, וואָס איז נאָך פאַרבליבן אין דער מערהייט פון אונזערע פריידיקע עמאָציעס. ווען מיר וואָלטן זיך גוט צוגעקוקט פון דער נאָנטן צו אַ סך פון אונזערע היינטיקע פריידן, וואָלט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זיי זענען נישט מער ווי דערינערונגען פון לאַנג-פאַרגאַנגענע פריידן. וואָס וואָלט געבליבן פון אַ גרויסן טייל פון אונזערע עמאָציעס, ווען מיר וואָלטן אויסגעטיילט פון זיי דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן צו פאַרדאַנקען דעם זכרון, און איבערגעלאָזן זיי בלויז דאָס, וואָס איז באמת דורך אונז דורכגעפילט געוואָרן? ווער ווייס, אפשר וועלן מיר גאָר נאָך אַ געוויסן עלטער אומפילבאַר צו פרישע און נייע פריידן, און די גליקזעליקסטע פרייד פון אַ רייפן מענטשן קען בלויז באַשטיין אין די אויפגעלעבטע געפילן פון דער קינדהייט, וועלכע קומען אַריבער צו אונז אַלץ זעלטענער און זעלטענער, ווי ריחותדיקע ווינטלעך פון אַלץ ווייטערע און ווייטערע פעלדער פון דער פאַרגאַנגנהייט?

ווי עס זאָל נישט אויספאַלן דער ענטפער אויף דערדאָזיקער אַלגעמיין-אַוועקגעשטעלטער פראַגע, איין פונקט אירער בלייבט מחוץ פון יעדער ספק: ס'איז נישט מעגלעך איבערצורייסן די קאָנטינואיטעט צווישן דעם שפּיל-פאַרגעניגן פון אַ קינד און דעמזעלבן פאַרגעניגן ביי אַ דערוואַקסענעם. וואָרום וואָס איז דען די קאָמעדיע, אויב נישט קיין שפּיל, אַ שפּיל, וואָס מאַכט נאָך דעם לעבן? און אויב דאָס קינד שפּילט מיט ליאַלקעס אָדער פּאַיאַצן, וועלכע ווערן באַוועגט מיט דער הילף פון שטריקעלעך, איז גאַנץ מעגלעך, אַז דידאָזיקע זעלבע שטריקלעך, כאָטש דינער-געוואָרענע דורך לאַנגער באַנוצונג, פאַרבינדן אויך די סיטואַציעס פון דער קאָמעדיע.

לאָמיר-זשע מאַכן פאַר אונזער אויסגאַנג-פונקט די שפּילן פון קינד. לאָמיר נאָכפאָרשן דעם אומבאַמערקבאַרן פּראָגרעס, אַ דאַנק וועלכן דאָס קינד לאָזט וואַקסן זיינע פּאַיאַצן, באַלעבט זיי און דערפירט זיי צו יענעם לעצטן אומבאַשטימטן צושטאַנד,

ווען זיי האָבן נאָך נישט אויפגעהערט צו זיין פּאַיאַצן, און פונ־דעסטוועגן שוין געוואָרן מענטשן. אויף אַזאַ אופן וועלן מיר באַקומען די העלדן פון אַ קאָמעדיִע. און אויף זייער ביישפּיל וועלן מיר קענען קאָנטראָלירן דעם געזעץ, וועלכן אונזערע פריערדיקע אַנאַליזן האָבן אונז געגעבן די מעגלעכקייט פאָראויסצוזען, דעם געזעץ, דורך וועלכן מיר וועלן דעפינירן די פּאַרס־סיטואַציעס בכלל: קאָמיש איז יעדע גרופּירונג פון האַנדלונגען און געשעענישן, וועלכע רופן אַרויס ביי אונז די איליוזיע פון לעבן און גלייכצייטיק דעם קלאָרן איינדרוק פון אַ מעכאַנישער פונקציאָנירונג.

I. דאָס שדל אויף ספּרוזשינעס. — מיר האָבן אַלע געשפּילט קינדווייז מיטן שדל, וואָס שפּרינגט אַרויס פון קעסטעלע. מ'קוועטשט אים צו — עס גלייכט זיך אויס. וואָס נידעריקער מ'בויגט אים אַראָפּ, אַלץ העכער גיט עס אַ שפּרונג. מ'פּרעסט אים איין אונטערן דעקל — אָבער גאַנץ אָפט זעצט עס אַרויס אַפילו דעם צודעק. כ'ווייס נישט, צי דאָסדאָזיקע שפּילצייג איז זייער אַלט, אָבער די אַרט פאַר־ווײַלונג, וועלכע עס רעפּרעזענטירט, איז זיכער באַקאַנט געווען אין אַלע צייטן. דאָ קומט צום אויסדרוק דער קאָנפליקט צווישן צוויי עקשנותן: איינע, אַ ריין מעכאַנישע, ווערט געוויינלעך סוף־כּל־סוף באַזיגט דורך דער ערשטער, וועלכע האָט הנאה דערפון. די קאַץ, וועלכע שפּילט מיט דער מויז און לאָזט זי יעדעסמאָל אַרויסשפּרינגען ווי אַ ספּרוזשינע, כּדי זי גלייך איינצוהאַלטן מיט אַ קלאַפּ פון איר לאַפּקע, ווײַלט זיך אויפן זעלבן אופן ווי דאָס קינד מיטן שדל.

לאָמיר איצט איבערגיין צום טעאַטער. אָנהייבן דאַרפן מיר פון גיניאָלס. ווען דער פּאָליציי־קאָמיסאַר וואַגט אַרויס־צוקומען אויף דער סצענע, באַקומט ער תיכף אַ קלאַפּ מיט אַ שטעקן, וואָס לייגט אים אַוועק. ער הייבט זיך אויף, אָבער אַ צווייטער קלאַפּ ציט אים ווידער אויס. יעדער פּרווו אויפצו־שטיין, ווערט תיכף באַשטראָפט. דער קאָמיסאַר פאַלט אום און

הויבט זיך אויף לויטן איינטאָניקן ריטם פון אַ ספּרוזשינע, וואָס ווערט איינגעצויגן און שפּרינגט אָפּ, און דער געלעכטער פון עולם האַלט אין איין וואַקסן.

לאָמיר זיך איצט פאָרשטעלן אַ ספּרוזשינע פון אַ מער גייסטיקער נאַטור: אַ געדאַנק. וועלכער קומט צום אויסדרוק און וועלכן מ'אונטערדריקט, און וועלכער קומט ווידער צום אויסדרוק; אָדער אַ מבול פון ווערטער, וואָס פּלייצט, וועלכן מ'וויל אויפהאַלטן און וועלכער גיסט זיך אַלץ ווייטער. אויך דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ בילד פון אַ קראַפט, וואָס איז איינגעשפּאַרט, און פון אַ צווייטער עקשנות, וואָס באַקעמפט זי. מער נישט, דאָסדאָזיקע בילד האָט פאַרלאָרן איר גשמיות־דיקייט. מיר האָבן שוין נישט צו טאָן מיט גיניאָלן, נאָר מיט אַן אמתער קאָמעדיע.

זייער אַ סך קאָמישע סצענעס לאָזן זיך טאַקע באמת צוריקפירן צום דאָזיקן פּשוטן טיפּ. אין דער „געצוווּנגענער חתונה", למשל, באַשטייט דער גאַנצער קאָמיזם פון דער סצענע צווישן סגאַנאַרעלן און פּאַנקראַסן אין קאָנפליקט צווישן סגאַ־נאַרעלס געדאַנק, וועלכער וויל צווינגען דעם פילאָזאָף אים אויסצוהערן, און דער איינגעשפּאַרטקייט פון פילאָזאָף, דער־דאָזיקער עכטער רייד־מאַשין, וואָס פונקציאָנירט אויטאָמאַטיש. וואָס מער די סצענע רוקט זיך פאָרויס, אַלץ בולטער טרעט אַרויס דאָס בילד פון שדל אויף דער ספּרוזשינע, אַזוי ווייט, אַז צום סוף נעמען די פּערזאָנען איבער אַפילו זיינע באַוועגונגען: סגאַנאַרעל שטופּט כסדר אַרויס פּאַנקראַסן הינטער די קוליסן, און פּאַנקראַס קערט זיך יעדעס מאָל ווידער אום אויף דער סצענע, כּדי ווייטער צו ריידן. און ווען סגאַנאַרעלן געלינגט ענדלעך אַרויס־צושטופּן פּאַנקראַסן און אים איינצושליסן אינעווייניק אין שטוב (כ'האָב שיר נישט געזאָגט: „טיף אין קעסטעלע"), באַווייזט זיך פּלוצלונג פּאַנקראַס' קאָפּ דורכן געעפנטן פענסטער, ווי זי וואָלט אַרויסגעזעצט דעם דעקל.

אויפן זעלבן אופן איז געבויט די סצענע אין „איינגע־רעדטן קראַנקן". די באַליידיקטע מעדיצין גיסט אויס אויף

אָרגאַנען, דורכן מויל פון ה׳ פּיורגאָן, די דראָונג פון אַלע קראַנקהייטן. און יעדעס מאָל, ווען אָרגאַן הויבט זיך אויף פון זיין שטול, — ווי ער זאָל וועלן פאַרשטאָפּן פּיורגאָנס מויל, — זעען מיר, ווי דערדאָזיקער פאַרשווינדט אויף אַ ווײַלע, פונקט ווי מ׳וואָלט אים אַרייַנגעקוועטשט אין די קוליסן, און דערנאָך, ווי צוריקגעשליידערט דורך אַ ספּרוזשינע, באַווייזט ער זיך ווידער אויף דער סצענע מיט אַ נייער תוכחה. איינ-איינציקער אויסגעשריי (וואָס חזרט זיך כסדר איבער): „ה׳ פּיורגאָן!״ אַקצענטירט אַלע מאָמענטן פון דערדאָזיקער קליינער קאָמעדיע.

לאָמיר נאָך גענויער באַטראַכטן דאָס בילד פון אַ ספּרו-זשינע, וואָס ציט זיך איין, שפּרינגט אָפּ און ציט זיך ווידער איין. ווען מיר נעמען אַרויס פון אים בלויז דאָס וועזנטלעכע, באַקומען מיר איינע פון די געוויינלעכסטע פּראָצעדורן פון דער קלאַסישער קאָמעדיע: ד י א י ב ע ר ח ז ר ו נ ג.

פונוואַנעט נעמט זיך דער קאָמיזם ביים איבערחזרן אַ וואָרט אין טעאַטער? אומזיסט וועט איר זוכן אַ טעאָריע פון קאָמיזם, וואָס זאָל געבן אַ באַפרידיקנדיקן ענטפער אויף דערדאָ-זיקער פשוטסטער פראַגע. און די פראַגע בלייבט טאַקע באמת אומלייזבאַר, כל זמן מ׳וויל געפינען די דערקלערונג פון אַ קאָמישער דערשיינונג אין איר גופא, אָפּגעריסן פון דער סו-געסטיע, וועלכע זי רופט ביי אונז אַרויס. אין קיין אָרט ווייזט זיך נישט אַרויס אַזוי בולט די אומבאַהאָלפנקייט פון אַלגעמיין-אָנגענומענעם מעטאָד, ווי דאָ. מיטן אויסנאַם פון אייניקע גאַנץ ספּעציעלע פאַלן, וועגן וועלכע מיר וועלן ריידן שפּעטער, איז די וואָרט-איבערחזרונג אליין קיינמאָל נישט קאָמיש. זי רופט אַרויס ביי אונז געלעכטער נאָר דערפאַר, ווייל זי סימבאָליזירט מיט זיך אַ געוויסע ספּעציעלע שפּיל פון גייסטיקע עלעמענטן, וואָס זי פון איר זייט איז אויך נישט מער ווי אַ סימבאָל פון אַ לחלוטין גשמיותדיקער שפּיל. דאָס איז די שפּיל פון דער קאַץ, וואָס פאַרווײַלט זיך מיט דער מויז, די שפּיל פון קינד, וואָס שטופּט אַריין דאָס יידל אין דער טיף פון זיין קעסטעלע.

און לאָזט עס ווידער אַרויס, — דאָס איז דיזעלבע שפּיל, נאָר אַ רעפֿינירטערע, אַ גייסטיקערע, איבערגעטראָגן אין דער ספֿערע פֿון געפֿילן און געדאַנקען. לאָמיר דאָ אויפֿשטעלן דעם געזעץ, וואָס דעפֿינירט, לויט מיין מיינונג, די עיקרדיקע קאָמישע עפֿעקטן פֿון דער וואָרט־איבערחזרונג אין טעאַטער: אין דער קאָמישער איבערחזרונג פֿון ווערטער געפֿינען זיך געוויינלעך צוויי מאָטיוון: אַ צוגעדריקטער געפֿיל, וואָס שפּרינגט אָפּ ווי אַ ספּרוזשינע, און אַ געדאַנק, וואָס האָט פֿאַרגעניגן פֿון צודריקן דעם געפֿיל פֿונסניי.

ווען דאָרין דערציילט אָרגאָנען וועגן דער קראַנקהייט פֿון זיין ווייב, און יענער רייסט אים כסדר איבער, כּדי זיך נאָכצופֿרעגן וועגן טאַרטיופֿס געזונט, רופֿט אַרויס ביי אונז די כסדר איבערגעחזרטע פֿראַגע: „און טאַרטיוף?" דעם קלאָרן איינדרוק פֿון אַ אָפּשפּרינגנדיקע ספּרוזשינע. און דאָרין האָט פֿאַרגעניגן פֿון אָפּשטויסן דידאָזיקע ספּרוזשינע, און יעדעס מאָל נעמט זי ווידער דערציילן וועגן עלמירס קראַנקהייט. און ווען סקאַפּען קומט מעלדן דעם אַלטן זשעראָנט, אַז זיין זון איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אַלס אַרעסטאַנט אויף די באַרימטע גאַלערעס*) און מ'דאַרף אים אויסקויפֿן וואָס גיכער, — שפּילט ער זיך מיט זשעראָנטס קאַרגשאַפֿט פּונקט אַזוי, ווי דאָרין מיט אָרגאָנס פֿאַרבלענדעטקייט. מ'באַוויזט קוים צוזאַמענצודריקן די קאַרגשאַפֿט, ווי זי שפּרינגט ווידער אַרויס אויטאָמאַטיש, און טאַקע דידאָזיקע אויטאָמאַטישקייט האָט מאָליער געוואָלט בולטער מאַכן דורך דער מעכאַנישער איבערחזרונג פֿון אַ פֿראַזע, אין וועלכער ס'קומט צום אויסדרוק די חרטה אויפֿן געלט, וואָס ער וועט באַלד מוזן אָפּגעבן: „וואָס האָט ער, צו אַלדי רוחות, געהאַט צו זוכן אויף דער דאָזיקער גאַלערע?" דיזעלבע באַמערקונג גילט אויך פֿאַר דער סצענע, וווּ וואַלער ווייזט

*) אַזאַ מין אַלטע שיף. אַמאָל פֿלעגן קרימינעלע פֿאַרברעכער אַוועקגעשיקט ווערן אויף די מלוכהשע גאַלערעס אַלס רודערער. (פּ.)

אויף הארפאגאָנען, אַז ער טוט שלעכט, וואָס ער גיט אויס זיין טאָכטער פאַר אַ מענטשן, וועלכן זי האָט נישט ליב. „אָן נדן!" רייסט כסדר איבער הארפאַגאָנס קארגשאַפט. הינטערן דאָזיקן וואָרט, וואָס חזרט זיך איבער אויטאָמאַטיש, זעען מיר קלאָר דעם איבערחזרונגס-מעכאַניזם, וואָס איז אָנגעצויגן געוואָרן און פונקציאָנירט דורך אַ א י ד ע ע פ י ק ס.

עס טרעפט אַמאָל, אַז דעמדאָזיקן מעכאַניזם איז נישט אַזוי לייכט צו באַמערקן. און דאָ שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ נייע שוועריקייט פון דער טעאָריע פון קאָמיזם. עס זענען דאָ פאַלן, ווען דער גאַנצער אינטערעס פון אַ סצענע איז געווענדט אויף איין-איינציקע פּערזאָן, וואָס צעצווייט זיך אויף אונזערע אויגן; זיין פּאַרטנער שפּילט, אַזוי צו זאָגן, די ראָל פון אַ פּשוטער פּריזמע, אַ דאַנק וועלכער עס אַנטשטייט דער עפעקט פון צעצווייאונג. אין אַזאַ פאַל נעמען מיר אַ פאַלשן וועג, ווען מיר זוכן דעם סוד פון אַרויסגערופענעם עפעקט אין דעם, וואָס מיר זעען און הערן, אין דער אויסער-לעכער סצענע, וועלכע שפּילט זיך אָפּ צווישן די פּערזאָנען, און נישט אין דער אינערלעכער קאָמעדיע, וועלכע דידאָזיקע סצענע שפּיגלט בלויז אָפּ.

למשל, ווען אַלסעסט ענטפערט איינגעשפּאַרט: „כ'זאָג דאָס נישט!" אָראָנטן, וועלכער פרעגט ביי אים, צי ער האַלט זיינע פערזן פאַר שלעכט, איז די איבעריחזרונג קאָמיש, און פונדעסטוועגן איז קלאָר, אַז אָראָנט ווילט זיך דאָ נישט מיט אַלסעסטן אין אַ שפּיל, וועלכע מיר האָבן נאָר וואָס באַשריבן. אָבער קוקט זיך נאָר גוט צו צו אַלסעסטן, וועט איר זען, אַז אין דער אמתן געפינען זיך אין אים צוויי מענטשן: פון איין זייט דער „מיזאַנטראָפּ", וועלכער האָט זיך אַ נדר געטאָן צו זאָגן די מענטשן דעם אמת אין די אויגן, און פון דער צוויי-טער זייט דער אדלמאַן, וועלכער קען מיט איין מאָל נישט פאַרגעסן די העפלעכקייט-פאָרמען, אָדער אפשר גאַנץ פּשוט אַ גוטער מענטשל, וועלכער פאַרנעמט זיך אויף צוריק אין אַנט-שיידנדיקן מאָמענט, ווען מ'דאַרף איבערגיין פון טעאָריע צו

מעשים, און פאַרווונדן עמיצנס אייגנליבע, פאַרשאַפן ליידן.
די אייגנטלעכע סצענע שפּילט זיך דאָ נישט אָפּ צווישן אַי־
סעסטן און אָראָנטן, נאָר צווישן אַלסעסטן און אַלסעסטן אַליין.
איינער פון דידאָזיקע צוויי אַלסעסטן וואָלט געוואָלט אַרויס
מיט לשון, דער צווייטער אָבער פאַרשטאָפּט אים דאָס מויל
גראָד אין דעם מאָמענט, ווען ער וויל שוין אַלץ אַרויסזאָגן.
יעדער איינער פון דידאָזיקע „איך זאָג דאָס נישט!" שטעלט
פאָר מיט זיך אַ וואַקסנדיקע אָנשטרענגונג, כּדי אָפּצושטויסן
אַן עפּעס, וואָס רייסט זיך אויף דער פריי. דעריבער ווערט
אַלץ העכער דער טאָן פון דידאָזיקע „איך זאָג דאָס נישט!",
ווייל אַלסעסט ווערט אַלץ מער אויפגעבראַכט — נישט אויף
אָראָנטן, ווי עס דוכט זיך אים, נאָר אויף זיך אַליין. און אַזוי־
אַרום ווערט כּסדר באַנייט די אָנגעשפּאַנטקייט פון דער ספּרו־
זשינע, וואָס וואַקסט אָן אויפהער ביזן לעצטן אויסברוך. אַזוי־
אַרום שטעלט זיך אַרויס, אַז דער מעכאַניזם פון איבערחזרן
איז ווידער אַמאָל דערזעלבער.

ווען אַ מענטש באַשליסט צו רעדן פון היינט אויף
ווייטער בלויז דאָס, וואָס ער טראַכט, אויב דאָס זאָל אים
אַפילו פאַרשאַפן אַ גאַנצע וועלט שונאים, איז דאָס נישט אומ־
באַדינגט קאָמיש; דאָס איז פּשוט דאָס לעבן, און טאַקע אין
זיין בעסטער געשטאַלט. ווען אַ צווייטער מענטש ווידער—זאָל
זיין צוליב אַ שוואַכן כאַראַקטער, צוליב עגאָיזם אָדער פאַראַכ־
טונג צו מענטשן — האָט בעסער ליב צו זאָגן די מענטשן
בלויז דאָס, וואָס חנפעט זיי, איז דאָס ווידער אַמאָל אַ לעבנס־
דערשיינונג און פאַרמאָגט אין זיך גאָרנישט אַזוינס, וואָס זאָל
אונז ברענגען צום לאַכן. ווען איר פאַרייניקט אַפילו דידאָזיקע
צוויי מענטשן אין איינעם, און דערדאָזיקער וואַקלט זיך צווישן
אָפנהאַרציקייט, וואָס פאַרווונדעט, און העפלעכקייט, וואָס נאַרט
אָפּ, — איז אַפילו דערדאָזיקער קאַמף צווישן צוויי קעגנזעצלעכע
געפילן אויך נישט קאָמיש; אדרבה, ער וועט אַפילו אָננעמען
אַן ערנסטן כאַראַקטער, אויב די ביידע געפילן וועלן באַווייזן
זיך צו פאַרייניקן טאַקע אויפן גרונט פון זייער קעגנזעצלעכקייט,

אויב זיי וועלן וואקסן צוזאמען און שאפן א קאמפליצירטן גשמה-צושטאנד, און איינשטעלן צווישן זיך א געוויסן מאדוס וויווענדי, וואס גיט אונז א פשוטן און בולטן איינדרוק פון דער קאמפליצירטקייט פון לעבן.

שטעלט זיך אבער איצט פאר, אז א לעבעדיקער מענטש פארמאגט דידאזיקע צוויי געפילן אין א ריינעם און פאר-גליווערטן צושטאנד; מאכט אזוי, אז דערדאזיקער מענטש זאל זיך וואקלען כסדר צווישן איינעם און דעם צווייטן; זעט, אז די-דאזיקע וואקלעניש זאל ווערן א ריין-מעכאנישע, אננעמענדיק די באקאנטע פארם פון א געוויינלעכער, פשוטער, קינדישער ספרוזשינע: איר וועט דאן האבן פאר זיך דאס בילד, וועלכעס מיר האבן ביז איצט געפונען אין קאמישע אביעקטן, איר וועט האבן פאר זיך א מעכאניזם אין א לעבעדיקן וועזן, איר וועט זיך געפינען פאר א קאמישן עפעקט.

מיר האבן זיך אזוי לאנג אפגעשטעלט אויפן דאזיקן ערשטן בילד פון שדל אויף ספרוזשינעס, כדי קלאר צו מאכן דעם פראצעס, דורך וועלכן די קאמישע פאנטאזיע פארוואנדלט בהדרגהדיק א מאטעריעלן מעכאניזם אין א גייסטיקן. איצט וועלן מיר נאך באטראכטן איינעם, אדער צוויי אנדערע קינ-דער-שפילן, אבער מיר וועלן זיך שוין באגרענעצן מיט אלגע-מיינע באמערקונגען.

II. דער פאיאץ אויף שטריקלעך. — עס זענען דא אומצייליקע קאמעדיע-סצענעס, ווו דער העלד גלויבט, אז ער רעדט אדער האנדלט לויט זיין פרייען ווילן, ד. ה., אז ער פארמאגט דאס וועזנטלעכע פון לעבן, בעת אינדעראמתן, ווען מ׳באטראכט אים פון א געוויסער זייט, קומט ער אונז פאר ווי א פשוטע שפילצייג אין די הענט פון א צווייטן, וועלכער פארוויילט זיך מיט אים. דער שטח, וואס ליגט צווישן פאיאץ, וועלכן דאס קינד באוועגט מיט א שטריקל, און זשעראנטן מיר ארגאנטן, וועלכע סקאפען באוועגט, איז נישט קיין גרויסער און ס׳איז אים לייכט אריבערצוטרעטן. הערט, אדרבה, וואס סקאפען אליין זאגט: „די מאשין איז שוין

געפונען", און אויף אן אנדער אָרט: „דער הימל אליין פירט זיי גלייך אין מיינע נ ע צ ן", און אז. וו. דער צושויער שטעלט זיך תּמיד אויף דער זייט פון די שווינדלער; ערשטנס, צוליב א נאַטירלעכן אינסטינקט, און צווייטנס, ווייל מ'האָט ליבער, — לכל הפּחות אין דער פאָרשטעלונג, — צו זיין א אָפּ־נארער, איידער אן אָפּגענאַרטער. ער פאַרבינדט זיך מיטן שווינד־לער און ווי א קינד, וואָס האָט באַקומען פון א חבר א ליאַלקע, הויבט ער אָן אליין צו באַוועגן הין און צוריק די מאַריאָנעטקע אויף דער סצענע, וואָס איר ע פעדים ליגן אין זיינע הענט.

דערדאָזיקער לעצטער תּנאַי איז אָבער נישט אומבאַדינגט נויטיק. מיר קענען מיטן זעלבן רעזולטאַט בלייבן מחוץ פון דעם אלעם, וואָס קומט פאָר אויף דער סצענע, אַבי מיר זאָלן באַקומען דעם קלאָרן איינדרוק פון א מעכאַנישער פונקציאָנירונג. דאָס קומט פאָר אין פאַלן, ווען א העלד וואַקלט זיך צווישן צוויי קעגנזעצלעכע אויסוועגן און יעדער איינער פון די צוויי אויסוועגן ציען אים צו זיך איינער נאָכן צווייטן: אזוי, למשל, איז זיך פּאַניורזש שואל עצה מיט פּיערן און פוילן, צי זאָל ער חתונה האָבן. כ'וויל אונטערשטרייכן, אז אין אזא פאַל באַמיט זיך דער קאָמעדיען־שרייבער צו פ ע ר ז א נ י פ י צ י ר ן די ביידע קעגנזעצלעכע אויסוועגן; ווייל אויב נישט די צו־שויער, — לכל הפּחות מוז מען דאָך האָבן אַקטיאָרן, וועלכע זאָלן האַלטן די פעדים אין די הענט.

זיין גאַנצן ערנסט האָט דאָס לעבן צו פאַרדאַנקען אונזער פרייהייט. די געפילן, וועלכע מיר האָבן אין זיך אויסגערייפט, די ליידנשאַפטן, וועלכע מיר האָבן אין זיך אויסגעטראָגן, די מעשים, וועלכע מיר האָבן אין אונזער געדאַנק אָפּגעוויגן, אָפּגעהאַלטן אָדער אויסגעפירט, מיט איין וואָרט, אלץ, וואָס קומט פון אונז און איז אָן ספק אונזערס, — אָט דאָס אלץ גיט צו דעם לעבן זיין אָפטמאָל דראַמאַטישן און תּמיד ערנסטן כאַראַקטער. וואָס־זשע פאָדערט זיך, כדי דאָס אלץ צו פאַר־וואַנדלען אין א קאָמעדיע? מ'דאַרף זיך בלויז פאָרשטעלן, אז

די כלומרשטע פרייהייט באַהאַלט הינטער זיך אַ שפּיל פון שטריקלעך, און אַז מיר אַלע זענען אין דאָזיקן עמק הבכא אַזוי ווי דער דיכטער זאָגט: „...נעבעכדיקע מאַריאָנעטקעס, וואָס זייערע פעדים ליגן אין די הענט פון דער אומפאַרמיידלעכקייט". אַזוי אַרום איז נישטאָ קיין איין ווירקלעכע, ערנסטע, אַפילו דראַמאַטישע סצענע, וואָס די פאַנטאַזיע זאָל זי נישט קענען פאַרוואַנדלען אין קאָמיזם דורך אַרויסרופן דאָסדאָזיקע פשוטע בילד. נישטאָ קיין איין שפּיל, וואָס זאָל האָבן פאַר זיך אַ ברייטערע טעטיקייט-פעלד, ווי דידאָזיקע.

III. **דער שניי-קויק.** — וואָס ווייטער מיר וועלן גיין פאָרויס אין דערדאָזיקער אָפּהאַנדלונג פון די קאָמעדיע-פּראָצעסן, אַלץ בעסער וועלן מיר אָנהייבן צו פאַרשטיין די ראָל, וועלכע עס שפּילן דאָ די קינדהייט-דערינערונגען. די דאָזיקע דערינערונגען האָבן אפשר אַ קלענערע שייכות צו דער אָדער יענער ספּעציעלער שפּיל, ווי צום גאַנצן מעכאַניזם, וואָס אויף אים באַזירן דידאָזיקע שפּילן. דערזעלבער אַלגעמיינער מעכאַניזם קען זיך, אגב, געפינען אין די פאַרשידנאַרטיקסטע שפּילן, פּונקט ווי דיזעלבע אָפּערע-מעלאָדיע—אין אַ סך מוזיקאַלישע פאַנטאַזיעס. פאַר אונז איז דאָ קודם-כל וויכטיק דאָס, וואָס גייט איבער, דורך אומבאַמערקבאַרע גראַדאַציעס, פון די קינדער-שפּילן אין די שפּילן פון די דערוואַקסענע, ד. ה. די **קאָמבינאַציע-סכעמע**, אָדער, אויב אייך געפעלט בעסער, די אַבסטראַקטע פאָרמולע, וואָס דידאָזיקע שפּילן זענען בלויז אירע ספּעציעלע אָנווענדונגען.

אָט קייקלט זיך, למשל, אַ שניי-קויק, און וואָס ווייטער ער קייקלט זיך, אַלץ גרעסער ווערט ער. דאָסזעלבע איז גילטיק אויך וועגן די בלייערנע זעלנער, וואָס זענען אָנגעצויגן אויף אַ שנירל אין איין שורה: אויב מיר גיבן אַ שטויס דעם ערשטן, פאַלט ער אויפן צווייטן, וועלכער וואַרפט אום דעם דריטן און אַזוי כסדר, ביז אַלע זעלנער ליגן אויסגעצויגן אויף דער ערד. אָדער דאָס קען אויך זיין אַ בנין פון קאַרטן, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן מיט גרויס מי: די ערשטע קאָרט, וועלכע

מיר רירן אָן, שטעלט נאָך אַ שוואַכן ווידערשטאַנד, די צווייטע, וועלכע באַקומט דעם שטויס, פֿאַלט שוין שנעלער, און די צעשטערונגס-אַרבעט, וואָס נעמט אָן אין איר וועג אַלץ אַ שנעלערן טעמפּ, לויפֿט מיט אַ קאָפּ-שווינדלדיקער גיכקייט צו דער ענטגילטיקער קאַטאַסטראָפֿע. דידאָזיקע אַלע געגנשטאַנדן זענען צווישן זיך שטאַרק פֿאַרשידן, אָבער מ׳קאָן זאָגן, אַז זיי רופֿן בײַ אונז אַרויס די זעלבע אַבסטראַקטע אילוזיע פֿון אַ עפּעקט, וואָס וואַקסט כּסדר אָן פֿון זיך אַליין אויף אַזאַ אופֿן, אַז די סיבּה, וואָס איז פֿון אָנהויב געווען אומבאַדייטנדיק, פֿאַרוואַנדלט זיך, אַדאַנק אַן אומפֿאַרמיידלעכן פּראָגרעס, אין אַ וויכטיקן, אומדערוואַרטעטן רעזולטאַט.

לאָמיר איצט עפֿענען אַ בילדער-בוך פֿאַר קינדער: מיר וועלן תּיכּף זען, ווי דערדאָזיקער מעכאַניזם געפֿינט זיך שוין אויפֿן וועג צו דער פֿאָרם פֿון אַ קאָמישער סצענע. אָט זעען מיר, למשל, אויפֿן בילד, ווי אַ גאַסט גייט אײַליק אַרײַן אין זאַל, גיט אַ שטויס אַ פֿרוי, וועלכע קערט איבער איר גלאָז טיי אויף אַן אַלטן הער, וועלכער גליטשט זיך אויס און האַקט אויס אַ שויב, וואָס פֿאַלט אַראָפּ אין גאַס אויפֿן קאָפּ פֿון אַ פּאָליציאַנט, וועלכער עט־לט די גאַנצע פּאָליציי אויף די פֿיס, און אַז. וו. דעמזעלבן מעכאַניזם וועט איר אויך געפֿינען אין אַ סך בילדער פֿאַר דערוואַקסענע. אין די „געשיכטעס אָן ווערטער” פֿון די הומאָריסטישע צייכענער געפֿינען מיר אָפֿט אַ געגנשטאַנד, וואָס ווערט גערירט פֿון אָרט, און פּערזאָנען, וועלכע טוען אים נאָך; און אויף וויפֿל דער געגנשטאַנד בײַט זײַן פּאָזיציע פֿון סצענע צו סצענע פֿירט ער אויף אַ מעכאַ-נישן אופֿן צו אַלץ ערנסטערע ענדערונגען אין די סיטואַציעס פֿון די פּערזאָנען.

לאָמיר איצט איבערגיין צו דער קאָמעדיע. וויפֿל קאָמי-שע סצענקעס, וויפֿל גאַנצע קאָמעדיעס לאָזן זיך רעדוצירן צום דאָזיקן פּרימיטיוון טיפּ! לייענט, אַדרבּה, נאָכאַמאָל איבער שיקאַנאָס דערציילונג אין די „יאַבעדניקעס”: איר האָט דאָרט פּראָצעסן, פֿאַרפֿלאָכטן אין פּראָצעסן, און דער

מעכאַניזם פונקציאָנירט אַלץ שנעלער און שנעלער (ראַסין רופט אַרויס ביי אונז דעמדאָזיקן געפיל פון אַ אַלץ וואַקסנדיקער שנעלקייט דורכדעם, וואָס ער איילט צו אַלץ מער און מער די טערמינען פון איין פּראָצעס קעגן צווייטן) ביז עס דערגייט דערצו, אַז אַ פּראָצעס, וואָס ווערט פאַרפירט צוליב אַ בינטל היי, קאָסט אָפּ דעם קלאָגער כמעט זיין גאַנץ פאַרמעגן. דעמזעלבן פאַרלויף געפינען מיר אויך אין אַ סך סצענעס פון דאָן קישאָט; למשל, אין דער האָטעל-סצענע, ווו אַן אויס-טערלישע פאַרקייטלונג פון געשעענישן ברענגט דערצו, אַז דער מוילאייזלען-אָנטרייבער האָט אַ קלאַפּ געגעבן סאַנטשאָן, וועל-כער וואַרפט אום מאַריטאָרנען, אויף וועלכער עס פאַלט אַרויף דער האָטעל-בעל-הבית, און אַז. וו.

לאָמיר איצט איבערגיין צום מאָדערנעם פאַרס. איז דען נויטיק אויסצורעכענען אַלע פאַרמען, אונטער וועלכע עס קומט דאָ צום אויסדרוק דידאָזיקע זעלבע קאָמבינאַציע? כ׳וועל זיך אָפּשטעלן אויף איינע פון זיי, וועלכע ווערט אָממייסטן באַ-נוצט: אַ געוויסער מאַטעריעלער געגנשטאַנד (אַ בריוו, למשל), וואָס האָט אַן אומגעהייערן ווערט פאַר געוויסע האַנדלענדיקע פּערזאָנען פון פאַרס, איז פאַרפאַלן געוואָרן און מ׳דאַרף אים אויפזוכן פאַר יעדן פּרייז. דערדאָזיקער געגנשטאַנד, וועלכער גליטשט זיך תמיד אַרויס פון אונטער די הענט פּונקט אין דעם מאָמענט, ווען מ׳רעכנט, אַז מ׳האָט אים שוין, קייקלט זיך אַדורך דורך דער גאַנצער פּיעסע, אַרויסרופנדיק אויף זיין וועג אַלץ מער וויכטיקע און אַלץ מער אומגעריכטע געשעענישן. דאָס אַלץ איז אַ סך מער ענלעך אויף אַ שפּיל פון אַ קינד, ווי מ׳האָט זיך געקענט ריכטן. דאָס איז נאָך אַלץ דערזעלבער עפעקט פון שניי-קויל.

דאָס וועזנטלעכע פון כמעט יעדער מעכאַנישער קאָמבי-נאַציע באַשטייט אין דעם, וואָס בדרך כלל קען זי זיך אומ-קערן צו איר אויסגאַנגס-פּונקט, זי איז ק ר יי ז - אַ ר ט י ק. אַ קינד האָט הנאה צוזען, ווי אַ געוואָרפענער קעגל-קויל שליידערט אַלץ אום אויף זיין וועג און מאַכט אַן וואָס ווייטער,

אַלץ אַ גרעסערן שאָדן; אָבער נאָכמער האָט עס הנאה, ווען נאָך פאַרשידענע אומוועגן און וואַקלעניש קערט זיך דער קויק אום צו זיין אויסגאַנגס-פונקט. מיט אַנדערע ווערטער הייסט דאָס, אַז דער מעכאַניזם, וועלכן מיר האָבן נאָרוואָס באַשריבן, איז שוין קאָמיש דאַן, ווער ער איז גראַנדליניק; אָבער נאָכמער וועט ער עס זיין, ווען ער וועט ווערן קרייז-אַרטיק, ווען אַ דאַנק אַ פאַטאַלער פאַרקייטלונג פון סיבות און ווירקונגען ענדיקן זיך דעם העלדס אַלע אָנשטרענגונגען דערמיט, וואָס זיי שלעפּן אים גאַנץ פשוט אַוועק צום זעלבן אָרט, ווו ער האָט זיך געפונען ביים אָנהויב. און מיר וועלן טאַקע זען, אַז אַ גרויסער טייל פאַרסן דרייען זיך אַרום דערדאָזיקער אַקס.

אַ פערד האָט אויפגעפרעסן אַ הוט פון איטאַליענישן שטרוי. אין גאַנץ פאַריז געפינט זיך בלויז איין-איינציקער ענלעכער הוט און מ'מוז אים דעריבער פאַר יעדן פרייז אויפזוכן. נאָכן דאָזיקן הוט, וואָס ווערט פאַרשווינדן פון אונטער די הענט יעדעסמאָל, ווען מ'האַלט אים שוין, דאַכט זיך, גאָר פעסט, יאָגט זיך דער הויפט-העלד דורך דער גאַנצער פיעסע, און ער, פון זיין זייט, שלעפּט נאָך אַלע איבעריקע פערזאָנען; פונקט ווי אַ מאַגנעט, וואָס גיט איבער זיין צוציאונגס-קראַפט אַלץ ווייטער און ווייטער, ציט צו פיצלעך אייזן, וועלכע הענגען זיך אָן איינער אָן צווייטן. און ענדלעך, ווען נאָך אַ גאַנצער ריי אַוואַנטיורעס, געפינט מען זיך שוין ביים ציל, שטעלט זיך גאָר אַרויס, אַז דער אַזוי-געגאַרטער הוט איז גאָר דער זעלבער, וועלכן דאָס פערד האט כלומרשט אויפגעגעסן, דיזעלבע אדיסעע געפינען מיר אויך אין לאַבישס אַ צווייטער, נישט ווינציקער באַרימטער קאָמעדיע. קודם כל ווייזט מען אונז אַן אַלטן בחור מיט אַן אַלטער מויד, — אַלטע באַקאַנטע, — ביי זייער טאָג-טעגלעכער קאָרטן-שפּיל. ביידע, — יעדער באַזונדער, — האָבן זיך געווענדט צו איין-און-דערזעלבער חתונה-אַגענטור. דורך טויזנט שוועריקייטן, דורך אַ גאַנצער קייט קאָמישע אומגליק-פאַלן, לויפן זיי ביידע אין משך פון דער גאַנצער פיעסע צום ראַנדעוווּ, אויף וועלכן דידאָזיקע אַלטע באַקאַנטע טרעפן זיך פנים אל

פנים. דעמזעלבן קרייזארטיקן עפעקט, דעמזעלבן אומקער צום אויסגאנגס־פונקט געפינען מיר אויך אין איינער פון די נייסטע פיעסן. א פארפאלגטער מאן וויל זיך באפרייען פון זיין ווייב און שוויגער און גט זיך. ער האט חתונה א צווייטן מאל; און וואס שטעלט זיך ארויס? די קאמבינירטע שפיל פון גט און פון דער חתונה ברענגען אים צוריק זיין פריערדיקע ווייב אין א אנדער ראל: אלס נייע שוויגער.

די אפטקייט פון דאזיקן ארט קאמיזם האט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון געוויסע פילאזאפן. אנלייגן א סך וועג, כדי אומגעריכט צוריקצוקומען צום אויסגאנגס־פונקט, הייסט פארשווענדן א גרויסע אנשטרענגונג אומזיסט־אומנישט. ס׳איז דעריבער קיין ווונדער נישט, וואס מ׳האט פרובירט דע־פינירן דעם וועזן פון קאמיזם טאקע פון דאזיקן שטאנדפונקט. דעמדאזיקן אויסטייטש פון קאמיזם קען מען געפינען ביי הערבערט ספענסער: דער געלעכטער איז דער צייכן פון א אנשטרענגונג, וואס טרעפט פלוצלונג אן אויף א פוסטן חלל. קאנט האט שוין געזאגט: „דער געלעכטער קומט פון א דער־ווארטונג, וואס ענדיקט זיך פלוצלונג מיט גארנישט.” כ׳בין מודה, אז דידאזיקע דעפיניציעס וואלטן גאנץ גוט צוגעפאסט געווען צו אונזערע לעצטע ביישפילן; כאטש אויך דא וואלט מען נאך געדארפט אריינברענגען געוויסע באווארענישן אין דער פארמולע, ווייל עס זענען דא א מאסע אומנוצלעכע אנשטרענ־גונגען, וואס רופן לגמרי נישט ארויס קיין געלעכטער. אויב די לעצטע ביישפילן האבן אונז געוויזן גרויסע סיבות, וואס לאזן זיך אויס מיט א קליינעם עפעקט, האבן מיר שוין אבער פריער אביסל געבראכט אויך אנדערע ביישפילן, וואס מוזן דעפינירט ווערן פונקט פארקערט: א גרויסע ווירקונג, וואס ווערט ארויסגערופן דורך א קליינער סיבה. אבער דידאזיקע צווייטע דעפיניציע האט נישט קיין גרעסערן ווערט פאר דער ערשטער. די דיספראפארציע צווישן דער סיבה און דער ווירקונג, — אין וועלכן סדר זי זאל נישט קומען צום אויסדרוק, — איז קיינמאל נישט דער דירעקטער מקור פון געלעכטער. מיר

לאַכן פֿון עפּעס, וואָס דידאַזיקע דיספּראָפּאָרציע קען אין געוויסע פֿאַלן בולט מאַכן, ד. ה. פֿון ספּעציעלע מעכאַנישע קאָמבינאַציעס, וועלכע זי גיט אונדז די מעגלעכקייט צו באַמערקן הינטער דער סעריע פֿון סיבות און ווירקונגען. לאָזט מען אַרויס פֿון אויג דידאָזיקע קאָמבינאַציע, פֿאַרלירט מען דעם אײנציקן פֿאָדים, וואָס קען אונדז פֿירן דורכן לאַבירינט פֿון קאָמיזם, און דער כּלל, אָן וועלכן מען האָט זיך געהאַלטן, וועט אפשר קענען אויפֿקלערן געוויסע גוט־צוגעקליבענע פֿאַלן, אָבער ער וועט בלײַבן אויסגעשטעלט אויף דער בייזער באַגעגעניש פֿון ערשטן בעסטן בײַשפּיל, וואָס וועט אים אָפּלייקענען.

אָבער פֿאַרוואָס לאַכן מיר פֿון דערדאָזיקער מעכאַנישער קאָמבינאַציע? ווען די געשיכטע פֿון אַ יחיד אָדער פֿון אַ גרופּע קומט אונדז פֿאָר אין אַ געוויסן מאָמענט ווי אַ שפּיל פֿון אַ געצײַנדלטן רעדער־מעכאַניזם, פֿון ספּרוזשינעס, אָדער שטריקלעך, איז דאָס אָן ספֿק מאָדנע, אָבער פֿונוואַנעט נעמט זיך דער ספּעציפֿישער כאַראַקטער פֿון דערדאָזיקער מאָדנעקייט? פֿאַרוואָס איז זי קאָמיש? אויף דערדאָזיקער פֿראַגע, וועלכע האָט זיך שוין געשטעלט פֿאַר אונדז אין די פֿאַרשידנסטע פֿאָרמען, וועלן מיר תמיד געבן איין־און־דעמזעלבן ענטפֿער. דער פֿאַרשטײפֿטער מעכאַניזם, וועלכן מיר איבעראַשן פֿון צייט צו צייט, ווי אַ אומגעזעצלעך־אַרײַנגעדרונגענעם, צווישן דער לעבעדיקער דויערהאַפֿטיקייט פֿון מענטשלעכע האַנדלונגען, האָט פֿאַר אונדז אַ גאַנץ באַזונדערן אינטערעס, ווײַל ער שטעלט פֿאָר מיט זיך אַ מין צעשטרײַטקייט פֿון לעבן גופֿא. ווען די געשעענישן וואָלטן כּסדר געקענט זײַן אויפֿמערקזאַם צו זייער אייגענער אָפּוויקלונג, וואָלטן נישט פֿאָרגעקומען קיין צענויפֿפֿאַלונגען, קיין צוזאַמענטרעפֿונגען, קיין קרייזאַרטיקע געשעענישן; אַלץ וואָלט געפֿלאָסן אין אַ גלײַכער ליניע פֿאָרויס און וואָלט כּסדר פּראָגרעסירט. און ווען מיר, מענטשן, וואָלטן תמיד געווען אויפֿמערקזאַם צום לעבן, ווען מיר וואָלטן אָן אויפֿהער באַנײַט דעם קאָנטאַקט מיט אַנדערע און מיט זיך אַליין, וואָלט בײַ אונדז נישט געקענט געשען קיין שום זאַך,

וואָס זאָל אויסזען ווי באַוועגט פון ספרוזשינעס, אָדער שטריקלעך. דער קאָמיזם דאָס איז יענע זייט פון אַ פערזאָן, דורך וועלכער זי איז ענלעך צו אַ זאַך, דאָס איז יענער אָנבליק פון מענטשלעכע געשעענישן, וואָס אימיטירט דורך זיין אייגנאַרטיקער פאַרשטייפטקייט אַ איינפאַכן מעכאַניזם, אַן אויטאָמאַט, מיט איין וואָרט, דער קאָמיזם איז אַ באַוועגונג אָן לעבן. ער דריקט אַזויאַרום אויס אַן אינדיווידועלע, אָדער קאָלעקטיווע אומפאָלקאָמענקייט, וואָס פאָדערט אַ באַלדיקע שטראָף און דער געלעכטער איז טאַקע דידאָזיקע שטראָף. דער געלעכטער איז אַ געוויסער סאָציאַלער זשעסט, וואָס שטרייכט אונטער און אונטערדריקט די געוויסע ספעציפישע צעטראָגנקייט פון מענטשן און געשעענישן.

אָבער גראָד דאָס גיט אונז צו חשק צו זוכן אַ סך ווייטער און אַ סך העכער. ביז איצט האָבן מיר זיך פאַרנומען מיט אויסגעפינען אין די שפילן פון מענטשן געוויסע מעכאַנישע קאָמבינאַציעס, וואָס פאַרווילן אויך דאָס קינד. דאָס איז אַן עכט עמפירישער פאָרשונגס-מעטאָד. איצט איז שוין אָבער צייט אַ טראַכט צו טאָן וועגן אַ מעטאָדישער און פולער דעדוקציע; כדי אויסצוגעפינען די פאַרשידנאַרטיקע און זיך-ענדערנדיקע פראָצעסן פון קאָמישן טעאַטער, מוזן מיר שעפן פון זייער אייגענעם מקור, אין זייערע אומענדערלעכע און פשוטע גרונט-פרינציפן. דערדאָזיקער טעאַטער, האָבן מיר שוין אויבן געזאָגט, קאָמבינירט די געשעענישן אויף אַזאַ אופן, אַז ער פירט אַריין אַ מעכאַניזם אין די אויסערלעכע פאָרמען פון לעבן. לאָמיר זשע באַצייכענען די גרונט-שטריכן, אַ דאַנק וועלכע דאָס לעבן, פון אויסן געזען, אונטערשיידט זיך פון אַ פשוטן מעכאַניזם. דערנאָך וועט שוין גענוג זיין איבערצוגיין צו די קעגנזעצלעכע שטריכן, כדי צו באַקומען די אבסטראקטע פאָרמולע (דאָסמאָל שוין אַן אַלגעמיינע און פולע) פון אַלע פראָצעסן פון אַ ווירקלעכער, אָדער מעגלעכער קאָמעדיע.

דאָס לעבן דערשיינט פאַר אונז ווי אַ געוויסע עוואָליוציע אין דער צייט, און ווי אַ געוויסע קאָמפליקאַציע אין רוים.

באטראכט מען עס אין דער צייט, שטעלט עס פאר מיט זיך א דויערהאפטן פראגרעס פון א וועזן, וואס עלטערט זיך אן אויפהער: דאס מיינט צו זאגן, אז עס גייט קיינמאל נישט הינטערווײלעכס און חזרט זיך נישט איבער. באטראכט מען עס אין רוים, שטעלט עס פאר פאר אונזערע אויגן געמיינזאם-עקזיסטירנדיקע עלעמענטן, וואס זענען אזוי אינטים פארבונדן מיט אנאנדער, אזוי אויסשליסלעך באשאפן איינער פארן צווייטן, אז קיין איינער פון זיי וואלט נישט געקענט גלייכצייטיק געהערן צו צוויי פארשידענע ארגאניזמען: יעדעס לעבעדיקע וועזן איז א געשלאסענע סיסטעם דערשיינונגען, וואס זענען נישט פעיק זיך אויסצומישן מיט אנדערע סיסטעמען. א כסדרדיקע ענדערונג פון אויסזען, די נישט קרייז-ארטיקייט פון דערשיינונגען, די פולקאמענע אינדיווידואליטעט פון א סעריע אין זיך אפגעשלאסענע פענאמענען, — אט דאס זענען די אויסערלעכע שטריכן (ווירקלעכע, צי מכלומרשטע, דאס איז שוין נישט וויכטיק), וואס אונטערשיידן דאס לעבעדיקע פון א פשוטן מעכאניזם. נעמען מיר איצט זייער קעגנזאץ, וועלן מיר באקומען דריי פראצעסן, וועלכע מיר וועלן אנרופן: *די איבערחזרונג, קאפויערדיקייט, די קעגנזייטיקע דורכקרייצונג פון דערשיינונגס-סיסטעמען.* ס'איז לייכט צו באמערקן, אז דידאזיקע פראצעסן מאכן טאקע אויס דעם וועזן פון פארס, און קיין אנדערע קען ער גארנישט האבן.

די פארשידנארטיקע מישונגען פון דידאזיקע פראצעסן לאזן זיך אויפזוכן אין די סצענעס, וועלכע מיר האבן פריער באטראכט, און א פשיטא שוין אין די קינדישע שפילן, וועמעס מעכאניזם זיי רעפראדוצירן. און צום דאזיקן אנאליז טרעטן מיר טאקע צו. ס'וועט אבער זיין צוועקמעסיקער אויסצופארשן דידאזיקע פראצעסן אין זייער ריינעם צושטאנד אויף נייע ביישפילן. אגב אורחא, איז נישטא קיין לייכטערע זאך, ווייל דידאזיקע פראצעסן געפינען מיר טאקע תמיד אין א ריינעם צושטאנד אין דער קלאסישער קאמעדיע אזוי גוט ווי אין מאדערנעם טעאטער.

1. די איבערחזרונג. — דאָ האַנדלט זיך נישט מער, — ווי אויבן, — וועגן אַ וואָרט, אָדער אַ פראַזע, וועלכע אַ געוויסע פּערזאָן חזרט כּסדר איבער; דאָ איז די רייד וועגן אַ סיטואַציע, ד. ה. וועגן אַ קאָמבינאַציע פון באַדינגונגען, וועלכע חזרט זיך איבער פון אַ׳ ביז תּיו עטלעכע מאָל, איבערשניידנדיק אַזוי אַרום דעם זיך-ענדערנדיקן פלוס פון לעבן. די דערפאַרונג גופא שטויסט אונז צענויף מיטן דאָזיקן אַרט קאָמיזם, אָבער אין אַ לחלוטין נישט-אַנטוויקלטן צושטאַנד. למשל, איך טרעף אין גאַס מיינעם אַ פריינט, וועלכן כ׳האָב שוין אַ צייט לאַנג נישט געזען; דידאָזיקע סיטואַציע פאַרמאָגט נישט אין זיך קיין שום קאָמיזם. אויב אָבער איך טרעף אים דעמזעלבן טאָג נאָכאַמאָל, אַ דריטן און אַ פערטן מאָל, וועלן מיר ביידע אָנהויבן צו לאַכן איבערן דאָזיקן „טראַף". שטעלט זיך איצט פאָר אַ גאַנצע ריי אויסגעפאַנטאַזירטע געשעענישן, וואָס רופן אַרויס ביי אייך אַ געניגנדיקע איליוזיע פון לעבע-דיקער ווירקלעכקייט, און צווישן דערדאָזיקער גאַנצער פראָג-רעסירנדיקער ריי איז דאָ איין סצענע, וואָס חזרט זיך כּסדר איבער, אַלץ איינס צי צווישן דיזעלבע פּערזאָנען, אָדער צווישן פאַרשידענע פּערזאָנען: איר וועט אין דאָזיקן פאַל אויך האָבן פאַר זיך אַ דערשיינונג פון צוזאַמענפאַלנדיקע באַדינגונגען, אָבער שוין נישט אַזאַ פּשוטע. דעמדאָזיקן כאַראַקטער טראָגט די איבערחזרונג, וועלכע מיר טרעפן אין טעאַטער. זי איז אַלץ קאָמישער, וואָס קאָמפּליצירטער עס איז די איבערגע-חזרטע סצענע און וואָס נאַטירלעכער זי וויקלט זיך אָפּ, — צוויי באַדינגונגען, וואָס שליסן, דאַכט זיך, אויס איינע די צווייטע, און די געשיקטקייט פונם דראַמאַטישן מחבר דאַרף זען שלום מאַכן צווישן זיי.

דער מאָדערנער פאַרס נוצט אויס דעמדאָזיקן פּראָצעס אין זיינע אַלע פאָרמען. איינע פון די אַממייסטן פאַרשפּרייטסטע פאָרמען באַשטייט אין דעם, וואָס אַ געוויסע גרופּע פּערזאָנען ווערט געפירט פון אַקט צו אַקט אין פאַרשידנסטע סביבות, אָבער אויף אַזאַ אופן, אַז אין די נייע באַדינגונגען חזרט

זיך איבער דיזעלבע ריי געשעענישן, אָדער שלימאַזלערייען, סימעטריש פאַנאַנדערגעטיילט.

מאליערס עטלעכע פּיעסן האָבן איינע־און־דיזעלבע קאָמ־פּאָזיציע פון געשעענישן, וואָס חזרט זיך איבער פון אָנהויב קאָמעדיע ביז איר סוף. די „פרויען־שולע", למשל, באַשטייט בלויז אין איבערחזורן אין דריי פאַרשידענע צייטן איין געוויסן עפעקט: דאָס ערשטע מאָל, האָראַץ דערציילט אַרנאָלפן, וואָס אַזוינס ער האָט צוגעטראַכט, כדי אָפּצונאַרן אַגנעסעס אַפּוטרופּוס, וועלכער איז טאַקע נישט קיין אַנדערער ווי אַרנאָלף אַליין; דאָס צווייטע מאָל, אַרנאָלף איז זיכער, אַז ער האָט אָפּגעווענדט האָראַצס קלאַפּ; דאָס דריטע מאָל, אַגנעס קערט אום אַרנאָלפס פאָרזיכטס־מיטלען לטובת האָראַצן. דיזעלבע רעגלמעסיקע פּעריאָ־דישקייט געפינען מיר אויך אין דער „מענער־שולע", אין „צעטראָגענעם" און באַזונדערס אין „זשאָרזש דאַנדען", ווו מיר באַגעגנען ווידער דעמזעלבן עפעקט דריי מאָל: דאָס ערשטע מאָל, זשאָרזש דאַנדען זעט זיך אַרום, אַז זיין ווייב נאַרט אים אָפּ; דאָס צווייטע מאָל, ער רופט זיינע שוויגער־עלטערן צו הילף; דאָס דריטע מאָל, ער, זשאָרזש דאַנדען גופא, פאַר־ענטפערט זיך.

אַמאָל חזרט זיך איבער דיזעלבע סצענע צווישן גרופּעס פאַרשידענע פּערזאָנען. אין דאָזיקן פאַל איז נישט זעלטן צו טרעפן פאָלגנדיקע פּאַרטיילונג: די ערשטע גרופּע נעמט אַרום די באַלעבאַטים, און די צווייטע — די דינער, די דינער חזרן איבער אין אַ אַנדער טאָן, אין אַ ווינציקער איידעלן סטיל, אַ סצענע, וועלכע זייערע באַלעבאַטים האָבן שוין פריער אָפּגע־שפּילט. אַ געוויסער טייל פון „ל י ב ע ס ־ צ ר ו ת" איז געבויט לויטן דאָזיקן פּלאַן, דאָסזעלבע — „אמפיטריאָן". אין בענע־דיקס' אַמוזאַנטער קליינער קאָמעדיע „דער עקשן", איז די אָרדנונג אַ פאַרקערטע: די באַלעבאַטים חזרן איבער אַ סצענע פון עקשנות, פון וועלכער די דינער האָבן זיי געגעבן אַ ביישפּיל.

אָבער אומאָפּהענגיק דערפון צווישן וועלכע פּערזאָנען עס

שפּילן זיך אָפּ דידאָזיקע סימעטרישע סיטואַציעס, עקזיסטירט אַ טיפער אונטערשייד צווישן דער קלאַסישער און דער מאָדערנער קאָמעדיע. דער ציל פוןביידע איז איינער-און-דערזעלבער: אַריינברענגען אין די געשעענישן אַ געוויסן מאַטעמאַטישן סדר, נישט שטערנדיק פונדעסטוועגן דעם איינדרוק פון זייער אמת-דיקייט. ד. ה. פון לעבן; אָבער די באַנוצטע מיטלען זענען פאַרשידן.

אין מערסטן טייל פאַרסן באַאַרבעט מען דירעקט דעם גייסט פון צוקוקער. און באמת, ווי אומגלויבלעך עס זאל נישט זיין דער צענויפפאַל פון די געשעענישן, וועט ער פונדעסט-וועגן אָננעמבאַר שוין צוליב דעם אַליין, וואָס מיר וועלן אים אָננעמען, און מיר וועלן אים זיכער אָננעמען, אויב מ׳האָט אונז ביסלעכווייז צוגעגרייט דערצו. און דאָס איז טאַקע אָפּט דער מעטאָד פון די מאָדערנע מחברים. פּונקט פאַרקערט איז אין מאָליערס טעאַטער, ווו די איבערחזרונג זעט אויס נאַטיר-לעך אַ דאַנק די אייגנשאַפטן פון די האַנדלענדיקע פּערזאָנען, און נישט פון פּובליקום. יעדער פון דידאָזיקע פּערזאָנען רעפּ-רעזענטירט מיט זיך אַ געוויסע קראַפט, וואָס ווירקט אין אַ באַשטימטער ריכטונג, און היות דידאָזיקע כּחות מיט באַשטענ-דיקע ריכטונגען פאַרייניקן זיך צווישן זיך אומפאַרמיידלעך אויף איין-און-דעמזעלבן שטייגער, חוזרט זיך ממילא איבער דיזעלבע סיטואַציע. אַ סיטואַציע-קאָמעדיע, וואָס ווערט אַזוי אויפגעפּאַסט, גרעניצט שוין מיט דער כאַראַקטערן-קאָמעדיע. זי פאַרדינט דעריבער צו ווערן אָנגערופן „קלאַסישע”, אויב ס׳איז אמת, אַז קלאַסיש איז די קונסט, וואָס פאָדערט נישט פון עפעקט מער, ווי זי האָט אַריינגעלייגט אין דער סיבה.

II. די קאַפּויערדיקייט. — דערדאָזיקער צווייטער פּראָצעס איז אויף אַזוי ווייט אַנאַלאָגיש מיטן ערשטן, אַז מיר וועלן זיך באַנוגענען דערמיט, וואָס מיר וועלן אים בלויז דעפינירן, נישט אָפּשטעלנדיק זיך לגמרי אויף זיין אָנ-ווענדונג. שטעלט זיך פאָר געוויסע פּערזאָנען אין אַ געוויסער סיטואַציע: אויב איר וועט איבערדרייען די סיטואַציע און

פאַרבייטן די ראָלן, וועט איר באַקומען אַ קאָמישע סצענע. צו דעם אַרט געהערט די טאָפּלטע רעטונג־סצענע אין „דער רייזע פון ה׳ פּערישאָן״. ס׳איז אָבער נישט נויטיק אַפילו, אַז די ביידע סימעטרישע סצענעס זאָלן זיך אָפּשפּילן אויף אונזערע אויגן. מ׳קען אונז ווייזן בלויז איינע פון זיי, אַבי מ׳זאָל זיכער זיין, אַז מיר טראַכטן וועגן דער צווייטער. אַזוי אַרום לאַכן מיר פון אַ געמשפּטן, וואָס פּרעדיקט מאָראַל דעם ריכטער, פון אַ קינד, וואָס לערנט זיינע עלטערן, מיט איין וואָרט פון אַלץ, וואָס קען אַרונטערגענומען ווערן אונטער דער רובריק פון אַ „פאַרקערטער וועלט״.

אָפטמאָל פירט מען אַרויס אויף דער סצענע אַ פּערזאָן, וואָס גרייט צו נעצן, אין וועלכע ער אַליין פאַלט אַריין. די געשיכטע פון פאַרפאָלגער, וואָס פאַלט אַ קרבן פון זיין פאַר־פאָלגן, פון אָפּגענאַרטן אָפּנאַרער, איז דער אינהאַלט פון אַ סך קאָמעדיעס. מיר געפינען דאָס שוין אין די אַלטע פאַרסן אַפילו. דער אַדוואָקאַט פּאַטעלען, למשל, לערנט אויס זיין קליענט עפּעס אַ געדריי, כּדי אָפּצונאַרן דעם ריכטער; דער קליענט באַנוצט דעמזעלבן געדריי, כּדי נישט צו באַצאָלן דעם אַדוואָקאַט. אַ ווייב אַ שלעכטס פאָדערט פון איר מאַן, ער זאָל אויספירן אַלע אַרבעטן אין דער באַלעבאַטישקייט; זי גיט אים אַפילו איבער אַ רשימה מיט אַלע פּרטים פון די אַרבעטן. ווען זי וועט איצט אַריינפאַלן אין אַ גרויסן קעסל, וועט זיך איר מאַן אָפּזאָגן זי אַרויסצוציען פון דאָרט: „דאָס געפינט זיך נישט אין זיין רשימה״. די מאָדערנע ליטעראַטור האָט געשאַפן אַ מאַסע וואַריאַציעס אויף דערדאָזיקער טעמע פון אַ באַגנבעטן גנב. אין דידאָזיקע אַלע פאַלן האַנדלט זיך וועגן איבערדרייען די ראָלן און וועגן אַ סיטואַציע, וואָס ווענדט זיך קעגן דעם, ווער ס׳האָט זי אַרויסגערופן.

דאָ ווערט באַשטעטיקט אַ געזעץ, וואָס אויף זיין אָנ־ווענדונג האָבן מיר נישט שוין איינמאָל אָנגעוויזן. ווען אַ קאָ־מישע סצענע חזרט זיך אָפט איבער, גייט זי אַריין אין צו־שטאַנד פון אַ „קאַטעגאָריע״, אָדער אַ מאָדעל. זי ווערט

קאָמיש אַליין פאַר זיך, אומאָפּהענגיק פון די סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופן איר קאָמיזם. דאָס פירט דערצו, אַז נייע סצענעס, וועלכע זענען לחלוטין נישט קאָמיש דע יורע, קענען אונז אַמוזירן דע פאַקטאָ, אויב זיי זענען מיט וואָס ענלעך אויף יענע. זיי וועקן אויף אין אונזער גייסט מער אָדער ווייניקער בולט אַ בילד, וועלכן מיר קענען אַלס קאָמישן. זיי פּאַסן זיך איין אין די ראַמען פון אַ געוויסן מין, וואָס ווערט סימבאָליזירט דורך אַן אָפיציעל־אָנערקענטן טיפּ קאָמיזם. די סצענע פון „באַגנבעטן גנב" איז אַזאַ מין קאָמישער מאָדעל. דער קאָמיזם, וועלכן זי פאַרמאָגט, וואַרפט זיין אָפּשיין אויף אַ גאַנצער ריי אַנדערע סצענעס, און זי מאַכט ענדלעך קאָמיש יעדן דורכפאַל, וועלכן מ׳האָט צו פאַרדאַנקען דער אייגענער שולד, אומאָפּהענגיק דערפון, אין וואָס דידאָזיקע שולד זאָל נישט באַשטיין, אין וואָס דערדאָזיקער דורכפאַל זאָל נישט באַשטיין; נאָכמער, ס׳איז גענוג אַ פּשוטער רמז אויפן דאָזיקן דורכפאַל, בלויז אַ וואָרט, וואָס דערמאָנט אָן אים. „האָסט עס אַליין געוואָלט, זשאָרזש דאַנדען", דידאָזיקע פראַזע וואָלט נישט געהאַט אין זיך קיין שום קאָמישעס, ווען נישט די קאָמישע רעזאָנאַנסן פון די פריערדיקע סצענעס.

III. — מיר האָבן זיך שוין גענוג לאַנג אָפּגעשטעלט אויף דער איבערחזרונג און דער קאַפּויערדיקייט. מיר גייען איצט איבער צום פּראָצעס פון קעגנזייטיקער דורכקרייצונג פון דערשיינונגס־רייען. דעמדאָזיקן קאָמישן עפעקט איז זייער שווער צו דעפינירן, ווייל ער מאַניפעסטירט זיך אין טעאַטער אונטער אויסערגעווײנלעך פאַרשידנאַרטיקע פאָרמען. אומגעפער וואָלט מען אים אפשר געקענט דעפינירן אַזוי: אַ סיטואַציע איז תמיד קאָמיש, ווען זי געהערט גלייכצייטיק צו צוויי, לחלוטין אומאָפּהענגיקע סיסטעמען דערשיינונגען, און אויב זי לאָזט זיך אויסטייטשן גלייכצייטיק אויף צוויי קעגנזעצלעכע אופנים.

עס קומט אונדז תּיכּף דער געדאַנק וועגן קווי-פּראָ-קוואָ.

דער קווי-פּראָ-קוואָ איז טאַקע אײַנגעראַמטן אַ סיטואַציע, וואָס האָט גלײַכצײַטיק צוויי פאַרשידענע באַדײַטונגען, אײנע אַ מעגלעכע, וועלכע עס גיבן אים צו די אַקטיאָרן, די צווייטע אַ רעאַלע, וועלכע עס גיט אים צו דאָס פּובליקום. מיר פאַרשטייען דעם ריכטיקן זין פון דער סיטואַציע דערפאַר, ווײַל מ׳האָט זי אונדז געוויזן פון אַלע זײַטן; אָבער יעדער אַקטיאָר קען זי בלויז פון איין זײַט; דערפון נעמען זיך זייערע טעותן, זייער פאַלשע באַאורטיילונג איבער דעם, וואָס מ׳טוט אַרום זיי, ווי אויך איבער דעם, וואָס זיי אַליין טוען. מיר גייען איבער פון דערדאָזיקער פאַלשער באַאורטיילונג צו דער ריכטיקער; מיר וואַקלען זיך צווישן דעם מעגלעכן און דעםווירקלעכן זין; און דאָסדאָזיקע וויגן זיך פון אונדזער גײַסט צווישן צוויי קעגנזעצלעכע אויסטײַטשונגען, פאַרנעמט דעם אויבנאָן אין דעם פאַרגעניגן-געפּיל, וואָס דער קווי-פּראָ-קוואָ פאַרשאַפט אונדז. ס׳איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס געוויסע פילאָזאָפן האָט קודם כּל איבערראַשט דאָסדאָזיקע וויגן זיך פון גײַסט און האָבן געזען דאָס וועזנטלעכע פון קאָמיזם אין אַ קאָנפליקט פון צוויי סתּירותדיקע אורטיילן. אָבער זייער דאָזיקער דעפיניציע איז גאַנץ ווײַט פון באַפרידיקן אַלע פאַלן; און אַפילו דאָרט, ווו זי פאַסט יאָ צו, דעפינירט זי אויך נישט דעם גרונט-פּרינציפּ פון קאָמיזם, נאָר בלויז איינעם פון זײַנע מער אָדער ווייניקער ווײַטע קאָנסעקווענצן. און באמת, ס׳איז גאַנץ לײַכט אײַנצוזען, אַז דער טעאַטראַלער קווי-פּראָ-קוואָ איז בלויז אַ ספּעציעלער פאַל פון אַ מער אַלגעמיינעם פּרינציפּ: די קעגנזײַטיקע דורכקרייצונג פון אומאָפּהענגיקע סיסטעמען געשעענישן, און אַ חוץ דעם איז דער קווי-פּראָ-קוואָ קאָמיש נישט פון זיך אַליין, נאָר בלויז אַ דאַנק דעם, וואָס ער איז אַ צ י י כ ן פון דער אויבנדערמאָנטער דורכקרייצונג.

אין קווי-פּראָ-קוואָ איז יעדע פּערזאָן אײַנגעפּאַסט אין אַ באַשטימטער סיסטעם געשעענישן, וואָס האָבן אַ שייכות צו אים, וועגן וועלכע זי האָט אַ גענויע פאָרשטעלונג און לויט

וועלכע זי רעגולירט אירע ווערטער און מעשים. יעדע פון דידאַקטיק סיסטעמען, וואָס אינטערעסירט בלויז איין גרופּע פּערזאָנען, אַנטוויקלט זיך אומאָפּהענגיק פון די אַנדערע; אָבער זיי טרעפן זיך צענויף אין אַ געוויסן מאָמענט ביי אַזעלכע באַדינגונגען, אַז די מעשים און די ווערטער, וואָס זענען אַ טייל פון איינער פון זיי, קענען זיך גאַנץ גוט פּאַסן אויף פּאַר אַ צווייטער. דערפון נעמען זיך די מיספאַרשטענדענישן צווישן די פּערזאָנען, די צוויידייטיקייטן; אָבער דידאַקטיקע צוויידייטיקייטן זענען פּאַר זיך אַליין נישט קאָמיש; זיי זענען קאָמיש דערפאַר, ווייל זיי באַצייכענען די צענויפּפאַלונג פון צוויי אומ-אָפּהענגיקע סיסטעמען דערשיינונגען. אַז אונזער אויסטייטשונג איז ריכטיק באַווייזט דאָס, וואָס דער מחבר דאַרף כּסדר אָנ-ווענדן אַלע מיטלען, כּדי צוצוציען אונזער אויפמערקזאַמקייט אויפן דאָזיקן טאָפּלטן פּאַקט: אויף דער אומאָפּהענגיקייט און דער צענויפּפאַלונג. געוויינלעך דערגרייכט ער דאָס דורך באַ-נייען כּסדר די פאַלשע דראָונג, אַז אָט-אָט פּאַלן פונאנדער דיביידע סיסטעמען, וואָס זענען צענויפגעפאַלן. יעדע מינוט האַלט אַלץ ביים איינפאַלן און אַלץ ווערט ווידער גוט, און אָט דאָסדאָ-זיקע שפּיל טאַקע רופט אַרויס דעם געלעכטער אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס, ווי די וואַקלעניש פון אונזער גייסט צווישן צוויי סתירותדיקע באַדייטונגען. און עס רופט אַרויס ביי אונז געלעכטער דערפאַר, ווייל עס אַנטפּלעקט פאַר אונזערע אויגן די קעגנזייטיקע דורכקרייצונג פון צוויי אומאָפּהענגיקע סיסטע-מען, ד. ה. דעם אמתן מקור פון קאָמישן עפעקט.

אַזוי אַרום זעען מיר, אַז דער קווי-פּראָ-קוואָ קען זיין נישט מער ווי אַ ספּעציעלער פאַל. ער איז בלויז איינער פון די מיטלען (און אפשר איינער פון די קינסטלעכסטע) צו פאַר-אויסערלעכן דידאַקטיקע קעגנזייטיקע דורכקרייצונג פון סיסטעמען געשעענישן; אָבער ער איז נישט דער איינציקער מיטל. אָנ-שטאָט צוויי היינטצייטיקע סיסטעמען, קען מען מיטן זעלבן רעזולטאַט אויך נעמען איין סיסטעם אַלטע געשעענישן און אַ צווייטע אַן אַקטועלן: אויב די ביידע סעריעס שניידן זיך

קעגנזייטיק דורך אין אונזער פאַרשטעלונגס-קראַפט, וועט געשאַפן ווערן דערזעלבער קאָמישער עפעקט, כאָטש קיין קווי-פּראָקוואָ וועט שוין מער נישט זיין. דערמאָגט זיך נאָר באַניוואַרס געפאַנגנשאַפט אין פּאַלאַץ פון שילאָן און איר וועט האָבן די ערשטע סעריע פאַקטן. גלייך נאָכדעם שטעלט זיך פאָר טאַרטאַרענען, וועלכער רייזט איבער דער שווייץ און ווערט אַרעסטירט, פאַרשפּאַרט אין תפיסה, און איר וועט האָבן די צווייטע סעריע, אַן אומאָפּהענגיקע פון דער ערשטער. איצט מאַכט אַזוי, אַז טאַרטאַרען זאָל זיין צוגעשמידט צו דערזעלבער קייט, וואָס באָניוואַר, און עס זאָל זיך אויסדוכטן אויף איין מאָמענט, אַז ביידע געשיכטעס פאַלן צענויף,— וועט איר האָבן זייער אַ אַמוזאַנטע סצענע, איינע פון די קאָמישסטע, וועלכע דאָדעס פאַנטאַזיע האָט אויסגעטראַכט. אַ סך פון דאָזיקן מין הערויש-קאָמישע פאַלן וואָלטן זיך געלאָזט אויף אַזאַ אופן פאַנאַנדערלייגן. די תמיד קאָמישע פאַרוואַנדלונג פון אַלטערטימלעכע געשעענישן אין מאָדערנע, באַזירט אויפן זעלבן פּרינציפּ.

לאַביש האָט זיך באַנוצט מיטן דאָזיקן פּראָצעס אונטער אַלע זיינע מעגלעכע פאָרמען. דאָ הויבט ער אָן מיט אויפשטעלן אומאָפּהענגיקע סעריעס און גלייך נאָכדעם פאַרווילט ער זיך דערמיט, וואָס ער מישט זיי אויס צווישן זיך: ער נעמט אַן אָפּגעשלאָסענע גרופּע, אַ חתונה, למשל, און לאָזט זי אַריינפאַלן אין אַ גאַנץ פרעמדער סביבה, ווו אַ געווויסער צענויפפאַל פון באַדינגונגען דערלויבט זי אַריינצודרינגען אויף אַ ווייל. אַן אַנדערש מאָל פירט ער דורך דורך דער גאַנצער פּיעסע בלויז איין-און-דיזעלבע גרופּע פּערזאָנען, אָבער ער מאַכט אַזוי, אַז אייניקע פון דידאָזיקע פּערזאָנען האָבן עפּעס וואָס אויסצובאַהאַלטן, מוזן זיך פאַרשטענדיקן צווישן זיך, און שפּילן סוף-כל-סוף אַ קליינע קאָמעדיע אינמיטן דער גרויסער: יעדע מינוט הויבט איינע פון די צוויי קאָמעדיעס אָן צו שטערן דער צווייטער, דערנאָך ענדיקט זיך אַלץ בכי-טוב און די צענויפפאַלונג פון ביידע סעריעס דויערט ווייטער בשלום. אַן

אַנדערש מאָל ווידער, לאָזט ער אַריינדרינגען אין דער רעאַלער סעריע געשעענישן אַ אידעאַלע סעריע, אַ פאַרגאַנגנהייט, למשל, וועלכע מ׳וואָלט וועלן אויסבאַהאַלטן, און וועלכע דרינגט אַריין אָן אויפהער אינם „איצטער״, און יעדעס מאָל געלינגט זי צו פאַרבינדן בשלום מיט די סיטואַציעס, וועלכע זי האָט, דאַכט זיך, געהאַלטן ביים צעשטערן. אָבער תמיד וועלן מיר אין זיינע פיעסן געפינען צווי אומאָפהענגיקע סעריעס און זייער טיילווייזע צענויפפאַלונג.

דאָ וועלן מיר אָפּשטעלן אונזער אַנאַליז פון די פאַרס־פּראָצעסן. צי עס קומט פאָר אַ קעגנזייטיקע דורכקרייצונג פון די סעריעס, צי זיי ווערן איבערגעדרייט, אָדער איבערגעחזרט,— אומעטום זעען מיר איינס־און־דאָסזעלבע: עס גייט אין אַרויס־רופן יענעם עפעקט, וועלכן מיר האָבן אָנגערופן די מעכאַ־ניזירונג פון לעבן. מ׳נעמט אַ געשלאָסענעם סיסטעם פון האַנדלונגען און שייכותן און מ׳חזרט זיי איבער ווי זיי שטייען און גייען, אָדער מ׳קערט זיי איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ, אָדער מ׳טראָגט זיי גאָר אַריבער מיט האַק און פּאַק אין אַ צווייטן סיסטעם, מיט וועלכער ער פאַלט צענויף בלויז טיילווייז, — אַלץ קאָמבינאַציעס, וואָס פליסן אַרויס פון באַהאַנדלען דאָס לעבן ווי אַ מעכאַניזם אויף איבערחזרן זיך, מיט קריי־זאַרטיקע עפעקטן און מיט טיילן, וואָס לאָזן זיך קעגנזייטיק פאַרבייטן. דאָס רעאַלע לעבן ווערט אַ פאַרס אין דערזעלבער מאָס, אויף וויפל עס שאַפט אויף אַ נאַטירלעכן אופן ענלעכע עפעקטן, ד. ה. אויף וויפל עס פאַרגעסט אָן זיך אַליין, ווייל ווען עס וואָלט תמיד געווען אויפמערקזאַם, וואָלט עס געווען אַ פאַר־שידנאַרטיקער דויער, אַ גראָדליניקער פּראָגרעס, אַן אומצע־טיילבאַרע איינהייט. און דעריבער קען דער קאָמיזם פון געשעענישן דעפינירט ווערן אַלס צעשטרייטקייט פון זאַכן, פּונקט ווי דער קאָמיזם פון אַ אינדיווידועלן כאַראַקטער איז תמיד אַ רעזולטאַט פון אַ געוויסער וועזנטלעכער צעשטריי־קייט פון דער פּערזאָן (ווי מיר האָבן דאָס שוין געגעבן אָנצוהערן און ווי מיר וועלן דאָס נאָך גענויער באַווייזן אין

ער פֿאַרזינקט נישט דערין אינגאַנצן: ער לייגט אַריין אין דעם בלויז זיין אינטעליגענץ.

אַזוי אַרום וועט יעדער דיכטער זיך קענען אַרויסווייזן אַלס גייסטרייכער מענטש, ווען ער וועט דאָס נאָר ווערן. ער וועט לחלוטין נישט דאַרפֿן דערוועגן קיין נייע אייגנשאַפֿטן דערצו; אדרבה, ער וועט גיכער עפּעס דאַרפֿן פֿאַרלירן. ס׳וועט גענוג זיין, ער זאָל זיינע געדאַנקען לאָזן פֿירן דיאַלאָגן צווישן זיך „סתם אַזוי זיך, פֿון הנאה וועגן״. ער וועט בלויז דאַרפֿן אויפֿבינדן דעם דאָפּלטן באַנד, וואָס האַלט אויף זיינע געדאַנקען אין קאָנטאַקט מיט זיינע געפֿילן, און זיין נשמה — אין קאָנטאַקט מיטן לעבן. מיט איין וואָרט, ער וועט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גייסטרייכן מענטשן, ווען ער וועט מער נישט ווערן זיין קיין פּאָעט אויך מיטן האַרצן, נאָר בלויז מיטן אינטעלעקט.

אויב די גייסטרייכקייט באַשטייט בכלל אין זען די זאַכן סוב ספּעציע טעאַטרי, האָט זי אָבער באַזונדערס אַ טענדענץ צו איין געוויסן מין פֿון דראַמאַטישער קונסט, צו דער קאָמעדיע. דערפֿון נעמט זיך די שמעלערע באַדייטונג פֿון אויסדרוק, די איינציקע, אגב, וואָס אינטערעסירט אונדז פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער געלעכטער-טעאָריע. אין דאָזיקן זין באַטראַכט מען אַלס גייסטרייכקייט אַ געוויסע נייגונג צו סקיצירן כּל-אחר-יד קאָמעדיע-סצענעס, און צו סקיצירן זיי אַזוי דיסקרעט, לייכט און שנעל, אַז אַלץ איז שוין געענדיקט, ווען מיר הייבן ערשט אָן זיך אָנצושטויסן, וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען.

ווער זענען די אַקטיאָרן פֿון דידאָזיקע סצענעס? מיט וועמען האָט צו טאָן אַ גייסטרייכער מענטש? קודם כּל מיט זיינע מיטשמועסער גופֿא, ווען די גייסטרייכע באַמערקונג איז אַ דירעקטער ענטפֿער צו איינעם פֿון זיי. אָפֿט באַשעפֿטיקט ער זיך מיט אַן אָפּוועזנדיקן מענטשן, וועגן וועלכן ער לאָזט צו דעם געדאַנק, אַז ער האָט גערעדט און אַז ער ענטפֿערט אים. נאָך אָפֿטער ווענדט ער זיך צו אַלע מענטשן, ד. ה. צו זייער שכל הישר, וועלכן ער כאַפּט אויף דער ווענדקע דורך

צווישן דעם קאָמיזם, וואָס די שפּראַך דריקט אויס, און דעמיע־ניקן, וועלכן די שפּראַך שאַפט. דער ערשטער אַרט קאָמיזם קען שטרענג־גענוי איבערגעזעצט ווערן פון איין שפּראַך אין דער צווייטער, כאָטש ער פאַרלירט דערביי דעם גרעסטן טייל פון זיין אייגנאַרטיקייט דורך דער איבערטראָגונג אין א נייער געזעלשאַפט, וואָס איז אַנדערש לויט אירע מנהגים, לויט איר ליטעראַטור, און דערעיקר לויט אירע געדאַנקען־אַסאָציאַציעס. אבער דער צווייטער ארט קאָמיזם לאָזט זיך בכלל נישט איבערזעצן, ווייל דאָס, וואָס ער איז, האָט ער צו פאַרדאַנקען דער סטרוקטור פון דער פראַזע, אָדער דעם אויסוואַל פון ווערטער. דערדאָזיקער קאָמיזם קאָנסטאַטירט נישט מיט דער הילף פון דער שפּראַך געוויסע ספּעציפישע צעשטרייטקייט־דערשיינונגען ביי מענטשן אָדער געשעענישן, נאָר ער שטרייכט אונטער די צעשטרייטקייטן פון דער שפּראַך גופא. אין דאָזיקן פאַל ווערט קאָמיש די שפּראַך אַליין.

אמת, די פראַזן שטעלן זיך נישט צענויף פון זיך אַליין און אויב מיר לאַכן פון זיי, קענען מיר גלייכצייטיק לאַכן אויך פון זייער מחבר. אָבער דאָס איז נישט קיין אומפאַרמיידלעכער תנאי. די פראַזע, דאָס וואָרט פאַרמאגן דאָ א זעלבשטענדיקע קאָמישע קראַפט. און א ראיה דערצו איז דאָס, וואָס על־פי־רוב זענען מיר אין א פאַרלעגנהייט צו זאָגן פון וועמען מיר לאַכן, כאָטש אַמאָל שפּירן מיר אומקלאָר, אַז עמיץ איז די סיבה דערצו.

די פערזאָן, וועלכע רופט אַרויס דעם געלעכטער, איז נישט תמיד די, וואָס רעדט. דאָ איז וויכטיק צו אונטערשיידן צווישן ד אָ ס ק אָ מ י ש ע און דעם ג ײ ס ט ר ײ כ ן. דעמדאָזיקן אונטערשייד קען מען אפשר דעפינירן אַזוי: א וואָרט איז קאָמיש דאַן, ווען עס רופט ביי אונז אַרויס א געלעכטער איבער דעם, ווער עס זאָגט עס, און גייסטרייך איז עס דאַן, ווען עס רופט אַרויס ביי אונז געלעכטער איבער א דריטע פערזאָן, אָדער איבער אונז אַליין. אבער על־פי־רוב איז אונז

שווער צו באַשליסן, צי דאָס וואָרט איז קאָמיש, אָדער גייסטרייך. עס רייצט פּשוט צום לאַכן.

איידער מיר גייען ווייטער, וואָלט אפשר נישט געשאַדט צו באַטראַכטן אַביסל נענטער, וואָס מען פאַרשטייט אונטער גייסטרייכקייט. אַ גייסטרייך וואָרט רופט ביי אונז אַרויס, לכל הפּחות, אַ שמייכל, און דעריבער וואָלט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן געלעכטער נישט געווען פול, ווען זי זאָל זיך נישט באַמיען צו פאַרטיפן אין דער נאַטור פון גייסטרייכקייט, צו באַלויכטן איר וועזן. איך האָב אָבער מורא, דידאָזיקע סובטעלע עסעניץ זאָל נישט געהערן צו די, וואָס דאַמפן זיך אויס אויף דער ליכטיקייט.

קודם כל לאָמיר אונטערשיידן צוויי באַדייטונגען פון וואָרט „גייסטרייכקייט", איינע אַ ברייטערע, די אַנדערע אַ שמעלערע. אין ברייטן זין פון דאָזיקן וואָרט רופט מען אָן „גייסטרייך" אַ געוויסע ד ר אַ מ אַ ט י ש ע אַרט פון דענקען. דער גייסטרייכער מענטש באַנוצט זיך נישט מיט זיינע געדאַנקען, ווי מיט אינדיפערענטע סימבאָלן, נאָר ער זעט זיי, הערט זיי און, דערציקר, ער לאָזט זיי פירן צווישן זיך דיאַלאָגן, ווי זיי וואָלטן זיין לעבעדיקע מענטשן. ער אינסצעניזירט זיי און זיך גופא אינסצעניזירט ער אויך אַ ביסעלע. אַ גייסטרייך פאָלק איז גלייכצייטיק אַ פאָלק, וואָס איז פאַרליבט אין טעאַטער. אַ גייסטרייכער מענטש פאַרמאָגט אין זיך עפּעס פון אַ דיכטער, אַזוי ווי אין אַ גוטן פאָרלייענער שטעקט אַ שטיקל אַקטיאָר. כ'מאַך בפירוש דידאָזיקע פאַרגלייכונגען, ווייל ס'איז לייכט אויסצוגעפינען די שייכותן צווישן דידאָזיקע פיר באַגריפן. כדי גוט צו לייענען איז גענוג צו באַזיצן די אינטעלעקטועלע טייל פון דער אַקטיאָרן-קונסט, אָבער כדי גוט צו שפּילן דאַרף מען זיין אַ אַקטיאָר מיט דער גאַנצער נשמה און דעם גאַנצן וועזן. אויך די פּאָעטישע שאַפונג פאָדערט אַ געוויסע זעלבסטפאַרגעסונג, און גראַד דערמיט זינדיקט נישט געוויינלעך אַ גייסטרייכער מענטש. דערדאָזיקער לעצטער קוקט תמיד אַרויס מער-ווייניקער פון הינטער דאָס אַלץ, וואָס ער רעדט און טוט.

קומענדיקן קאַפּיטל). אָבער דידאַקטישע צעשטרייטקייט פֿון געשעענישן איז אַ אויסנאַם־פֿאַל. אירע ווירקונגען זענען נישטיק. און דער עיקר: זי קען נישט אויסגעבעסערט ווערן, אַזוי אַז דאָס לאַכן פֿון איר האָט נישט קיין צוועק. דעריבער וואָלט אפשר קיינעם נישט איינגעפֿאַלן זי צו פֿאַרגרעסערן, זי דערהויבן צו אַ סיסטעם, צו שאַפֿן פֿאַר איר אַ קונסט, ווען דער געלעכטער זאָל נישט זיין פֿאַר זיך אַליין אַ פֿאַרגעניגן, און ווען די מענטשהייט זאָל זיך נישט אָנכאַפּן אין דער מינדסטער געלעגנהייט אים אַרויסצורופֿן. אויף אַזאַ אופֿן ווערט דערקלערט דער פֿאַרס, וואָס באַדייט פֿאַרן רעאַלן לעבן דאָסזעלבע, וואָס דער באַוועגלעכער פּאַיאַץ פֿאַרן לעבעדיקן מענטשן: אַ קינסטלעכע איבערטרייבונג פֿון אַ געוויסער פֿאַרשטייפּטקייט פֿון זאַכן. דער פֿאָדים, וואָס פֿאַרבינדט אים מיטן רעאַלן לעבן, איז זייער שוואַך. דאָס איז נישט מער ווי אַ שפּיל, וואָס איז אונטערגעוואָרפֿן, ווי אַלע שפּילן, אַ פֿריער אָפּגעשמועסטן אָפּמאַך. דערפֿאַר אָבער שלאָגט טיפֿע וואָרצלען אין לעבן די כאַראַקטער־קאָמעדיע. און מיט איר וועלן מיר זיך טאַקע דער עיקר אָפּגעבן אין דער לעצטער טייל פֿון אונזער אָפּהאַנדלונג. אָבער פֿריער מוזן מיר נאָך אַנאַליזירן אַ געוויסן אַרט קאָמיזם, וואָס איז ענלעך, פֿון אַ סך זייטן, צום פֿאַרס: דעם קאָמיזם פֿון ווערטער.

II

דאָס אויסטיילן אין אַ ספּעציעלע קאַטעגאָריע דעם קאָמיזם פֿון ווערטער, איז אפשר אַביסל געקינסטלט, ווייל די מערסטע טייל קאָמישע עפֿעקטן, וועלכע מיר האָבן ביז איצט אויסגעפֿאָרשט, זענען אויך געקומען צום אויסדרוק דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון דער שפּראַך. מ׳דאַרף אָבער אונטערשיידן

פאַרוואַנדלען אין אַ פּאַראַדאָקס און אַלגעמיין-אָנערקענטן געדאַנק, אָדער פאַרוואַנדלדיק אַן אַלגעמיין-אָנגענומענעם אויסדרוק, פּאַראָדירנדיק אַ ציטאַט, אָדער אַ שפּריכוואָרט. פאַרגלייכט צווישן זיך דידאָזיקע קליינע סצענעס, וועט איר זען, אַז דאָס זענען כמעט תמיד וואַריאַציעס אויף אַ קאָמעדיע-טעמע, וועלכע איז אונז גוט באַקאַנט אונטערן נאָמען „באַגנבעטער גנב". מ'כאַפּט אויף עפּעס אַ מעטאַפאָרע, אַ פראַזע, אַ באַגריף און מ'ווענדט זיי קעגן דעמיעניקן, וועלכער זאָגט זיי אַרויס, אָדער וואָלט זיי געקענט אַרויסזאָגן; און ס'קומט אויס, ווי ער וואָלט געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט נישט געוואָלט, ווי ער וואָלט אַריינגעפאַלן אין נעץ פון זיינע אייגענע ווערטער. אָבער די טעמע פון „באַגנבעטן גנב" איז נישט די איינציק-מעגלעכע. פון אַלע מינים קאָמיזם, וועלכע מיר האָבן ביז איצט באַטראַכט אין אַ גרויסער צאָל, איז נישטאָ קיין איינער, וואָס זאָל נישט קענען צוגעשפּיצט ווערן צו די סימנים פון גייסטרייכקייט.

יעדער גייסטרייכער אויסדרוק לאָזט זיך אַזוי אַרום אַנאַליזירן לויט אַ אַפּטייק-רעצעפּט, אויב מ'קען זיך אַזוי אויסדריקן. אָט איז דער דאָזיקער רעצעפּט: נעמט דעם גייסטרייכן אויסדרוק, פאַרגליווערט אים קודם כל צו אַ קאָמעדיע-סצענע און זוכט גלייך אויס די געהעריקע קאָמישע קאַטעגאָריע, צו וועלכער די דאָזיקע סצענע וואָלט געקענט צוגעטיילט ווערן; אויף אַזאַ אופן וועט איר דעם גייסטרייכן אויסדרוק דע[illegible]ירן צו זיינע פּשוטסטע עלעמענטן און איר וועט באַקומען זיין פולע דערקלערונג.

לאָמיר אָנווענדן דעמדאָזיקן מעטאָד אויף אַ קלאַסישן ביישפּיל. „מיר טוט וויי דיין ברוסט", האָט פרוי דע סעוויניע געשריבן צו איר קראַנקער טאָכטער. דאָס איז אַ גייסטרייכער אויסדרוק. אויב אונזער טעאָריע איז ריכטיק, איז גענוג מיר זאָלן אים פאַרגרעסערן און פאַרגרעבערן, כדי ער זאָל זיך ענטוויקלען אין אַ קאָמישע סצענע. אָבער מיר געפינען אַקוראַט דיזעלבע קליינע סצענע, שוין אַ פאַרטיקע, אין מאָליערס „דעם דאָקטאָרס ליבע". דער פאַלשער דאָקטאָר קליטאַנדר,

וועלכן מ׳רופט, ער זאָל באַהאַנדלען סגאַנאַרעלס טאָכטער, באַגנוגנט זיך גאָר מיט טאַפּן סגאַנאַרעלס פּולס, און דער־נאָך דערקלערט ער אָן שום וואַקלעניש (שטיצנדיק זיך אויף דער סימפּאַטיע, וואָס מוז עקזיסטירן צווישן דעם פאָטער און דער טאָכטער): „אייער טאָכטער איז שטאַרק קראַנק!"

אָט דאָ ליגט דער איבערגאַנג פון גייסטרייכן צום קאָמישן. כּדי צו פאַרפולן אונזער אַנאַליז בלייבט אונז איבער צו טאָן בלויז איינס: אויספאָרשן, אין וואָס אייגנטלעך באַשטייט דער קאָמיזם פון געדאַנק, צו שטעלן אַ דיאַגנאָז וועגן אַ קינד נאָכן אויסהערן אַ פאָטער אָדער אַ מוטער. מיר ווייסן שוין, אַז איינע פון די וועזנטלעכסטע פאָרמען פון דער קאָמישער פאַנטאַזיע באַשטייט אין דעם, פאָרצושטעלן אונז אַ לעבעדיקן מענטשן ווי אַ מין באַוועגלעכע מאַריאָנעטקע, און כּדי אַרויסצורופן ביי אונז דעמדאָזיקן בילד ווייזט מען אונז צוויי אָדער עטלעכע פּערזאָן, וועלכע ריידן און האַנדלען אַזוי, ווי זיי וואָלטן פאַר־בונדן געווען איינע מיט די אַנדערע דורך אומגעזעענע פעדים. אָט דעמדאָזיקן בילד טאַקע רופט מען אַרויס אין אונזער פאָר־שטעלונגס־קראַפט, דורכדעם וואָס מען צווינגט אונז צו מאַטע־ריאַליזירן די אָנגענומענע סימפּאַטיע צווישן אַ טאָכטער און איר פאָטער.

איצט קען מען פאַרשטיין, פאַרוואָס די מחברים, וועלכע האָבן באַהאַנדלט די פראַגע וועגן גייסטרייכקייט, האָבן זיך געמוזט באַגרעניצן מיט די קאָנסטאַטירן אויסערגעוויינלעכע קאָמפּליצירט־קייט פון די דערשיינונגען, וואָס דערדאָזיקער טערמין נעמט אַרום, און האָבן קיינמאָל נישט באַוויזן אים צו דעפינירן. עס זענען דאָ אָן אַ שיעור אופנים אויף צו זיין גייסטרייך, כּמעט אַזוי־פיל, וויפל עס זענען דאָ — אויף דאָס נישט צו זיין. אָבער וויאַזוי זאָל מען קענען איינזען די געמיינזאַמע שטריכן, וועלכע זיי האָבן אַלע אויפצווייזן, ווען מען הויבט נישט אָן פון פעסטשטעלן די אַלגעמיינע שייכות צווישן דאָס גייסטרייכע און דעם קאָמישן? ערשט ווען דידאָזיקע שייכות ווערט אויפגעדעקט, ווערט אַלץ קלאָר. צווישן קאָמישן און גייסטרייכן ענטדעקט

מען דיזעלבע שייכות, וואָס צווישן אַ פּאַרטיקער סצענע פון אַ קאָמעדיע און אַ שאַטנדיקן רמז אויף אַ סצענע, וועלכע דאַרף נאָך באַאַרבעט ווערן. וויפל פאָרמען דער קאָמיזם קען אָננעמען, אַזויפיל אַנטשפּרעכנדיקע וואַריאַציעס האָט די גייסט-רייכקייט.

קודם-כל דאַרף מען דעפינירן דעם קאָמיזם אין זיינע פאַרשידענע פאָרמען, כדי אויסצוגעפינען (און דאָס איז שוין אַ גאַנץ שווערע זאַך) דעם פאָדים, וואָס פירט פון איין פאָרם צו דער צווייטער. אַ דאַנק דעם וועלן מיר קענען אַנאַליזירן די גייסטרייכקייט, וואָס וועט זיך דאַן אַרויסשטעלן אַלס נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַן אויסגעדאַמפּטער קאָמיזם. האַלט מען זיך אָבער אין פאַרקערטן מעטאָד, זוכט מען דירעקט די פאָרמולע פון גייסטרייכקייט, איז מען פאַרמשפּט אויף אַ זיכערן דורכפאַל. וואָס וואָלט מען זאָגן וועגן אַ כעמיקער, וואָס האָט אין זיין לאַבאָראַטאָריע איבערגענוג שטאָפן און וועלכער וואָלט דערקלערט, אַז ער קען זיי אויספאָרשן נישט אַנדערש, ווי אין צושטאַנד פון פּשוטע שפּורן אין דער אַטמאָספער?

דידאַזיקע פאַרגלייכונג פון דער גייסטרייכקייט מיטן קאָמיזם ווייזט אונז גלייכצייטיק אָן אויך דעם וועג, וועלכן מיר דאַרפן נעמען, כדי אויסצופאָרשן דעם קאָמיזם פון ווער-טער. פון איין זייט זעען מיר, אַז ס'איז נישטאָ קיין וועזנט-לעכער אונטערשייד צווישן אַ קאָמישן אויסדרוק און אַ גייסט-רייכן, און פון דער צווייטער זייט, רופט אַרויס אַ גייסטרייכער אויסדרוק די פאַרנעפּלטע, אָדער קלאָרע פאָרשטעלונג פון אַ קאָמישער סצענע, כאָטש ער איז געבונדן מיט אַ געוויסער שפּראַך-פאָרם. פון דעם איז געדרונגען, אַז דער שפּראַך-קאָמיזם מוז צענויפפאַלן, פּונקט נאָך פּונקט, מיטן קאָמיזם פון האַנד-לונגען און סיטואַציעס און אַז ער איז נישט עפּעס אַנדערש ווי טאַקע דערזעלבער קאָמיזם פון האַנדלונגען און סיטואַציעס, וואָס ווערט פּראָאיצירט אויפן געביט פון ווערטער. אויב אַזוי טאָ לאָמיר זיך אומקערן צום קאָמיזם פון האַנדלונגען און סיטואַציעס.

לאָמיר אויספאָרשן די עיקרדיקע פּראָצעסן, דורך וועלכע מ׳באַקומט אים; לאָמיר אָנווענדן דידאָזיקע פּראָצעסן ביים אויסוויילן ווערטער און בויען זאַצן; אויף אַזאַ אופן וועלן מיר באַקומען די פאַרשידנאַרטיקסטע פאָרמען פון ווערטער-קאָמיזם און די מעגלעכסטע וואַריאַציעס פון גייסטרייכקייט.

I, זאָגן עפּעס, אָדער טאָן, וואָס מ׳וויל נישט, אונטער דער ווירקונג פון אַ געוויסער פאַרשטייפטקייט, אָדער מעכאַניש-געוואָרענע באַוועגונגען, איז, ווי מיר ווייסן, איינער פון די הויפּט-מקורים פון קאָמיזם. דערפון נעמט זיך, וואָס צעטראָגנקייט איז דורך און דורך קאָמיש. מיט דעם דערקלערט זיך אויך דער געלעכטער איבער יעדער דערשיינונג, וואָס קען זיין אַ רעזולטאַט פון פאַרשטייפטקייט, פון אַלץ, וואָס איז וויט אַ מוסטער, מיט איין וואָרט, פון יעדער מעכאַנישקייט אין באַוועגונגען, אין פּאָזעס און אפילו אין געזיכט-שטריכן. צי לאָזט זיך באַמערקן דידאָזיקע אַרט פאַרשטייפטקייט אויך אין דער שפּראַך? אָן ספק, יאָ, ווייל זי פאַרמאָגט פאַרטיקע פאָרמולעס און סטערעאָטיפּע פראַזעס. אַ מענטש, וואָס וואָלט כסדר גערעדט אין דאָזיקן סטיל, וואָלט געווען אומאויפהערלעך קאָמיש. אָבער כדי אַן איזאָלירטע פראַזע זאָל זיין קאָמיש פאַר זיך אַליין, נאָכדעם ווי מ׳טיילט זי אָפּ פון דעם, וואָס זאָגט זי אַרויס, איז נישט גענוג זי זאָל זיין סטערעאָטיפּיש; עס פאָדערט זיך נאָך חוץ דעם זי זאָל טראָגן אויף זיך אַ סימן מובהק, לויט וועלכן מיר זאָלן אָן דעם קלענסטן ספק דערקענען, אַז זי איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אויטאָמאַטיש. און דאָס קען געשען נאָר אין דעם פאַל, ווען די פראַזע שליסט איין אין זיך אַ בולטן אבסורד: אַ גראָבן טעות, אָדער, מערסטנטיילס, אַ סתירה אין די וואָרט-באַצייכנונגען. דערפון קענען מיר אַרויספירן דעם אַלגעמיינעם כלל: מיר באַקומען אַ קאָמישן אויסדרוק, ווען מיר גיסן אָפּ אַ אבסורדן געדאַנק אין פורעם פון אַ אַלגעמיין-אָנגענומענער פראַזע.

„דער דאָזיקער שווערד איז דער שענסטער טאָג פון מיין

לעבן", זאָגט ה' פּרודהאָם*). ווען איר איבערזעצט דידאָזיקע פּראַזע פון פראַנצויזיש אין וועלכער שפּראַך איר ווילט, באַקומט זיך אַ פּשוטער אַבסורד, כאָטש אין פראַנצויזיש איז זי זייער קאָמיש. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס „דער שענסטער טאָג פון מיין לעבן" איז איינער פון יענע סטערעאָטיפּע פּראַזע-ענדונגען, צו וועלכע דער פראַנצויזישער אויער איז צוגעוווינט. כּדי די דאָזיקע פּראַזע זאָל ווערן קאָמיש, איז גענוג בולט צו מאַכן דעם אויטאָמאַטישן אופן, אויף וועלכן זי ווערט אַרויסגעזאָגט. און דאָס ווערט דערגרייכט דורכדעם, וואָס מ'לייגט אַריין אין איר אַן אַבסורד. נישט דער אַבסורד איז דאָ דער מקור פון קאָמיזם. ער איז נישט מער ווי זייער אַ פּשוט און ווירקזאַם מיטל, כּדי אים אויפצודעקן פאַר אונז.

מיר האָבן געבראַכט בלויז איין ביישפּיל פון ה' פּרודהאָם. אָבער דאָס רוב אויסדרוקן, וועלכע ווערן אים צוגעשריבן, זענען געמאַכט לויטן זעלבן מוסטער. ה' פּרודהאָם איז אַ מענטש, וואָס באַנוצט כּסדר סטערעאָטיפּע פראַזן. און אַזוי ווי סטערעאָטיפּע פראַזן פעלן נישט אין יעדער שפּראַך, דעריבער קען מען דעם ה' פּרודהאָם אַריבערטראָגן איבער אַלע גרענעצן, כאָטש בלויז זעלטן לאָזט ער זיך איבערזעצן.

אַמאָל איז נישט אַזוי לייכט צו דערקענען אַ באַנאַלע פראַזע, אונטער וועמענס מאַנטל דער אַבסורד שמוגלט זיך דורך. „כ'האָב נישט ליב צו אַרבעטן אין דער צייט צווישן מיינע מאָלצייטן", האָט געזאָגט אַ פוילער. דערדאָזיקער אויסדרוק וואָלט נישט געווען קאָמיש, ווען ער זאָל נישט דערמאָנען אין כּלל פון דער היגיענע: „מ'דאַרף נישט עסן אין דער צייט צווישן די מאָלצייטן".

אַנאַנדערש מאָל ווידער ווערט דער עפעקט קאָמפּליצירט.

*) דער פראַנצויזישער גייסטרייכער שרייבער אַנרי מאָנניע האָט אָנגעשריבן אַרום 1850 אַ בוך „מעמוארן פון זשאָזעף פּרודהאם", וווּ ער האָט אַרויסגעפירט אַ טיפּ פון אַ קליינבירגערלעכן זעלבסטצופרידענעם גאָרנישט. דער העלד פון דאָזיקן בוך, פּרודהאם, איז אין פראַנקרייך געוואָרן אַ שם נרדף פון יעדער נישטיק-זעלבסטצופרידענער באַנאַלער פּערזאָן. (איב.)

אָנשטאָט איין-איינציקן פֿורעם פֿון אַ באַנאַלער פּראָזע, האָבן מיר אַזעלכע צוויי אָדער דריי, וועלכע זענען איינגעשלאָסן איינע אין דער צווייטער. לאָמיר נעמען, צום ביישפּיל, דעם פֿאָלגנדיקן אויסדרוק פֿון לאַבישס אַ פּאַרשוין: „בלויז גאָט האָט רעכט צו טויטן זיינסגלייכן". מיר דאַכט זיך, אַז דאָ ווערן אויסגענוצט צוויי אויסדרוקן, וועלכע זענען אונז גוט באַקאַנט: „בלויז גאָט הערשט איבערן לעבן פֿון די מענטשן", און: „דער מענטש טאָר נישט טויטן זיינסגלייכן". אָבער דידאַזיקע צוויי אויסדרוקן זענען קאָמבינירט אויף אַזאַ אופֿן, זיי זאָלן נאַרן אונזער אויער און אַרויסרופֿן ביי אונז דעם איינדרוק פֿון איינע פֿון יענע פּראַזן, וועלכע מען חזרט איבער און מען נעמט אָן מעכאַניש. דערפֿון נעמט זיך די איינשלעפֿערונג פֿון אונזער אויפֿמערקזאַמקייט, וועלכע דער אַבסורד וועקט פּלוצלונג אויף.

דידאָזיקע ביישפּילן זענען גענוג, כּדי צו געבן צו פֿאַרשטיין, ווי אַזוי איינע פֿון די וויכטיקסטע פֿאָרמען פֿון קאָמיזם שפּיגלט זיך אָפּ און ווערט פֿאַראיינפֿאַכט אויפֿן געביט פֿון דער שפּראַך. איצט לאָמיר איבערגיין צו אַ ווייניקער אַלגעמיינע פֿאָרם.

II. — "מיר לאַכן יעדעס מאָל, ווען אונזער אויפֿמערקזאַמקייט ווערט צוגעצויגן אויף דער פֿיזישער זייט פֿון אַ פּערזאָן, בעת עס האַנדלט זיך וועגן איר גייסטיקער זייט". אָט דאָס איז אַ כּלל, וועלכן מיר האָבן אויפֿגעשטעלט אין דער ערשטער טייל פֿון אונזער אַרבעט. לאָמיר אים אָנווענדן אויף דער שפּראַך. מ'וואָלט געקענט זאָגן, אַז די גרעסטע טייל ווערטער האָבן סיי אַ פֿיזישע, סיי אַ גייסטיקע באַדייטונג; עס ווענדט זיך בלויז אין וועלכן זין מיר באַנוצן זיי: צי אין אייגנטלעכן, אָדער אין בילדלעכן. יעדעס וואָרט באַצייכנט פֿון אָנהויב אַ קאָנקרעטן געגנשטאַנד, אָדער אַ מאַטעריעלע האַנדלונג; ביסלעכווייז אָבער קען זיך די באַדייטונג פֿון וואָרט פֿאַרגייסטיקן ביז צו באַצייכענען אַן אַבסטראַקטע שייכות אָדער אַ ריינע אידעע. דערפֿון איז געדרונגען, אַז אויב אונזער אויבנגעבראַכטער כּלל איז דאָ גילטיק, דאַרף ער אָננעמען

פאָלגנדיקע פאָרם: אַ קאָמישער עפעקט באַקומט זיך דאַן, ווען מען מאַכט אַן אָנשטעל, אַז מ'האָט פאַרשטאַנען אַ אויסדרוק אין זיין אייגנטלעכן זין, בעת ער איז גאָר באַנוצט געוואָרן אין בילדלעכן. אָדער אַנדערש: ווינאָר אונזער אויפמערקזאַמקייט ווערט קאָנצענטרירט אויף דער גשמיותדיקייט פון אַ מעטאפאָר, ווערט דער אויסגעדריק־טער געדאַנק קאָמיש.

„אַלע קונסט-ארטן זענען שוועסטער": אין דערדאָזיקער פראַזע ווערט דאָס וואָרט „שוועסטער" באַנוצט אין בילדלעכן זין; עס דאַרף באַצייכענען אַ מער אָדער ווייניקער טיפע ענלעכקייט. דאָסדאָזיקע וואָרט ווערט אַזוי אָפט באַנוצט, אַז ווען מיר הערן עס, טראַכטן מיר שוין נישט מער וועגן דער קאָנקרעטער און גשמיותדיקער שייכות, וואָס קומט צום אויס-דרוק אין אַ רעאַלער קרובהשאַפט. אַביסל מער וועלן מיר טראַכטן וועגן דעם, ווען מ'וועט אונז זאָגן: „אַלע קונסט-ארטן זענען קוזינקעס", ווייל דאָס וואָרט „קוזינקעס" ווערט ווייניקער באַנוצט אין בילדלעכן זין; דעריבער וועט דאָ טאַקע דאָסדאָזיקע וואָרט באַקומען אַ לייכטן קאָמישן ניואַנס. אי־צט לאָמיר פירן דעם ביישפיל ביזן סוף און זיך פאָרשטעלן, אַז מ'ציט צו אונזער אויפמערקזאַמקייט איבערגעוואַלט אויף דער גשמיותדיקער זייט פון בילד דורכדעם, וואָס מ'באַנוצט אַ קרובהשאַפט-שייכות, וואָס שטייט אין סתירה צום מין פון די באַגריפן, וועלכע די-דאָזיקע קרובהשאַפט דאַרף פאַרייניקן: מיר וועלן אין דאָזיקן פאַל האָבן אַ קאָמישן עפעקט. און צו דעם מין געהער טאַקע דער באַקאַנטער אויסדרוק, וועלכער ווערט אויך צוגעשריבן דעם ה' פרודהאם: „אַלע קונסט-ארטן זענען ברידער".

„ער יאָגט זיך נאָך גייסטרייכקייט", האָט מען געזאָגט אין בופלערס*) אָנוועזנהייט וועגן אַ געוויסן פאַרשוין מיט

*) אַ פראַנצויזישער שרייבער. (איב.)

גרויסע פרעטענזיעס. ווען בופלער וואָלט געענטפערט: „ער וועט זי נישט דעריאָגן", וואָלט עס געווען דער אָנהויב פון א גייסטרייך וואָרט; אָבער דאָס וואָלט געווען נישט מער ווי אן אָנהויב, ווייל דאָס וואָרט „דעריאָגן" ווערט באַנוצט אין בילדלעכן זין נישט ווינציקער אָפט, ווי דאָס וואָרט „ער יאָגט זיך", און עס צווינגט אונז נישט צו פאַרגשמיותן דאָס בילד פון צוויי לויפער, וועלכע יאָגן זיך איינער נאָכן צווייטן. אויב מ'וויל, אז דער ענטפער זאָל באמת זיין גייסטרייך, מוז מען לייען פון ספּאָרט-ווערטער-בוך אזא קאָנקרעטן און לעבעדיקן אויסדרוק, אז ער זאָל אונז צווינגען דורך זיין סוגעסטיווער קראַפט זיך איבערצוטראָגן אויף די פערד-געיעגן. און דאָס האָט טאַקע געטאָן בופלער: „כ'שטעל אויף דער גייסטרייכקייט".

מיר האָבן אויבן געזאָגט, אז גייסטרייכקייט באַשטייט גאַנץ אָפט אין דעם, וואָס מ'פירט ווייטער דעם געדאַנק פון א מיטשמועסער ביז א פונקט, ווו ער דריקט שוין אויס ממש זיין אייגענעם קעגנזאַץ און פאַלט אריין, אזוי צו זאָגן, אין דער אייגענער נעץ פון זיינע רייד. לאָמיר איצט צוגעבן, אז די דאָזיקע נעץ איז גאַנץ אָפט נישט עפּעס אנדערש ווי א מעטאַפאָרע, אָדער א פאַרגלייך, וועלכע מ'קערט איבער אויף זייער גשמיותדיקער זייט. דערמאָנט זיך נאָר פאָלגנדיקן דיאַלאָג צווישן דער מוטער און איר זון אין דער קאָמעדיע: „די פאַלשע נעבעכלעך": „מיין ליבער פריינט, די בירזשע איז א סכנהדיקע שפּיל. וואָס מ'געווינט היינט, פאַרשפּילט מען מאָרגן". „אויסגעצייכנט, וועל איך שפּילן איינמאָל אין צוויי טעג". אין דערזעלבער קאָמעדיע קומט אויך פאָר פאָלגנדיקער מאָראַלישער שמועס צווישן צוויי פינאַנסיסטן: „איז דען אָרנטלעך פון אונזער זייט, וואָס מיר טוען דאָס? סוף כל סוף נעמען מיר דאָך ארויס ביי די אָרעמע אַקציאָנערן דאָס געלט פשוט פון דער קעשענע... — און פון וואַנעט, זייט מוחל, וואָלט איר געוואָלט מיר זאָלן עס ארויסנעמען?"

א קאָמישער עפעקט וועט זיך אויך באַקומען דאַן, ווען מיר וועלן פאַרשטאַרקן די מאַטעריעלע זייט פון א סימבאָל,

און צוגעבן דערדאָזיקער מאַטעריעלער פאַרגרעסערונג דעמזעלבן ס׳מבאָלישן ווערט, ווי פריער. אין איינעם אַ פריילעכן פאַרס פירט מען פאַר אונז אַרויס אַ באַאַמטן פון מאָנאַקאָ, וואָס זיין אוניפאָרם איז אינגאַנצן באַדעקט מיט מעדאַלן, כאָטש ער איז באַשאָנקען געוואָרן בלויז מיט איינעם: „דאָס איז דערפאַר, זאָגט ער, ווייל כ׳האָב געשטעלט מיין מעדאַל אויף אַ נומער פון דער רולעטקע, און אַזוי ווי דערדאָזיקער נומער האָט געוווּנען, האָב איך געהאַט דאָס רעכט אויף אַ 36-פאַכן געווינס״. דעמזעלבן געדאַנקגאַנג געפינען מיר אויך ביים העלד פון דעם פאַרס „אומפאַרשעמטע״ — זשיבואַיע. עס רעדט זיך וועגן אַ פערציק-יאָריקער כלה, וועלכע טראָגט מאַראַנצן-בלומען אויף איר החתונה-קלייד. „זי וואָלט שוין אַפילו געמעגט טראָגן מאַראַנצן״, זאָגט זשיבואַיע.

מיר וואָלטן אָבער קיינמאָל נישט געענדיקט, ווען מיר זאָלן נעמען איינעם נאָכן צווייטן די פאַרשידענע כללים, וועלכע מיר האָבן אויפגעשטעלט, און אויספאָרשן זייער גילטיקייט אויפן געביט פון דער שפראַך. ס׳וועט זיין אַ סך גלייכער זיך צו האַלטן ביי די דריי הויפט-באַגריפן פון אונזער לעצטן קאַפּיטל. מיר האָבן דאָרט אויפגעוויזן, אַז די „סעריעס געשעענישן״ קענען ווערן קאָמיש דורך איינס פון די דריי: דורך איבערחזרונג, דורך קאַפּויערדיקייט, אָדער צולעצט דורך *קעגנזייטיקער דורכקרייצונג*. לאָמיר באַטראַכטן צי ס׳קומט פאָר עפּעס ענלעכס אויך מיט די סעריעס ווערטער.

נעמען געוויסע סעריעס געשעענישן און זיי איבערחזרן אין אַ נייעם טאָן, אָדער אין אַ נייער סביבה, אָדער זיי איבערדרייען אויף אַזאַ אופן, זיי זאָלן נאָך האָבן אַ זין, אָדער זיי צעמישן אַזוי, אַז זייערע באַדייטונגען זאָלן דורכקרייצן איינע די צווייטע, — אָט דאָס אַלץ איז קאָמיש, האָבן מיר אויבן געזאָגט, ווייל דאָס באַדייט, אַז דאָס לעבן לאָזט זיך באַהאַנדלען אויף אַ מעכאַנישן אופן.

אָבער אויך דער געדאַנק איז אַ זאַך, וואָס לעבט. און די שפּראַך, וואָס איבערזעצט דעם געדאַנק, מוז אויך זיין אַזוי

לעבעדיק, ווי ער. דערפון קען מען שוין פארשטיין, אז א פראזע וועט ווערן קאמיש, אויב זי באקומט נאך א באדייטונג, ווען מיר דרייען זי אום, אדער אויב זי דריקט אויס צוויי סיסטעמען געדאנקען, וואס זענען לחלוטין אומאפהענגיק איינער פון צווייטן, אדער צולעצט, אויב מ׳באקומט זי דורכדעם, וואס מ׳פירט איבער איר געדאנק אויף אן אנדער טאן, וואס איז איר פרעמד. און דאס זענען טאקע די דריי פונדאמענטאלע געזעצן פון דעם, וואס קען אנגערופן ווערן: די קאמישע טראנספארמאציע פון זאצן, ווי מיר וועלן דאס באווייזן אויף א פאר ביישפילן.

קודם כל מוז איך באמערקן, אז די דאזיקע דריי געזעצן האבן ווייט נישט קיין גלייכע באדייטונג פאר דער טעאריע פון קאמיזם. די קאפויערדיקייט איז דער אמווייניקסטן אינטערע-סאנטער פראצעס. ער מוז אבער האבן די מעלה, וואס ער לאזט זיך לייכט אנווענדן; כ׳האב באמערקט, אז ווי נאר די פראפעסיאנאלן פון גייסטרייכקייט הערן עפעס א פראזע, פרובירן זיי, צי באקומט זי נישט אמאל א פארקערטן זין, ווען מ׳דרייט זי איבער; למשל, דורך שטעלן דעם זאכווארט אויפן ארט פון זאגווארט, און פארקערט.

מיטן דאזיקן מיטל באנוצט מען זיך גאנץ אפט, ווען מ׳וויל צעשלאגן עמיצנס א געדאנק אויף א שפאטישן אופן. אין איינער פון לאבישס קאמעדיעס, למשל, שרייט איינער פון די פערזאנען צום שכן פון אויבן, וועלכער מאכט שמוציק זיין באלקאן: „פארוואס ווארפט איר אייער פאפיראסן-אש אויף מיין באלקאן?” אויף דעם רופט זיך אפ דעם שכנס קול: „פארוואס שטעלט איר אונטער אייער באלקאן אונטער מיין פאפיראסן-אש?” ס׳איז אבער נוצלאז זיך לענגער אפצושטעלן אויפן דאזיקן ארט שארפזין. שוין צו לייכט לאזן זיך דא פארמערן די ביישפילן.

די קעגנזייטיקע דורכקרייצונג פון צוויי געדאנקען-סיסטעמען אין איין-און-דערזעלבער פראזע שטעלט פאר מיט זיך אן אומאויסשעפלעכן קוואל פון קאמישע עפעקטן.

עס זענען דאָ אַ סך מיטלען, ווי אַזוי אַרויסצורופן דידאַקטישע דורכקרייצונג, ד. ה. צוצוגעבן דערזעלבער פראַזע צוויי אומ־אָפּהענגיקע באַדייטונגען. דער איינפאַכסטער פון דידאַקטישע מיטלען, איז דער קאַלאַמבור. אויסערלעך דאַכט זיך, אַז אין קאַלאַמבור האָט איין־און־דיזעלבע פראַזע צוויי אומאָפּהענגיקע באַדייטונגען, אָבער דאָס דאַכט זיך טאַקע נאָר: אינדערעמתן זענען דאָרט דאָ צוויי פאַרשידענע פראַזעס, צענויפגעשטעלט פון פאַרשידענע ווערטער, וועלכע מ׳פאַרשמעלצט כלומרשט צוזאַמען, אויסנוצנדיק דעם פאַקט, וואָס זיי קלינגען ענלעך פאַרן אויער.

פון קאַלאַמבור גייט מען איבער דורך אומבאַמערקבאַרע גראַדאַציעס צום אמתן ווערטער־שפּיל. ערשט דאָ זענען ביידע געדאַנקען־סיסטעמען אויף אַן אמת איינגעשלאָסן אין איין־און דערזעלבער פראַזע און מ׳האָט צו טאָן מיט איינע־און־דיזעלבע ווערטער; מ׳נוצט דאָ בלויז אויס די פאַרשידענע באַדייטונגען, וועלכע אַ וואָרט קען אָננעמען אויף זיין איבערגאַנגס־וועג פון זיין אייגנטלעכן זין צום בילדלעכן. דעריבער איז אָפטמאָל שווער צו אונטערשיידן צווישן אַ ווערטער־שפּיל און אַ פּאָעטישער מעטאַפאָרע, אָדער אַ דידאַקטישן פאַרגלייך. אָבער בעת דער באַלערנדיקער פאַרגלייך און דער איבערראַשנדיקער פּאָעטישער בילד מאַניפעסטירן, דאַכט זיך אונז, די אינטימע פאַרבונדנקייט פון שפּראַך און נאַטור, — באַטראַכט אַלס צוויי פּאַראַלעלע פאָרמען פון לעבן, — רופט דאַקעגן דער ווערטער־שפּיל אַרויס ביי אונז דעם געדאַנק וועגן אַ געוויסער נאַכלעסיקייט פון דער שפּראַך, וועלכע האָט פאַרגעסן אויף אַ מאָמענט איר ריכטיקע באַשטימונג און וואָלט איצט חשק געהאַט, דאָס לעבן זאָל זיך צופּאַסן צו איר, אַנשטאָט זי — צו אים. אַזוי אַרום פאַרראַט תּמיד דער ווערטער־שפּיל אַ צייטווייליקע צעטראָגנקייט פון דער שפּראַך און נאָר אַ דאַנק דעם דערגרייכט זי דעם קאָמישן עפעקט.

קאַפּויערדיקייט און קעגנזייטיקע דורכקרייצונג זענען, אין אַלגעמיין גענומען, נישט עפּעס

אנדערשס, ווי שפּילערייען פון שאַרפזין, וועלכע פירן צו ווערטער-שפּילערייען, אַ סך טיפער איז דער קאָמיזם פון טראַנספּאָזיציע, ד. ה. פון טאָן-ענדערונג. די טראַנספּאָזיציע באַדייט פאַר דער פּליסנדיקער שפּראַך דאָס, וואָס די איבערחזרונג — פאַר דער קאָמעדיע.

מיר האָבן אויבן געזאָגט, אַז די איבערחזרונג איז דער באַליבטסטער אַרבעטס-מעטאָד פון דער קלאַסישער קאָמעדיע. איר ווערן באַשטייט אין דעם, וואָס זי גרופּירט די געשעעענישן אויף אַזאַ אופן, אַז אַ געוויסע סצענע חזרט זיך איבער, אַמאָל צווישן דיזעלבע פּערזאָנען אין נייע באַדינגונגען, אַמאָל צווישן נייע פּערזאָנען אין דיזעלבע סיטואַציעס. אזוי, למשל, חזרן איבער די דינער אין אַ ביסל אַ גראָבערע שפּראַך אַ סצענע, וועלכע די באַלעבאַטים האָבן שוין אָפּגעשפּילט.

ווען געדאַנקען ווערן אויסגעדריקט אין אַ סטיל, וואָס איז געווען צוגעפּאַסט פאַר זייער אינהאַלט, געפינען זיי זיך דאָן, אויב מ׳קען זיך אַזוי אויסדריקן, אין זייער נאַטירלעכער סביבה. אויב איר וועט זיך איצט פאָרשטעלן אַ מעכאַניזם, וואָס דערלויבט זיי זיך אַריבערצוטראָגן אין אַ נייער סביבה, נישט פאַרלירנדיק דערביי די שייכותן, וואָס עקזיסטירן צווישן זיי, אָדער מיט אַנדערע ווערטער: אויב זיי וועלן ווערן אויסגעדריקט אין אַ גאַנץ אַנדער סטיל און זיי וועלן אַריינפאַלן אין אַ גאַנץ אַנדער טאָן, וועט דאָן די קאָמעדיע זיך אָפּשפּילן אין די ראַמען פון דער שפּראַך, זי גופא וועט זיין קאָמיש. און ס׳איז גאָרנישט נויטיק איבערצוחזרן פאַר אונז די ביידע אויסדריקן פון זעלבן געדאַנק, דעם איבערגעטראָגענעם אויסדרוק און דעם נאַטירלעכן. דער נאַטירלעכער אויסדרוק איז אונז גוט באַקאַנט, און מיר געפינען אים אויס אינסטינקטיוו, במילא קאָנצענטרירט די קאָמישע פאַנטאַזיע איר אָנשטרענגונג בלויז אויפן איבערגעטראָגענעם אויסדרוק. ווי נאָר מיר דערהערן דעם איבערגעטראָגענעם אויסדרוק פון וואָרט, גיבן מיר אים פון זיך אַליין צו זיין נאַטירלעכן אויסדרוק. דערפון פליסט אַרויס פאָלגנדיקער אַלגעמיינער כלל: מיר באַקומען אַ קאָמישן

עפעקט דורך אריבערפירן דעם נאטירלעכן אויסדרוק פון א געדאנק אויף א אנדער טאָן.

די מיטלען פון טראנספאזיציע זענען אזוי צאָלרייך און פארשידנארטיק, די שפראך פארמאָגט אזא רייכע טענער-סקאלא, דער קאָמיזם קען דאָ דורכמאכן אזויפיל שטופעס, אָנהויבנדיק פון דער פלאכסטער ליצנות ביז די העכסטע פאָרמען פון הומאָר און איראָניע, אז מיר רעזיגנירן פון אויפשטעלן זייער פול־שטענדיקע רשימה. מיר וועלן זיך באנוגענען דערמיט, וואָס מיר וועלן דאָ און דאָרט קאָנטראָלירן די וויכטיקסטע אָנווענ־דונגען פון אויבן־אויפגעשטעלטן כּלל.

קודם כּל לאָזן זיך אונטערשיידן צוויי עקסטרעמע טענער: דער פייערלעכער און דער באנאלער. מיר וועלן באקומען די גראָבסטע קאָמישע עפעקטן דורכן פּשוטן איבערגיין פון איין טאָן אין צווייטן. דערפון שניידן זיך אויס צוויי קעגנזעצלעכע ריכטונגען פון דער קאָמישער פאנטאזיע.

ווען מ׳גייט איבער פון א פייערלעכן טאָן אין א באנאלן, באקומט זיך די פּאראדיע. און דער פּאראדיע־עפעקט, — אין זיין דאָזיקער דעפיניציע, — איז גילטיק אפילו אין יענע פאלן, ווו דער געדאנק ווערט אויסגעדריקט אין באנאלע ווערטער, כאָטש ער געהערט צו די, וואָס וואָלטן שוין צוליב דער גע־וווינהייט אליין געדארפט ווערן אויסגעדריקט אין א גאנץ אנדער טאָן. אלס ביישפּיל קען דינען פאָלגנדיקע באשרייבונג פון זון־אויפגאנג, וועלכע זשאן־פּויל ריכטער ציטירט: „דער הימל האָט גענומען איבערגיין פון שווארץ אין רויט, ענלעך אויף א געקאָכטן ראק". ווען מיר באצייכענען זאכן פון אלטער־טום מיט אויסדרוקן פון מאָדערנעם לעבן, באקומען מיר אויך דעמזעלבן עפעקט, צוליבן פּאָעטישן ארעאל, וואָס נעמט ארום דאָס קלאסישע אלטערטום.

דער קאָמיזם פון דער פּאראדיע האָט ארויפגעפירט גע־וויסע פילאָזאָפן, און באזונדערס אלעקסאנדר בענען, אויפן געדאנק, צו דעפינירן דעם קאָמיזם בכלל אלס א דעגראדאציע.

דער קאָמיזם ווערט געבוירן דאַן, „ווען מ׳שטעלט אונז פֿאַר אַ זאַך, וואָס איז פֿריער רעספּעקטירט געוואָרן, אַלס נישטיק און נידעריק". אויב אָבער אונזער אַנאַליז איז אַ ריכטיקער, איז די דעגראַדאַציע נישט מער ווי איינע פֿון די פֿאָרמען פֿון דער טראַנספּאָזיציע, און די טראַנספּאָזיציע אַליין איז נישט מער ווי איינע פֿון די מיטלען אַרויסצורופֿן געלעכטער. אָבער אַזעלכע מיטלען זענען נאָך דאָ זייער אַ סך און דעריבער מוז מען זוכן דעם מקור פֿון געלעכטער אַ סך העכער. אגב, דאַרף מען ווייט נישט זוכן; ס׳איז לייכט איינצוזען, אַז אויב ס׳איז קאָמיש דער איבערגאַנג פֿון פֿייערלעכן טאָן צום טריוויאַלן, פֿון דאָס בעסערע צום ערגערן, איז דער פֿאַרקערטער איבערגאַנג נאָך אפשר אַ סך קאָמישער.

מ׳געפֿינט אים נישט ווייניקער אָפֿט, ווי דעם ערשטן. און מיר דאַכט זיך, אַז עס לאָזן זיך אין אים אונטערשיידן צוויי הויפּט-פֿאָרמען, לויט דעם, צי דער איבערגאַנג האָט אַ שייכות צו דער ג ר ו י ס ק י י ט פֿון די זאַכן, אָדער צו זייער װ ע ר ט.

ריידן וועגן קליינע זאַכן ריכטיק ווי זיי וואָלטן זיין גרויס, הייסט א י ב ע ר ט ר י י ב ן. די איבערטרייבונג איז קאָמיש, ווען זי דויערט לאַנג, און באַזונדערס, ווען זי איז סיסטעמאַטיש: דעמאָלט ווייזט זי זיך אויף אַן אמת אויס ווי אַ פּראָצעס פֿון טראַנספּאָזיציע. זי רופֿט אַרויס אַזאַ שטאַרקן געלעכטער, אַז געוויסע מחברים האָבן געפֿונען פֿאַר מעגלעך צו דעפֿינירן דעם קאָמיזם אַלס איבערטרייבונג, פּונקט ווי אַנדערע האָבן אים דעפֿינירט אַלס דעגראַדאַציע. אין דער אמתן אָבער זענען סיי די איבערטרייבונג, סיי די דעגראַדאַציע נישט מער ווי געוויסע פֿאָרמען פֿון אַ געוויסן מין קאָמיזם.

אָבער די איבערטרייבונג איז, וואָס אַן אמת, איינע פֿון אירע בולטסטע פֿאָרמען; זי איז די מוטער פֿון דער העראיש-קאָמישער פּאָעמע, אַ מין, וואָס איז שוין, אמת, אַביסל אָפּגענוצט, אָבער זיינע רעשטלעך געפֿינען מיר נאָך ביי די אַלע, וועלכע האָבן אַ נייגונג צו מעטאָדישער איבערטרייבונג. מ׳קען

זאָגן, אַז די זעלבסטרימעריי רופט ביי אונז תמיד אַרויס געלעכטער דורך איר הערויש-קאָמישער זייט.

אַ סך גענקינסטלטער, אָבער אויך אַ סך ראַפינירטער איז די טראַנספּאָזיציע פון אונטן אויף אויבן, וואָס האָט אַ שייכות צו דעם ווערט פון זאַכן, און נישט צו זייער גרויס. אויסדריקן ריין אַן אומריינעם געדאַנק, נעמען אַ קיצלדיקע סיטואַציע, אַ נידעריקע באַשעפטיקונג, אָדער אַ שלעכטע אויפפירונג און זיי באַשרייבן אין אויסדריקן פון שטרענגער respectability (אַכטונג), — דאָס אַלץ איז אין אַלגעמיין קאָמיש. כ'האָב בכיון באַנוצט אַן ענגליש וואָרט, ווייל דער ענין אַליין איז אינדעראמתן אַ ריין ענגלישער. מיר געפינען אָן אַ שיר אַזעלכע ביישפילן ביי דיקענסן, טעקערייען, בכלל אין דער גאַנצער ענגלישער ליטעראַטור. אגב אורחא לאָמיר באַמערקן, אַז די אינטענסיוקייט פון עפעקט הענגט אין דאָזיקן פאַל נישט אָפּ פון זיין לענג. אַמאָל גענוגט איין-איינציק וואָרט, אַבי דאָסדאָזיקע וואָרט זאָל אָפּדעקן פאַר אונז די גאַנצע סיסטעם פון טראַנספּאָזיציעס, וועלכע זענען אָנגענומען אין אַ באַשטימטער סביבה, און עס זאָל אַנטפּלעקן פאַר אונז, אין אַ געוויסער מאָס, די מאָראַלישע אָרגאַניזאַציע פון אוממאָראַלישקייט. דערמאָנט זיך נאָר די פאָלגנדיקע באַמערקונג פון אַ הויכן באַאַמטן צו איינעם פון זיינע אונטערגעוואָרפענע, אין גאָגאָלס „רעוויזאָר": „דו גנבעסט צו פיל פאַר אַ באַאַמטן פון דיין ראַנג".

כדי צו רעזיומירן דאָס אויבנגעזאָגטע, וועלן מיר באַמערקן, אַז ס'עקסיסטירן צוויי אַרטן עקסטרעמע קעגנאיבערשטעלונגען: דאָס גרעסטע און דאָס קלענסטע, דאָס בעסטע און דאָס ערגסטע, צווישן וועלכע די טראַנספּאָזיציע קען זיך רעאַליזירן אין איינער, אָדער אין דער צווייטער ריכטונג. איצט, ווען מיר פאַרקלענערן ביסלעכווייז דעם שטח צווישן דידאָזיקע עקסטרעמען, וועלן מיר באַקומען זאַצן מיט אַלץ ווייניקער ברוטאַלע קאָנטראַסטן און במילא אויך מיט אַלץ מער סובטעלע עפעקטן פון קאָמישער טראַנספּאָזיציע.

עס קען זיין, אַז די אַלגעמיינסטע פון דידאָזיקע

קעגנאיבערשטעלונגען איז דייעניקע צווישן דעם רעאַלן און דעם אידעאַלן, פון דעם, וואָס איז דאָ, מיט דעם, וואָס דאַרף זיין. אויך דאָ קען זיך די טראַנספּאָזיציע מאַניפעסטירן אין די ביידע פאַרקערטע ריכטונגען. אַמאָל דריקן מיר אויס דאָס, וואָס דאַרף זיין, מאַכנדיק דאַביי אַן אָנשטעל, ווי מיר וואָלטן געגלויבט, אַז דאָס איז שוין דאָ: אין דעם באַשטייט *די איראָניע*. פאַרקערט ווידער, אַן אַנדערש מאָל באַשרייבן מיר גענוי, מיט אַלע פּרטים דאָס, וואָס איז דאָ, מאַכנדיק דאַביי אַן אָנשטעל, ווי מיר וואָלטן געגלויבט, אַז אָט אַזוי דאַרפן ערשט די זאַכן ווערן: אַזוי באַנעמט זיך תמיד *דער הומאָר*. לויט דערדאָזיקער דעפיניציע איז דער הומאָר די קער-זייט פון איראָניע. זיי זענען ביידע פאָרמען פון דער סאַטירע, אָבער די איראָניע איז מער רעטאָריש, בעת דער הומאָר האָט אין זיך עפעס וויסנשאַפטלעכעס.

מיר באַנוצן זיך מיט דער איראָניע, ווען מיר הויבן זיך אויף אַלץ העכער און העכער דורך דער אידעע פון גוטס, וועלכעס וואָלט געדאַרפט הערשן אין לעבן; דעריבער קען זיך די איראָניע אינערלעך צעוואַרעמען אין אַזאַ גראַד, ביז זי זאָל ווערן שיינרעדעריש. פאַרקערט ווידער באַנוצן מיר זיך מיטן הומאָר, ווען מיר נידערן אַראָפּ אַלץ טיפער און טיפער אין קעניגרייך פון עקסיסטירנדיקן שלעכטס, כדי צו פאַרצייכענען זיינע אייגנאַרטיקייטן מיט דער קאַלטסטער גלייכגילטיקייט. געוויסע מחברים, צווישן זיי אויך זשאַן פאָל, האָבן באַמערקט, אַז דער הומאָר האָט ליב צו באַנוצן קאָנקרעטע אויסדרוקן, טעכנישע פּרטים, זיכערע פאַקטן. אויב אונזער אַנאַליז איז ריכטיק, איז דאָס נישט קיין צופעליקער שטריך פון הומאָר, נאָר זיין עיקר וועזן. דער הומאָריסט טרעט דאָ אַרויס אַלס מאָראַליסט, וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר אַ געלערנטן, ווי אַ מין אַנאַטאָם, וואָס פלעגט מיטן איינציקן ציל, כדי אַרויסצורופן ביי אונז אַן עקל; און דער הומאָר, — אין ענגן זין, וועלכן מיר גיבן צו דעמדאָזיקן וואָרט, — איז אַ טראַנספּאָזיציע פון מאָראַלישן געביט אין וויסנשאַפטלעכן.

ווען מיר פאַרקלענערן נאָכמער די אינטערוואַלן פון די אויסדרוקן, וועלכע מ'טראַנספּאָזירט איינע אין די אַנדערע, באַקומען מיר אַלץ מער און מער ספּעציפישע ס'סטעמען פון קאָמישע טראַנספּאָזיציעס. אַזוי, למשל, פאַרמאָגן געוויסע פּראָפעסיעס אייגענע טעכנישע לעקסיקאָנען; און וויפל קאָמישע עפעקטן זענען דערגרייכט געוואָרן דורך איבערטראָגן אין דער־דאָזיקער פּראָפעסיאָנעלער שפּראַך די געדאַנקען פון טאָג־טעג־לעכן לעבן! נישט ווינציקער קאָמיש איז די אויסשפּרייטונג פון געשעפטס־לשון אויף געזעלשאַפט־באַציאונגען; נעמט, למשל, פאָלגנדיקע פראַזע פון לאַבישס אַ העלד, וואָס רעדט וועגן אַ איינלאַדונגס־בריוו, וועלכן ער האָט באַקומען: „אייער פריינט־לעכן בריוו פון 3־טן פון פאַרגאַנגענעם חודש"; זי האָט איבער־גענומען די סוחרישע פאָרמולע: „אייער חשובן בריוו פון 3־טן פון לויפנדיקן חודש". דערדאָזיקער אַרט קאָמיזם קען, אגב, דערגרייכן אַן אויסערגעוויינלעכע טיפקייט, ווען ער דעקט אָפּ נישט בלויז אַ פּראָפעסיאָנעלע געוווינהייט, נאָר אַ כאַראַקטער־פעלער. דערמאָנט זיך נאָר די סצענעס פון די „פאַלשע נעבעכ־לעך" און פון „די פאַמיליע בענואַטאָן", ווו די חתונה ווערט באַהאַנדלט ווי אַן איינפאַך געשעפט און ווו פראַגן פון געפיל ווערן געשטעלט אין ריין קאָמערציעלע אויסדרוקן.

אָבער דאָ זענען מיר שוין דערגאַנגען צום פּונקט, ווו די אייגנאַרטיקייטן פון דער שפּראַך זענען נישט מער ווי אי־בערזעצונגען פון געוויסע כאַראַקטער־אייגנאַרטיקייטן, וועלכע מיר וועלן טיפער אויספאָרשן אין אונזער דריטן קאַפּיטל. פון דאָס אויבנגעזאָגטע איז צו זען, — און מיר האָבן דאָס אייגנט־לעך געקענט פאָרויסזען,—אַז דער קאָמיזם פון ווערטער דער־ווייטערט זיך נישט שטאַרק פון סיטואַציע־קאָמיזם און צוזאַמען מיטן דאָזיקן לעצטן גיסט ער זיך אַריין אין קאָמיזם פון כאַראַקטער.

די שפּראַך דערגרייכט קאָמישע עפעקטן נאָר דערפאַר, ווייל זי איז אַ מענטשלעכע שאַפונג, וואָס איז געפאָרמט ווי נאָר מעגלעך גענוי לויטן פורעם פון מענטשלעכן גייסט. מיר

שפירן אין איר עפּעס אַזוינס, וואָס לעבט מיט אונזער לעבן; און ווען דאָסדאָזיקע לעבן פון דער שפּראַך וואָלט געווען פול־קאָמען און פול, ווען זי זאָל נישט האָבן אין זיך קיין שום פּאַרגליווערטס, און צולעצט, ווען די שפּראַך זאָל זיין אַ דורך און דורך פּאַראיינהייטלעכטער אָרגאַניזם, וואָס איז נישט פעיק צו צעפאַלן אין פאַרשידענע, זעלבשטענדיקע אָרגאַניזמען, — וואָלט זי אויסגעמיטן די ווירקונג פון קאָמיזם, אַזוי ווי עס מיידט אים אויס אַ הארמאניש־פּאַראיינהייטלעכטע נשמה, וואָס איז ענלעך אויף אַ רויקער יעזשערע.

נישטאָ אָבער אַזאַ יעזשערע, וואָס אויף איר אויבערפלאַך זאָלן נישט אַרומשווימען קיין טויטע בלעטער; נישטאָ אויך אַזאַ מענטשלעכע נשמה, אויף וועלכער עס זאָלן זיך נישט אָפּלייגן קיין שיכטן פון געוויסע געוואוינהייטן, וואָס פאַרשטייפן זי לגבי זיך אַליין נישט ווינציקער ווי לגבי אַנדערע; און צולעצט, נישטאָ אַזאַ שפּראַך, וואָס זאָל זיין גענוג עלאַסטיש, גענוג לעבעדיק, גענוג וואַכזאַם־אויפמערקזאַם צו יעדער איינער פון זיינע טיילן, כּדי אויסצומיידן יעדע אַרט ס ט ע ר ע אָ־ ט י פּ י ש ק י י ט און כּדי צו קענען שטעלן אַ ווידערשטאַנד די מעכאַנישע פונקציעס פון קאַפּויערדיקייט, פון טראַנס־פּאָזיציע, און אַז. וו., וועלכע מ׳וויל אויספירן אויף איר, ווי אויף אַ פּשוטער זאַך.

פאַרשטייפטקייט, סטערעאָטיפּישקייט, מעכאַנישקייט אַלס קעגנזאַץ צו עלאַסטישקייט, אייביקער ענדערונג און לעבעדיקייט; צעטראָגנקייט אַלס קעגנזאַץ צו אויפמערקזאַמקייט; און צולעצט, אויטאָמאַטישקייט אַלס קעגנזאַץ צו פרייער האַנדלונג, אָט דאָס אַלץ שטרייכט דער געלעכטער אונטער און וויל קאָריגירן.

דערדאָזיקער געדאַנק האָט אונז באַלויכטן דעם וועג, ווען מיר זענען צוגעטראָטן צו אַנאַליזירן דעם קאָמיזם; ער האָט געוואָרפן זיין העלע שיין אויף יעדן דעצידירנדיקן פּרשת־דרכים פון אונזער וועג; און מיט זיין הילף טרעטן מיר איצט צו צו אַ מער וויכטיקער און, לאָמיר האָפן, מער באַלערנ־דיקער אונטערזוכונג.

מיר טרעטן איצט צו אויסצופאָרשן די קאָמישע כאַראַק־
טערן, אָדער ריכטיקער, צו באַצייכענען די וועזנטלעכע באַ־
דינגונגען פאַר אַ כאַראַקטערן־קאָמעדיע; דאַביי וועלן מיר זיך
אויך באַמיען, אַז דידאָזיקע אויספאָרשונג זאָל אונז העלפן צו
פאַרשטיין די אמתע נאַטור פון קונסט, ווי אויך איר אַלגעמיינע
שייכות צום לעבן.

דאָס דריטע קאַפּיטל

דער קאָמיזם פון כאַראַקטער

I

ביז איצט זענען מיר נאָכגעגאַנגען דעם קאָמיזם טריט בײַ טריט אויף אַ סך פון זײַנע וועגן און אומוועגן, און געפּאָרשט, ווי אַזוי ער קומט צום אויסדרוק אין אַ פאָרם, אין אַ פּאָזע, אַ זשעסט, אַ סיטואַציע, אַ האַנדלונג, אַ וואָרט. איצט טרעטן מיר צו צו דער וויכטיקסטער טייל פון אונזער אויפגאַבע: צום אַנאַליז פון די קאָמישע כאַראַקטערן. און זי וואָלט אויך געווען די שווערסטע טייל פון אונזער אַרבעט, ווען מיר זאָלן נישט קענען בײַשטיין דעם נסיון צו דעפינירן דעמדאָזיקן מין קאָמיזם לויט עטלעכע שלאָגנדיקע, און במילא גראָבע בײַשפּילן; ווײַל אין דאָזיקן פאַל וואָלטן מיר זיך אַרומגעזען, אַז וואָס מער מיר דערהויבן זיך צו העכערע קאָמישע דערשײַנונגען, אַלץ אָפטער גליטשן זיך די פאַקטן אַרויס דורך די צו גרויסע אויגן פון דער דעפיניציע, וועלכע וויל זיי אײַנהאַלטן. מיר האָבן זיך אָבער באַנוצט מיטן פאַרקערטן מעטאָד: מיר האָבן אָנגעשטעלט אונזער רעפלעקטאָר פון אויבן אויף אַונטן.

איבערצײַגט אין דעם, אַז דער געלעכטער האָט אַ סאָציאַלע באַדײַטונג און השפּעה; אַז דער קאָמיזם דריקט אויס אין דער ערשטער ליניע אַ געוויסע ספּעציפישע נישט-צוגעפּאַסטקייט פון

אַ מענטשן צו דער געזעלשאַפט; און צולעצט, אַז נישטאָ קיין קאָמיזם מחוץ דעם מענטשן, — האָבן מיר געהאַט אין אויג קודם כּל דעם מענטשן און זיין כאַראַקטער. די שוועריקייט איז בלויז באַשטאַנען אין דעם, ווי אַזוי צו דערקלערן דעם פאַקט, וואָס מיר לאַכן פון אַנדערע זאַכן אויך און נישט נאָר פון אַ כאַראַקטער, און ווי אַזוי אויסצוגעפינען יענע סובטעלע פענאָמענען פון דורכדרינגונג, קאָמבינאַציע אָדער צענויפגיסונג, מיט דער הילף פון וועלכע דער קאָמיזם קען זיך פאַרקערפּערן אין אַ איינפאַכער באַוועגונג, אין אַ אומפּערזענלעכער סיטואַציע, אין אַ זעלבשטענדיקער פראַזע. און מיט דערדאָזיקער אַרבעט האָבן מיר זיך טאַקע פאַרנומען ביז איצט. מיר האָבן גענומען ריינעם מעטאַל און אונזערע אַלע אָנשטרענגונגען האָבן געהאַט איין ציל: צוריקצופירן אים צו זיין קאָמפּליצירטן מינעראַל־צושטאַנד. אָבער איצט טרעטן מיר צו אויסצופאָרשן דעם מעטאַל גופא. דאָס וועט אונז אָנקומען זייער לייכט, ווייל מיר וועלן דאָ האָבן צו טאָן מיט אַ איינפאַכן עלעמענט. לאָמיר אים באַטראַכטן פון גאָר נאָענט און זען, ווי אַזוי ער ווירקט אויף אַלע אַנדערע עלעמענטן פון קאָמיזם.

מיר האָבן אויבן געזאָגט, אַז עס זענען דאָ נשמה־צושטאַנדן, מיט וועלכע מ׳ווערט דורכגענומען, ווי נאָר מ׳דערקענט זיי; פרײדן און טרויער, צו וועלכע מ׳שפּירט סימפּאַטיע; ליידנשאַפטן און שלעכטע מידות, וועלכע רופן אַרויס אַ ווייטאָקדיקע פאַרוווּנדערונג, שרעק אָדער רחמנות ביי די, וועלכע קוקן זיך צו זיי צו; און צולעצט, געפילן, וואָס פאַרשפּרייטן זיך פון נשמה צו נשמה דורך געפיל־רעזאָנאַנסן. דאָס אַלץ מאַכט אויס דאָס וועזנטלעכע פון לעבן; איז ערנסט, אָפטמאָל אַפילו טראַגיש. בלויז דאָרט, ווו די צווייטע פּערזענלעכקייט הערט אויף צו באַרירן אונזערע געפילן, קען זיך אָנהויבן די קאָמעדיע. און זי הויבט זיך אָן דערמיט׳ וואָס קען אָנגערופן ווערן: די פאַרשטייפונג לגבי דעם סאָציאַלן לעבן.

קאָמיש איז אַ פּערזאָן, וואָס גייט זיך אויטאָמאַטיש איר וועג, נישט טראַכטנדיק לגמרי וועגן אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט

אַנדערע מענטשן. דער געלעכטער האָט אין דאָזיקן פאַל די אויפגאַבע צו קאָריגירן זיין צעשטרייטקייט און אַרויסצורייסן אים פון זיין חלום. אויב ס'איז דערלויבט צו פאַרגלייכן גרויסע זאַכן מיט קליינע, וועל איך דאָ דערמאָנען די געשעעניש ביים אַריינטריט אין אונזערע שולעס.

ווען דער שילער האָט שוין דורכגעמאַכט די שרעקלעכע פּרוּוונגען פון די עקזאַמינעס, טרעפט ער זיך פּנים אל פּנים מיט אַנדערע פּרוּוונגען, וועלכע עס גרייטן צו פאַר אים זיינע עלטערע קלאַס-חברים, כדי אים אויסצופאָרמען פאַר דער נייער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער קומט אַריין, און ווייכער צו מאַכן זיין כאַראַקטער, — ווי זיי דריקן זיך אויס.

יעדע קליינע געזעלשאַפט, וועלכע בילדעט זיך אויס אין שויס פון דער גרויסער, ווערט געשטויסן דורך אַ טונקעלן אינסטינקט צוצוטראַכטן אַ געוויסן מעטאָד, וויאַזוי צו באַשטראָפן און עלאַסטיש מאַכן די פאַרשטייפטקייט פון געוווינהייטן, וואָס זענען איינגעוואָרצלט געוואָרן אין אַ אַנדער סביבה, און וועלכע זי וועט מוזן ענדערן. די אייגנטלעכע געזעלשאַפט האַנדלט פונקט אויפן זעלבן שטייגער. זי פאָדערט, אַז יעדער פון אירע מיטגלידער זאָל תּמיד אויפמערקזאַם זיין צו אַלץ, וואָס רינגלט אים אַרום, ער זאָל זיך פאָרמען לויט דער אומגעבונג, מיט איין וואָרט, ער זאָל זיך נישט איינשליסן אין זיין כאַראַקטער, ווי אין אַ עלפאַנטביין-טורעם. און דעריבער לאָזט זי הענגען איבער יעדן איינעם, אויב נישט די דראָונג פון אַ שטראָף, טאָ לכל הפּחות די פּערספּעקטיוו פון אַ דערנידערונג, וואָס נישט געקוקט אויף איר לייכטקייט, וואַרפט זי אָן נישט קיין קליינע מורא. און אין דעם באַשטייט טאַקע די פונקציע פון געלעכטער, וואָס איז תּמיד אַביסל דערנידערנדיק פאַר זיין אָביעקט.

דערפון נעמט זיך דער צווייזייטיקער כאַראַקטער פון קאָמיזם. ער געהער נישט אינגאַנצן נישט צו דער קונסט און נישט צום לעבן. פון איין זייט וואָלטן די פּערזאָנען פון רעאַלן לעבן נישט אַרויסגערופן ביי אונז קיין געלעכטער, ווען מיר

זאָלן נישט פעיק זיין צוצוקוקן זיך צו זייערע האַנדלונגען, ווי מיר קוקן אויף אַ פאָרשטעלונג פון דער הויך פון אונזער לאָזשע; זיי זענען אין אונזערע אויגן קאָמיש נאָר דערפאַר, ווייל זיי שפּילן פאַר אונז אַ קאָמעדיע. אָבער פון דער צווייטער זייט איז די הנאה פון געלעכטער אַפילו אין טעאַטער נישט קיין ריינע הנאה, כ׳וויל זאָגן: נישט קיין ריין עסטעטישע הנאה, אַ לחלוטין גלייכגילטיקע. עס מישט זיך תּמיד צו צו איר אַ הינטערגעדאַנק, וועלכן די געזעלשאַפט האָט פאַר אונז, ווען מיר האָבן אים נישט אַליין. עס מישט זיך דאָ צו די פאַרבאָרגענע כּונה צו דערנידעריקן, און דורכדעם, וואָס אָן אמת, אויסצובעסערן, לכל הפּחות אויסערלעך. דאָ ליגט די סיבּה, פאַרוואָס די קאָמעדיע איז אַ סך נענטער צום רעאַלן לעבן, ווי די דראַמע. וואָס דערהויבענער ס׳איז אַ דראַמע, אַלץ טיפער האָט דער דיכטער געמוזט באַאַרבעטן די ווירקלעכקייט, כּדי אַרויסצובאַקומען פון איר די טראַגיק אין אַ ריינעם צושטאַנד. מיט דער קאָמעדיע איז פּונקט פאַרקערט: בלויז אין אירע נידעריקסטע פאָרמען, אין וואָדעוויל און אין פאַרס, טיילט זי זיך אָפּ פון לעבן; וואָס העכער זי שטייגט, אַלץ מער שמעלצט זי זיך צענויף מיט אים, און אין רעאַלן לעבן טרעפן זיך אָפט סצענעס, וואָס זענען אַזוי נאָענט צו דער הויכער קאָמעדיע, אַז דאָס טעאַטער וואָלט זיי געקענט פאַראייגענען נישט ענדערנדיק אין זיי קיין איינציק וואָרט.

דערפון איז געדרונגען, אַז די עלעמענטן פון אַ קאָמישן כאַראַקטער זענען דיזעלבע סיי אין טעאַטער, סיי אין לעבן. וואָס זענען דאָס פאַר אַ עלעמענטן? ס׳וועט אונז נישט זיין שווער זיי אויסצוגעפינען.

מ׳הערט אָפט די מיינונג, אַז געלעכטער רופן אַרויס ביי אונז די לייכטע פעלערן פון די מיטמענטשן. כ׳בין מודה, אַז אין דערדאָזיקער מיינונג איז דאָ אַ גרויסער טייל אמת, און פונדעסטוועגן האַלט איך זי נישט פאַר ריכטיק. קודם כּל איז זייער שווער דורכצופירן אַ גרעניץ-ליניע צווישן לייכטע און שווערע פעלערן; ס׳קען זיין, אַז אָפט רופט אַרויס ביי אונז

אַ פֿעלער געלעכטער נישט דערפֿאַר, ווייל ער איז אַ לייכטער, נאָר דערפֿאַר, ווייל ער רופֿט אַרויס ביי אונז געלעכטער, נעמען מיר אים אָן פֿאַר לייכט; ווייל קיין זאַך אַנטוואָפֿנט נישט אַזוי, ווי געלעכטער. אָבער מ׳קען גיין נאָך ווייטער און באַהויפּטן, אַז מיר לאַכן אַפֿילו פֿון אַזעלכע פֿעלערן, וועלכע מיר האַלטן פֿאַר שווערע: למשל, האַרפּאַגאָנס קאַרגשאַפֿט. און צולעצט מוזן מיר זיך מודה זיין, — כאָטש ס׳קומט אונז אָן אַ ביסל שווער דאָס צו טאָן, — אַז מיר לאַכן נישט נאָר פֿון די פֿעלערן פֿון אונזערע מענטשן-ברידער, נאָר אַמאָל אויך פֿון זייערע מעלות. מיר לאַכן פֿון אַלסעסטן (אין מאָליערס „מיזאַנטראָפּ"). מ׳קען איינווענדן, אַז נישט אַלסעסטס ערלעכקייט איז קאָמיש, נאָר די אייגנאַרטיקע פֿאָרם, וועלכע די ערלעכקייט נעמט אָן ביי אים, איר געוויסע משונהדיקייט, וואָס מאַכט זי לעכערלעך אין אונזערע אויגן. כ׳בין מסכּים מיט דעם, אָבער דאָס ענדערט נישט דעם פֿאַקט, אַז אַלסעסטס דאָזיקע משונהדיקייט, פֿון וועלכער מיר לאַכן, מאַכט לעכערלעך זיין ער־לעכקייט, און דאָס איז דער וויכטיקסטער פּונקט. מיר קומען דעריבער צום אויספֿיר, אַז דער קאָמיזם איז נישט תּמיד אַ סימן מובהק פֿון אַ מאָראַלישן פֿעלער; וואָרום אויב מיר ווילן דוקא זען אין אים אַ פֿעלער, און אַ לייכטן דערצו, מוזן מיר פֿריער אָנווייזן דורך וועלכן פּרעציזן סימן מ׳קען דאָ אונטערשיידן דאָס אומוויכטיקע פֿון וויכטיקן.

אינדעראמתן קען אַ פּערזאָן דערפֿילן די קלענסטע פּרטים פֿון דער שטרענגסטער מאָראַל, און פֿונדעסטוועגן זיין קאָמיש, אויב איר אויפֿפֿירונג שטייט אין אַ וועלכער נישט איז סתּירה צו די כּללים פֿון דער געזעלשאַפֿט. אַלסעסט האָט אַ כאַראַקטער פֿון אַ פֿולקאָמען אָרנטלעכן מענטשן, אָבער ער קען זיך נישט אַריינפּאַסן אין דער געזעלשאַפֿט און דעריבער איז ער קאָמיש. אַ עלאַסטישן פֿעלער איז אַ סך שווערער צו מאַכן לעכערלעך, ווי אַ נישט-בויגעוודיקע טוגנט. די פֿאַרשטייפֿטקייט איז שטאַרק חשוד ביי דער געזעלשאַפֿט, און אַלסעסטס פֿאַר־שטייפֿטקייט רופֿט אַרויס אונזער געלעכטער, כאָטש אין דאָזיקן

פאַל איז זי — אָרנטלעכקייט. ווער עס זאָל זיך נישט איזאָלירן, איז אויסגעשטעלט אויף דער סכנה לעכערלעך צו ווערן, ווייל דער קאָמיזם איז גרעסטנטיילס אַ רעזולטאַט טאַקע פון דער־דאָזיקער איזאָלירונג. דערפון נעמט זיך, וואָס דער קאָמיזם איז אַזוי אָפט פאַרבונדן מיט די מנהגים, באַגריפן, און — לאָמיר עס וואַגן צו זאָגן, — פאָראורטיילן פון אַ געזעלשאַפט.

צום כבוד פון דער מענטשהייט דאַרף מען פונדעסטוועגן מודה זיין, אַז דער געזעלשאַפטלעכער אידעאַל אונטערשיידט זיך נישט וועזנטלעך פון מאָראַלישן. מ'קען דעריבער אָננעמען, אַז בדרך כלל רופן טאַקע אַרויס אונזער געלעכטער די פעלערן פון די מיטמענטשן, — אָבער נישט אַזוי צוליב זייער אומאָראַלישקייט, ווי צוליב זייער נישט־געזעלשאַפטלעכקייט. איצט בלייבט אונז איבער אויסצוגעפינען, וועלכע פעלערן עס קענען ווערן קאָמיש און אין וועלכע פאַלן האַלטן מיר זיי פאַר צו ערנסט, כדי אָפּצולאַכן פון זיי.

אָבער די־דאָזיקע פראַגע האָבן מיר שוין אויבן פאַרענטפערט אויף אַן אומדירעקטן אופן. דער קאָמיזם, האָבן מיר דאָרט געזאָגט, ווענדט זיך צום ריינעם פאַרשטאַנד; דער געלעכטער קען נישט גיין האַנט אין האַנט מיטן געפיל. מאָלט אויס פאַר מיר דעם אומוויכטיקסטן פעלער: אויב איר וועט מיר אים פאָרשטעלן אויף אַזאַ אופן, אַז ער וועט אַרויסרופן מיין סימפאַטיע, מיין שרעק אָדער מיין רחמנות, וועל איך פון אים נישט קענען לאַכן. און פאַרקערט ווידער, טראַכט צו אַ טיפן, און אפילו אַ שרעקלעכן פעלער: ער וועט קענען ווערן קאָמיש, אויב אייך וועט געלינגען דורך געהעריקע מיטלען צו מאַכן אַזוי, ער זאָל מיר לאָזן גלייכגילטיק. איך זאָג נישט, אַז דאַן וועט דער פעלער זיין קאָמיש; כ'זאָג, אַז דאַן וועט ער עס קענען ווערן. מ'דאַרף זען, ער זאָל נישט באַרירן מיין געפיל, אָט דאָס איז דער איינציקער, באמת גוטוועניקער תנאי, כאָטש ס'איז קיין ראיה נישט, אַז ער וועט גענוגן.

אָבער מיט וועלכע מיטלען קען אַ קאָמעדיען־שרייבער שטערן די דערוואַכונג פון מיין געפיל? אויף דער־דאָזיקער

פראַגע איז שווער צו געבן אַן ענטפער. כדי זי אויפצוקלערן וואָלט מען זיך געדאַרפט אַריינלאָזן אין אַ גאַנצער ריי נייע אויספאָרשונגען, אַנאַליזירן די געקינסטלטע סימפּאַטיע, וועלכע מיר ברענגען מיט מיט זיך אין טעאַטער, פעסטשטעלן אין וועלכע פאַלן מיר זענען מסכּים און אין וועלכע פאַלן מיר זאָגן זיך אָפּ צו טיילן די אויספאַנטאַזירטע פריידן און לײדן. ס׳איז דאָ קונסט, וואָס קען פאַרוויגן אונזער געפילס-לעבן און אים אונטעררוקן חלומות, ווי אַ היפּנאָטיזירטן פּאַציענט. און ס׳איז אויך דאָ אַ קונסט, וואָס קען אונטערשניידן די פליגלען ביי אונזער סימפּאַטיע פּונקט אין דעם מאָמענט, ווען זי איז גרייט זיי פאַנאַנדערצושפּרייטן, און אויף אַזאַ אופן וועט אפילו די סאַמע ערנסטע סיטואַציע נישט גענומען ווערן ערנסט.

מיר דאכט, אַז דידאַקטיק לעצטע קונסט ווערט באַהערשט דורך צוויי פּראָצעסן, וועלכע דער קאָמעדיען-שרייבער ווענדט אָן מער אָדער ווייניקער אומבאַוווסטזיניק. דער ערשטער פּראָצעס באַשטייט אין דעם, וואָס דער קאָמעדיען-שרייבער א י־זאָלירט אין העלדס נשמה איין געפיל, (וועלכן ער טיילט אים איין מיט אַ ברייטער האַנט), וואָס פירט, אַזוי צו זאָגן, אַ פּאַראַזיטישע עקזיסטענץ, אַ לחלוטין אומאָפּהענגיקע פון איבעריקן נשמה-לעבן.

בדרך כּלל פאַרכאַפּט ביסלעכווייז אַ אינטענסיווער געפיל אַלע אַנדערע צושטאַנדן פון דער נשמה און באַפאַרבט זיי מיט זיין אייגענעם קאָליר; אויב מ׳לאָזט זיך אונז צוקוקן ווי דער דראַמאַטישער איין-איינציקער געפיל דרינגט בהדרגהדיק אַריין אין גאַנצן געפילס-לעבן, וועלן מיר סוף-כּל-סוף אַליין אויך דורכגעדרונגען ווערן מיט אַ אַנטשפּרעכנדיקן געפיל. מ׳קען זאָגן, — זיך באַנוצנדיק מיט אַן אַנדער בילד, — אַז אַ געפיל איז דראַמאַטיש, אָנשטעקנדיק דאַן, ווען אַלע האַרמאָנישע טענער קלינגען גלייכצייטיק מיט מיטן גרונט-טאָן. נאָר דאַן, ווען דער אַקטיאָר איז אינגאַנצן דורכגענומען מיטן ציטער פון אַ געפיל, קען דאָס פּובליקום פון איר זייט אויך וויב־

דירן פון דאָזיקן געפיל. פאַרקערט אָבער, דער געפיל, וואָס לאָזט אונז גלייכגילטיק און ווערט קאָמיש, פאַרמאָגט אין זיך אַ געוויסע פאַרשטייפטקייט, וואָס לאָזט אים נישט אַריינטרעטן אין באַציאונגען מיט דער איבעריקער טייל נשמה, אין וועלכער ער געפינט זיך. דידאָזיקע פאַרשטייפטקייט קען זיך אין אַ באַשטימטן מאָמענט אַרויסגעבן דורך מאַריאָנעטן-באַוועגונגען און אַרויסרופן אַ געלעכטער, אָבער שוין פריער נאָך האָט זי אונטערדריקט אונזער סימפּאַטיע: וויאַזוי קען מען שטיין אין איינקלאַנג מיט אַ נשמה, וועלכע איז נישט אין איינקלאַנג מיט זיך אַליין?

אין קאַרגן איז דאָ אַ סצענע, וואָס גרעניצט מיט דער דראַמע. דאָס איז יענע סצענע, ווו דער געלט-לייער און דער פּראָצענטניק, וועלכע קענען זיך נאָך נישט, טרעפן זיך פּנים אל פּנים אַלס פאָטער און זון. און מיר וואָלטן זיך דאָ טאַקע געפונען פאַר אַ דראַמע, ווען דער צוזאַמענשטויס פון דער קאַרגשאַפט און דעם פאָטער-געפיל וואָלט אין האַרפּאַגאָנס נשמה אַרויסגערופן אַ מער אָדער ווייניקער אָריגינעלע קאָמבינאַציע פון געפילן. אָבער ס'הויבט זיך נישט אָן. די באַגעגעניש האָט זיך נאָך נישט געהאַט געענדיקט, ווען דער פאָטער האָט שוין אַלץ פאַרגעסן. טרעפנדיק נאָכאַמאָל זיין זון, איז ער קוים מרמז אויף דערדאָזיקער וויכטיקער סצענע: „און דו, מיין זון, וועלכן כ'האָב די גוטסקייט מוחל צו זיין די פריערדיקע געשעעניש, א. אַ. וו"... מיר זעען אַלזאָ, אַז די קאַרגשאַפט איז דורכגעגאַנגען פאַרביי אַלע אַנדערע געפילן אַ צ ע ט ר אָ ג ע נ ע, נישט אָנרירנדיק זיי און נישט ווערנדיק אָנגערירט דורך זיי. זי האָט זיך אומזיסט באַזעצט אין דער נשמה, זי איז אומזיסט געוואָרן די באַלעבאָסטע פון איר וווינ-אָרט, — זי איז דאָ געבליבן אַ פרעמדע. גאַנץ אַנדערש וואָלט זיך באַנומען אַ קאַרגשאַפט פון טראַגישער נאַטור. זי וואָלט צוגעצויגן צו זיך, איינגעשלונגען, אַסימילירט און איבערגעאַנ-דערשט די פאַרשידנסטע כּחות פון לעבעדיקן וועזן, די געפילן און אַפעקטן, פאַרלאַנגען און אָפּנייגונגען, שלעכטע מידות און

וגנטן, — דאָס אַלץ וואָלט געוואָרן אַ מאַטעריאַל, אין וועלכן די קאָרגשאַפט וואָלט אַריינגעטראָגן אַ נייעם אָרט לעבן. אַט אין דעם, דאַכט זיך מיר, באַשטייט דער ערשטער וועזנטלעכער אונטערשייד צווישן דער הויכער קאָמעדיע און דער דראַמע.

עס איז דאָ נאָך אַ צווייטער אונטערשייד, אַ מער בולטער, וועלכער פליסט, אגב, אַרויס פון ערשטן. ווען מ׳שילדערט פאַר אונז אַ נשמה-צושטאַנד, מיט דער כּוונה צו מאַכן אים דראַמאַטיש, אָדער פּשוט, מיר זאָלן אים נעמען ערנסט, לאָזט מען אים קומען צום אויסדרוק אין אָנוואַקסנדיקע האַנדלונגען, וועלכע שטעלן אים אַרויס אין ריכטיקן ליכט. דער קאָרגער וועט אַזוי אַרום אַלץ מעסטן מיט דער מאָס פון ריוח, און דער צבועק, וואָס קוקט, דאַכט זיך, בלויז אין הימל, וועט זיך באַוועגן אויף דער ערד, ווי נאָר מעגלעך געשיקט. די קאָמעדיע שליסט, אמת, נישט אויס אַזעלכע קאָמבינאַציעס; דער בעסטער באַווייז דערפאַר זענען טאַרטיופס מאַכינאַציעס. אָבער אין דעם ליגט טאַקע דאָס געמיינזאַמע צווישן דער קאָמעדיע מיט דער דראַמע; און כּדי זיך אָפּצוגרעניצן פון דער לעצטער, כּדי נישט צוצולאָזן, מיר זאָלן נעמען ערנסט די ערנסטע האַנדלונגען, און צולעצט, כּדי אונז צוצוגרייטן צום געלעכטער, באַנוצט זיך די קאָמעדיע מיט אַ מיטל, וועלכן כ׳וועל פאָרמולירן אַזוי: אָנשטאָט צו קאָנצענטרירן אונזער אויפמערקזאַמקייט אויף די האַנדלונגען, ווענדט זי זי גיכער אויף די זשעסטן.

אונטערן וואָרט זשעסטן פאַרשטיי איך דאָ די פּאָזעס, די באַוועגונגען און אַפילו די שמועסן, דורך וועלכע אַ געוויסער נשמה-צושטאַנד מאַניפעסטירט זיך אָן אַ ציל, אָן אַ נוצן, בלויז צוליב אַ מין אינערלעכער בייסעניש. לויט דערדאָזיקער דעפיניציע אונטערשיידט זיך דער זשעסט זייער שטאַרק פון דער האַנדלונג. די האַנדלונג איז אַ אַקט פון ווילן, זי איז, לכל הפּחות, באַוווסטזיניק; דער זשעסט דאַקעגן כאַפּט זיך אַרויס אומגערנווייליק, ווייל ער איז אויטאָמאַטיש. אין דער האַנדלונג קומט צום וואָרט די גאַנצע פּערזענלעכקייט פון מענטשן; אין

זשעסט אָבער קומט צום אויסדרוק בלויז אַ איזאָלירטע טייל פון דער פּערזאָן, און דאָס אויך אין איר וויסן, אָדער, לכל הפּחות, מחוץ פון דער ספערע פון דער גאַנצער פּערזענלעכקייט. צולעצט (און דאָ ליגט דער וויכטיקסטער פּונקט), די האַנדלונג איז פּראָפּאָרציאָנעל צום געפיל, וואָס רופט זי אַרוים; עס איז דאָ אַ בהדרגהדיקער איבערגאַנג פון איינעם צום צווייטן, אַזוי אַז אונזער סימפּאַטיע, אָדער אונזער ווידערווילן קענען זיך באַוועגן לענגאויס דעם פאָדים, וואָס פירט פון געפיל צו דער האַנדלונג, מיט אַ פּראָגרעסיוו-וואַקסנדיקן אינטערעס. אָבער דער זשעסט האָט אין זיך עפּעס אימפּולסיוועס, וואָס וועקט אויף אונזער געפילס-וועלט, וועלכע האָט שוין געהאַלטן ביים איינגע-וויגט ווערן; און דורכדעם, וואָס ער ברענגט אונז ווידער צו זיך, שטערט ער אונז צו נעמען ערנסט די געשעענישן אויף דער סצענע.

דערפון איז געדרונגען, אַז ווי נאָר אונזער אויפמערק-זאַמקייט וועט זיין געווענדט אויפן זשעסט און נישט אויף דער האַנדלונג, וועלן מיר זיך געפינען אין געביט פון קאָמעדיע. אויפן גרונט פון זיינע מעשים וואָלט טאַרטיוף געדאַרפט זיין אַ העלד פון אַ דראַמע; ערשט ווען מיר גיבן זיך אָפּ אַ רעכנונג וועגן זיינע זשעסטן, זעען מיר איין זיין קאָמיזם. לאָמיר זיך נאָר דערמאָנען זיין דערשיינען אויף דער סצענע: „לאָראַן, פאַרשליס מיין סגוף-העמד און מיין בייטש”. ער ווייס, אַז דאָרין הערט אים, אָבער, זייט זיכער, ער וואָלט דאָסזעלבע געזאָגט אויך דאַן, ווען זי זאָל דאָרט נישט זיין. ער איז שוין אַזוי גוט אַריין אין זיין ראָל פון אַ צבועק, אַז ער שפּילט זי, אַזוי צו זאָגן, אויפריכטיק. און אַ דאַנק דעם, און טאַקע נאָר אַ דאנק דעם, קען ער ווערן קאָמיש. אָן דערדאָ-זיקער אויסערלעך-פּאַרקערפּערטער אַויפריכטיקייט, אָן די פּאָזעס און דער שפּראַך, וועלכע א לאנגע צבועקישע פּראַקטיק האָט פאַרוואַנדלט ביי אים אין נאַטירלעכע זשעסטן, וואָלט טאַרטיוף געווען גאַנץ פּשוט עקלדיק, ווייל מיר וואָלטן נישט אויפגע-הערט צו טראַכטן וועגן פאַלשן אָנשטעל, וואָס אין זיין פירונג.

אזוי ארום ווערט פארשטענדלעך, פארוואס האנדלונג איז וועזנט־לעך פאר דער דראמע, און איז נאר א צווייטראנגיקער עלעמענט אין דער קאָמעדיע.

אין דער קאָמעדיע האָבן מיר דעם געפיל, אז מ׳וואלט מיטן זעלבן רעזולטאט געקענט אויסקלייבן א גאנץ אנדער סיטואציע, כדי פארצושטעלן פאר אונז דעם העלד: ער וואלט געבליבן דערזעלבער מענטש אפילו אין א געענדערטער סיטואציע. אָבער אין א דראמע האבן מיר נישט דעמדאזיקן איינדרוק. דא זענען די העלדן און די סיטואַציעס צוזאמענגעשמידט, אדער, בעסער געזאגט, די געשעענישן שטעלן פאר מיט זיך אינטעג־ראלע טיילן פון די פערזאנען; אזוי, אז ווען די דראמע זאל אונז דערציילן א גאנץ אנדער געשיכטע, וואלט מען אומזיסט געלאזן די אקטיארן ביי די טריערדיקע נעמען: מיר וואלטן אינדעראמתן געהאט פאר זיך גאנץ אנדערע פערזאנען.

לאָמיר רעזיומירן: מיר האָבן געזען, אַז דער פאַקט, צי אַ כאַראַקטער איז גוט, אָדער שלעכט, שפילט נישט קיין גרויסע ראָליע; אויב ער איז נאָר נישט־געזעלשאַפטלעך, קען ער ווערן קאָמיש. איצט זעען מיר, אַז די וויכטיקייט פון די געשעענישן שפילט נישט קיין גרעסערע ראָליע: וויכטיק צי אומוויכטיק, קענען זיי אַרויסרופן ביי אונז געלעכטער, אויב מ׳וועט אונז זיי פאַרשטעלן אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלן נישט וועקן אונזער מיטגעפיל. די נ י ש ט ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל ע כ ק י י ט פון דער פערזאָן פון איין זייט, די ג ע פ י ל ל אָ ז י ק י י ט פון צושויער פון דער צווייטער, אָט דאָס זענען, אין סך הכל, די צוויי עיקר־דיקע באַדינגונגען. ס׳איז נאָך דאָ אַ דריטע, וואָס איז איינגע־שלאָסן אין דידאָזיקע צוויי, און וועלכע אונזערע אַלע ביז איצטיקע פאַרשונגען האָבן געהאַט דעם ציל אויסצוגעפינען.

דאָס איז דער אויטאָמאַטיזם. מיר האָבן אָנגעוויזן אויף אים פון טאַמע אָנהויב פון אונזער אַרבעט, און מיר זענען נישט מיד געוואָרן צו ציען די אויפמערקזאַמקייט אויפן פאָלגנדיקן פונקט: בלויז דאָס איז באמת קאָמיש, וואָס ווערט אויסגעפירט אויטאָמאַטיש. אין אַ פעלער, אַפילו אין אַ מעלה איז קאָמיש

דאָס, דורך וואָס די פּערזאָן גיט זיך אויס אומבאַוווסטזיניק: דער אומגערנווילליקער זשעסט, דאָס אומבאַוווסטזיניקע וואָרט. יעדע צעשטרייטקייט איז קאָמיש. און וואָס טיפער עס איז די צעשטרייטקייט, אַלץ העכער איז די קאָמעדיע. די סיסטעמאַטישע צעשטרייטקייט פון אַ דאָן קישאָט, למשל, איז דאָס סאַמע קאָמישסטע, וואָס מ׳קען זיך נאָר פאָרשטעלן: דאָס איז דער קאָמיזם אַליין, געשעפּט, אויף ווי ווייט מעגלעך, גאָנץ פון זיין אייגענעם מקור. נעמט אַ וועלכע נישט איז אַנדערע קאָמישע פּערזאָן. ווי קלאָר זי זאָל זיך נישט אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פון דעם, וואָס זי רעדט און טוט, אָבער אויב זי איז קאָמיש, איז דאָס בלויז דערפאַר, ווייל ס׳איז דאָ אַ געוויסע זייט פון איר פּערזענלעכקייט, וועלכע איז איר פרעמד, וועלכע גליטשט זיך אַרויס פון אונטער איר אייגענעם קאָנטראָל, און בלויז איר דאָזיקע זייט רופט אַרויס אונזער געלעכטער.

דער טיפסטער קאָמיזם קומט צום אויסדרוק אין נאַיווע ווערטער, אין וועלכע אַ פעלער טרעט אַרויס פאַר אונז מוטער־נאַקעט: צי דען וואָלט ער זיך אָפּגעדעקט פאַר אונז אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט, ווען ער זאָל פעיק זיין זיך צו זען און צו אורטיילן וועגן זיך אַליין? ס׳איז נישט זעלטן דער פאַל, ווען אַ קאָמישע פּערזאָן טאַדלט אין אַלגעמיינע ווערטער אַ געוויסע האַנדלונג און אין אַ ווײַלע אַרום גיט זי אַליין אַ ביישפּיל דערפון: אַלס עדות קענען דאָ דינען, דער פילאָזאָפיע־לערער פון ה׳ זשורדען, וועלכער גייט אַרויס פון די כלים גלייך נאָכדעם, ווי ער האָט אָוועקגעלייגט אַ דרשה קעגן כעס, און וואַדיוס, וועלכער שלעפּט אַרויס פון קעשענע לידער, נאָכדעם, ווי ער האָט אויסגעלאַכט די פּערזון־לייענער, א. א. וו. וואָס פאַר אַ ציל קענען האָבן דידאָזיקע סתירות, אויב נישט אויפצודעקן פאַר אונז ווי אַמבולטסטן די אומבאַוווסטזיניקייט פון דידאָזיקע פּערזאָנען? אומאויפמערקזאַמקייט לגבי זיך און במילא אויך לגבי אַנדערע, אָט וואָס מיר טרעפן תמיד אָן ביי זיי.

באַטראַכט מען די זאַך אַביסל גענויער, זעט מען איין, אַז די אומאויפמערקזאַמקייט איז דאָ ענג פאַרבונדן מיט דעם,

וואָס מיר האָבן אויבן אָנגערופן: אומגעזעלשאַפטלעכקייט. די אמתע סיבה פון פאַרשטייפטקייט באַשטייט אין דעם, וואָס מ׳פאַרגעסט זיך אומצוקוקן אַרום זיך און דער עיקר — אַריינצוקוקן אין זיך גופא. וויאַזוי זאָל מען קענען צופּאַסן די אייגענע פּערזאָן צו די אַרומיקע, אויב זי האָט נישט געשלאָסן קיין קאַנטשאַפט מיט דידאָזיקע אַנדערע און מיט זיך אַליין אויך נישט? פאַרשטייפטקייט, אויטאָמאַטישקייט, צעשטרייטקייט, אומגעזעלשאַפטלעכקייט, — דאָס אַלץ דרינגט אַ דורך אײנס דאָס צווייטע און פון דאָס אַלץ שאַפט זיך דער קאָמיזם פון כאַראַקטער.

מיט איין וואָרט, אויב מיר לאָזן אין אַ זייט אַלע דערשיינונגען פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, וואָס אינטערעסירן אונזער געפילס-לעבן און קענען אונז אויפרודערן, איז אַלדאָס איבעריקע ביכלל צו ווערן קאָמיש, און דערדאָזיקער קאָמיזם וועט דירעקט אַרויספליסן פון דער פאַרשטייפטקייט, וואָס קומט דורך אים צום אויסדרוק.

דעמדאָזיקן געדאַנק האָבן מיר פאָרמולירט גלייך אין אָנהויב פון אונזער אַרבעט. מיר האָבן אים קאָנטראָלירט אין זיינע עיקרדיקע קאָנסעקווענצן. מיר האָבן אים נאָרוואָס אָנגעווענדט ביים דעפינירן די קאָמעדיע. איצט דאַרפן מיר נאָך נעענטער צוקומען צו אים און ווייזן, אויף וואָסער אופן ער דערלויבט אונז גענוי צו צייכענען דעם פּלאַץ, וועלכן די קאָמעדיע פאַרנעמט צווישן די אַנדערע קונסט-צווייגן.

אין אַ געוויסן זין לאָזט זיך זאָגן, אַז יעדער כאַראַקטער איז קאָמיש, מיטן תנאי, אַז אונטערן וואָרט כאַראַקטער פאַרשטייען מיר דאָס אַלץ, וואָס איז דאָ סטערעאָטיפּעס אין אונזער פּערזענלעכקייט, וואָס איז ענלעך צו אַ איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָנגעצויגענעם מעכאַניזם, וואָס איז פעיק צו פונקציאָנירן אויטאָמאַטיש. דאָס וועט זיין, — אויב איר וועט דערלויבן, — דאָס, דורך וואָס מיר חזרן זיך אַליין איבער, און במילא וועט עס אויך זיין דאָס, אין וואָס די אַנדערע קענען אונז איבערחזרן. די קאָמישע פּערזאָן איז אַ ט י פּ. פאַרקערט ווידער, די

ענלעכקייט צו א טיפ האט אין זיך עפעס קאמישעס. מיר קענען א לאנגע צייט קומען אין בארירונג מיט א פערזאן און נישט באמערקן אין איר קיין סימן פון קאמיזם; ווען איר אבער אויסנוצן א צופעליקע ענלעכקייט און זי באשענקען מיט א באקאנטן נאמען פון א דראמע- אדער ראמאנען-העלד, ווען דידאזיקע פערזאן, לכל הפחות אויף איין מאמענט, גרעניצן אין איירע אויגן מיט קאמיזם. דא דארף מען באמערקן, אז דער העלד פון ראמאן דארף גאר נישט דוקא זיין קאמיש, ווייל דער קאמיזם נעמט זיך דא דערפון, וואס די פערזאן איז ענלעך צו אים. זי איז קאמיש דערפאר, וואס זי לאזט זיך ארויסשטויסן פון דער אייגענער פערזענלעכקייט. זי איז קאמיש דערפאר, וואס זי פאסט זיך איין, אזוי צו זאגן, אין א פארטיקער, צוגעגרייטער ראם. און דער העכסטער קאמיזם טרעט איין דאן, ווען א פערזענלעכקייט פארוואנדלט זיך אליין אין א ראם, אין וועלכער אנדערע פאסן זיך לייכט איין, ווען זי ווערט פארגליווערט צו א כאראקטער.

מאלן כאראקטערן, ד. ה. אלגעמיינע טיפן, — אט דאס איז דער אביעקט פון דער הויכער קאמעדיע. דאס איז שוין נישט איינמאל געזאגט געווארן, און פונדעסטוועגן חזר איך עס בכיון איבער, ווייל איך האלט, אז דידאזיקע פארמולע איז גענוג צו דעפינירן די קאמעדיע. און באמת, נישט נאר וואס די קאמעדיע שטעלט אונז פאר אלגעמיינע טיפן, נאר זי איז, לויט אונזער מיינונג, די איינציקע פון אלע קונסטן, וואס שטרעבט צו דאס אלגעמיינע. מיטן מאמענט, ווען מיר האבן פעסטגעשטעלט איר דאזיקן ציל, האבן מיר געזאגט אלץ, וואס זי איז, און וואס די איבעריקע קונסטן קענען נישט זיין. כדי צו באווייזן, אז אין דעם באשטייט טאקע די קווינט-עסענץ פון דער קאמעדיע און אזדורכדעם אונטערשיידט זי זיך פון דער טראגעדיע, פון דער דראמע, פון אלע אנדערע קונסט-פארמען, וואלטן מיר געדארפט אנהויבן מיט דער דעפינעציע פון דער קונסט אין אירע דערהויבנסטע דערשיינונגען. און דאן, אראפבידערנדיק ביסלעכווייז צו דער קאמישער פאעזיע, וואלטן מיר

געזען, אז זי געפינט זיך אויפן גרעניץ צווישן דער קונכט און דעם לעבן און אז זי טיילט זיך אפ, א דאנק איר אלגעמיינעם כאראקטער, פון אלע איבעריקע קונסטן. מיר קענען זיך דא נישט ארייינלאזן אין אזא ברייטע אויספארשונג. מיר מוזן אבער אנווארפן א פלאן פון אזא אויספארשונג, אויב מיר ווילן נישט פארנאכלעסיקן דאס וועזנטלעכע, וואס דער קאמישער טעאטער פארמאגט.

וואס איז דער אביעקט פון דער קונסט? ווען די רעאלע וועלט וואלט געווירקט דירעקט אויף אונזערע חושים און אונזער באוווסטזיין, ווען מיר זאלן זיין ביכלת צו קומען אין אומ־מיטלבארער בארירונג מיט די ארומיקע זאכן און מיט זיך גופא, דעמאלט, גלויב איך, וואלט די קונסט געווען אן איבעריקע זאך, אדער ריכטיקער זיך אויסגעדריקט: אלע וואלטן מיר געווען קינסטלער, ווייל אונזער נשמה וואלט אומאויפהערלעך וויברירט אין פולסטער הארמאניע מיט דער נאטור. מיט דער הילף פון זכרון וואלטן אונזערע אויגן אויסגעשניטן אין רוים און פיקסירט אין דער צייט אומפארגלייכלעכע בילדער. אונזער בליק וואלט געכאפט אין פארביישוועבן סקולפטור־פראגמענטן, — געשניצטע אין לעבע־דיקן מארמאר פון מענטשלעכן קערפער, — וואס זענען נישט ווינציקער שיין ווי די ווערק פון די אנטיקע סקולפטור־מייסטער. אין דער טיפעניש פון אונזערע נשמות וואלטן מיר כסדר געהערט מוזיק, אמאל א פריילעכע, מיינסטן אן אומעטיקע, אבער תמיד אן אריגינעלע, — די נישט־איבערגעריסענע מעלאדיע פון אונזער אינערלעכן לעבן. דאס אלץ געפינט זיך ארום אונז, דאס אלץ טראגן מיר אין זיך, און פונדעסטוועגן זעען מיר דאס נישט קלאר און בולט. צווישן דער נאטור און אונז, נאכמער: צווישן אונז און אונזער אייגענעם באוווסטזיין, איז פארהאנגען א שלייער, א געדיכטער — פאר דער מערהייט מענטשן, א לייכטער, כמעט א דורכזיכטיקער — פארן קינסטלער און פארן דיכטער. וועלכע פעע האט אויסגעוועבט דעמדאזיקן שלייער? האט זי דאס געטאָן פון בייזוויליקייט, אדער צוליב ליבע?

מיר מוזן לעבן, און דאס לעבן פאדערט פון אונז, מיר

זאלן באטראכטן די זאכן פון שטאנדפונקט פון אונזערע באדער־פענישן. לעבן — הייסט האנדלען. לעבן — הייסט אננעמען פון די זאכן בלויז דעם נוצלעכן איינדרוק, כדי צו רעאגירן אויף אים דורך געהעריקע האנדלונגען; די איבעריקע איינדרוקן פון די זאכן מוזן בלייבן אין שאטן, אדער דערגיין צו אונז אין א פארנעפלטער פארם. איך קוק זיך איין און כ׳מיין, אז איך זע, איך הער זיך צו און כ׳מיין, אז איך הער, כ׳פארטיף זיך אין זיך און כ׳מיין, אז כ׳לייען אין די פארבארגענישן פון מיין אייגן הארץ. אבער דאס, וואס איך זע און הער פון דער אויסערלעכער וועלט, איז נישט מער ווי דאס, וואס מיינע חושים האבן ארויסגעצויגן פון איר, כדי צו באלייכטן מיין וועג; דאס, וואס איך ווייס וועגן זיך אליין, ליגט אויף דער אויבערפלאך פון מיין „איך", האט בלויז א שייכות צו מיין פראקטישן האנדלען. מיינע חושים און מיין באוווסטזיין גיבן מיר בלויז א פראקטיש־פאראיינפאכטע ווירקלעכקייט. אין דעם בילד, וועלכן זיי גיבן מיר פון די זאכן און פון מיר אליין, ווערן אויסגע־מעקט די אונטערשיידן, וועלכע זענען אומנוצלעך פארן מענטשן, און די ענלעכקייטן, וועלכע זענען נוצלעך פארן מענטשן, ווערן אקצענטירט, עס זענען שוין פון פאראויס אנגעצייכנט די וועגן, אויף וועלכע מיינע לעבנס־האנדלונגען וועלן זיך באוועגן.

דידאזיקע וועגן זענען דיזעלבע, וועלכע די גאנצע מענטש־הייט איז דורכגעגאנגען פאר מיר. אלע זאכן זענען סארטירט געווארן לויטן נוצן, וועלכן כ׳קען ארויסציען פון זיי. און דידאזיקע קלאסיפיקאציע פון די זאכן באמערק איך א סך גיכער, ווי זייער פארב און פארם. געוויס, דער מענטש שטייט אין דערדאזיקער הינזיכט נישט דער ערך העכער פאר די חיות. ס׳איז שווער צוצולאזן דעם געדאנק, אז דאס אויג פון וואלף זאל אונטערשיידן צווישן א ציג און א שעפס; דאס זענען פארן וואלף צוויי גלייכע רויב־ביסנס, ווייל מ׳קען זיי מיט דער זעלבער לייכטקייט כאפן, און ס׳איז זיי ביידע גלייך אנגענעם אויפצופרעסן. מיר, מענטשן, מאכן אן אונטערשייד צווישן א באק און א באראן; אבער צי אונטערשיידן מיר איין באק פון

צווייטן, איין באראן פון צווייטן? *די אינדיווידואליטעט* פון זאכן און לעבעדיקע באשעפענישן באמערקן מיר קיינמאל נישט, אויף וויפל דאס איז אונז נישט מאטעריעל-נוצלעך. און דארט אפילו, ווו מיר באמערקן שוין יא דידאזיקע אינדיווידואליטעט (ווי, למשל, ווען מיר אונטערשיידן איין מענטשן פון צווייטן), באמערקט נישט אונזער אויג די אינדיווידואליטעט גופא, ד. ה. די געוויסע לחלוטין אריגינעלע הארמאניע פון פארמען און פארבן, נאר בלויז איינעם, אדער צוויי שטריכן, וואס מאכן אונז לייכטער די פראקטישע דערקענונג.

און צולעצט, — כדי אַלץ זאָל געזאָגט ווערן: מיר זעען נישט די זאַכן גופא; מערסטנטייל באַגרעניצן מיר זיך מיט איבערלייענען די עטיקעטן, וועלכע זענען אַרויפגעקלעפט אויף זיי. דידאָזיקע טענדענץ, וואָס פליסט אַרויס פון אונזערע נויט-באַדערפענישן, איז נאָך שאַרפער געוואָרן אונטער דער השפעה פון דער שפראַך; ווייל ווערטער (מיט דעם אויסנאַם פון די אייגננעמען) באַצייכענען דעם מין. דאָס וואָרט, וואָס פאַרצייכנט פון דער זאַך בלויז איר איינפאַכסטע פונקציע און איר באַנאַלסטן אויסזען, שטופט זיך אַריין צווישן איר און אונז, און וואָלט אַפילו פארשטעלט פון אונזערע אויגן איר פאָרם, ווען דידאָזיקע פאָרם זאָל זיך שוין נישט האָבן אויסבאַהאַלטן הינטער די באַדערפענישן, וועלכע האָבן געשאַפן דאָסדאָזיקע וואָרט. און דאָס געשיט נישט נאָר מיט די אויסערלעכע זאַכן, — אויך אונזערע אייגענע נשמה-צושטאַנדן זענען פאַרהוילן פאַר אונז אין זייערס אינטימע, פערזענלעכע, אָריגינעל-דורכגעלעבטע דערשיינונגען. ווען מיר זענען אַרומגעכאפט פון ליבע, אדער שנאה, ווען מיר זענען פול מיט פרייד אָדער טרויער, קומט אונז דען צום באַוווסטזיין אונזער געפיל גופא מיט זיינע טויזנט לייכט-פאַרשוועבנדיקע ניואנסן און טויזנט טיפע אָפקלאַנגען, וואָס מאַכן פון אים עפעס אבסאליוט אונזערס? ווען דאָס זאָל געשען, וואָלטן מיר אַלע געווען ראָמאַניסטן, דיכטער, מוזיקער. דער אמת איז, אַז מערסטנטיילס באַמערקן מיר בלויז די אויסערלעכע אַנטוויקלונג פון אונזער נשמה-צושטאַנד. מיר

נעמען אויף בלויז דעם אומפּערזענלעכן אויסזען פון אונזערע געפילן, וועלכן די שפּראַך האָט באַוויזן איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו פיקסירן, ווייל אין דיזעלבע באַדינגונגען איז דערדאָזיקער אויסזען תמיד כמעט דערזעלבער פאַר אַלע מענטשן.

אַזוי אַרום זעען מיר, אַז אַפילו אויפן שטח פון אונזער אייגענער פּערזענלעכקייט, גליטשט זיך די אינדיווידואַליטעט אַרויס פון אונטער אונזער באַוואוסטזיין. מיר באַוועגן זיך צווישן אַלגעמיינע באַגריפן און סימבאָלן, ווי אויף אַן אַרומגעצוימט פעלד, ווו אונזער קראַפט מעסט זיך נוצלעך מיט אַנדערע כחות; און היפּנאָטיזירט דורך דער האַנדלונג, צוגעצויגן דורך איר, אין נאָמען פון אונזער גרעסטן גליק, אויפן שטח, וועלכן זי האָט אויסגעקליבן פאַר זיך, — לעבן מיר אויף אַ מין מיטל־שטח צווישן די זאַכן און אונז, פון אויסן לגבי די זאַכן, און אויך פון אויסן לגבי זיך אַליין. אָבער פון צייט צו צייט, אַ דאַנק אַ געוויסער אַרט צעשטרייטקייט, שאַפט די נאַטור נשמות, וואָס זענען מער אָפּגעריסן פון לעבן. איך האָב דאָ נישט אין זינען יענע געוואָלטע,דורכגעטראַכטע, סיסטעמאַטישע אָפּגעריסנקייט פון לעבן, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון רעפלעקסיע און פילאָ־זאָפיע. כ׳מיין דאָ יענע נאַטירלעכע לעבנס־פרעמדקייט, וואָס איז איינגעבאָרן אַ געוויסער סטרוקטור חושים, אָדער אַ גע־וויסן אַרט באַוואוסטזיין, און וועלכע קומט צום אויסדרוק מיט־אַמאָל אין אַ מין בראשיתדיקן אופן פון זען, הערן, אָדער דענקען. ווען דידאָזיקע לעבנס־פרעמדקייט וואָלט געווען אַ לחלוטינדיקע, ווען די נשמה וואָלט נישט פאַרבונדן געווען מיט דער פּראַק־טישער טעטיקייט דורך קיין איינע פון אירע פעיקייטן, וואָלטן מיר געהאַט פאַר זיך אַ נשמה פון אַ קינסטלער, וואָס זיינס־גלייכן האָט נאָך די וועלט נישט געזען. ער וואָלט געוועלטיקט אין אַלע קונסט-צווייגן פאַראמאַל, אָדער בעסער נאָך, ער וואָלט זיי אַלע פאַרייניקט אין איין העכסטע קונסט. ער וואָלט געזען אַלע זאַכן אין זייער אינדיווידועלער ריינקייט, די פאָרמען, די פאַרבן און די קלאַנגען פון דער מאַטעריעלער וועלט אַזוי גוט ווי די סובטעלסטע באַוועגונגען פון אינערלעכן לעבן. אָבער

דאָס וואָלט געהייסן שטעלן דער נאַטור אַ צו גרויסע פאָדע־רונג. אַפילו פאַר די צווישן אונז, וועלכע זי האָט געמאַכט פאַר קינסטלער, האָט זי אויפגעהויבן דעם שלייער צופעליק, בלויז פון איין זייט. בלויז אין איין ריכטונג האָט זי פאַרגעסן צוצושמידן דעם באַוווסטזיין צו אַ מאַטעריעלער באַדערפעניש. און אַזוי ווי יעדע ריכטונג אַנטשפּרעכט דאָסיעניקע, וועלכעס מיר רופן אָן חוש, דעריבער גיט זיך דער קינסטלער געוויינלעך אָפּ דער קונסט בלויז דורך איינעם פון זיינע חושים. דערפון נעמט זיך די פאַרשידנאַרטיקייט פון די קונסטן. דערפון שטאַמען אויך די פאַרשידענע נייגונגען. איין קינסטלער בינדט זיך צו צו פאַרבן און פאָרמען, און אַזוי ווי ער האָט ליב די פאַרב לשם דער פאַרב, די פאָרם לשם דער פאָרם, אַזוי ווי ער דרינגט אריין אין זיי צוליב זיי אליין און נישט צוליב זיך. דעריבער וועט דורכשיינען פאַר אים דורך די פאָרמען און פאַרבן פון די זאַכן זייער אינערלעך לעבן. און דאָסדאָזיקע לעבן פון די זאַכן וועט ער ביסלעכווייז אריינפירן אין אונזערע עמפּינדונגען, אויף איין מאָמענט, לכל הפּחות, וועט ער אונז אָפּרייסן פון די פאָרם־און פאַרב־פאַראורטיילן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט צווישן אונזער אויג און דערווירקלעכקייט. און ער וועט אַזויאַרום רעאַליזירן די העכסטע שטרעבונג פון דער קונסט, וואָס קומט דאַ צום אויסדרוק אין אַפּדעקן פאַר אונז די נאַטור. —

אנדערע קינסטלער פאַרטיפן זיך אין זיך אליין. אונטער די טויזנטער אנוואַקסנדיקע האַנדלונגען, וועלכע פאַראויסערלעכן אַ געפיל, הינטער אַ באַנאַלן, פאַרגעזעלשאַפטלעכן וואָרט, וואָס דריקט אויס און פאַרדעקט אַ אינדיווידועלן נשמה־צושטאַנד, — ווילן דידאָזיקע קינסטלער זוכן דעם ריינעם און פּשוטן געפיל, דעם ריינעם און פּשוטן נשמה־צושטאַנד. און כּדי אויפצוּוועקן אין אונז אַ פאַרלאַנג צו מאַכן דיזעלבע אַנשטרענגונג איבער זיך אליין, באַמיען זיך די דיכטער, אַז אויך מיר זאָלן זען כאָטש אַ קליינע טייל פון דעם, וואָס זיי האָבן געזען: דורך אַ ריטמישער גרופּירונג פון ווערטער, וועלכע ווערן אויף אַזאַ

אופן ארגאניזירט צוזאמען און באלעבט מיט אן אייגנארטיקן לעבן, זאגן זיי אונז, אדער ריכטיקער, סוגעסטירן זיי אונז זאכן, וואס די שפראך איז נישט געשאפן געווארן אויף אויסצודריקן זיי. — אנדערע קינסטלער גראבן זיך נאך טיפער. אונטער יענע פריידן און ליידן, וועלכע קענען מיט דער גרעסטער גע־נויקייט איבערגעזעצט ווערן אין ווערטער, כאפן זיי אויף עפעס אזוינס, וואס האט שוין נישט מער די מינדסטע געמיינזאמקייט מיט ווערטער, — געוויסע ריטמען פון לעבן און אטעמונג, וואס זענען א סך אינערלעכער ביים מענטשן, ווי זיינע אינער־לעכסטע געפילן; ווייל דידאזיקע ריטמען, וואס זענען אנדערש ביי יעדן מענטשן, מאכן אויס דעם לעבעדיקן געזעץ פון זיין נידערשלאגנקייט און זיין עקזאלטאציע, פון זיינע חרטה־געפילן און פון זיינע האפנונגען. באפרייענדיק פון די טיפענישן די־דאזיקע מוזיק, ציען זיי אויף איר אונזער אויפמערקזאמקייט; זיי מאכן אזוי, אז אומווילנדיק דרינגען מיר אריין אין איר, ריכטיק ווי דורכגייער ווערן אריינגעצויגן אין א טאנץ. און אויף אזא אופן געלינגט זיי צו באוועגן אין אונזערע טיפענישן עפעס אזוינס, וואס האט געווארט אויף דער געלעגנהייט צו קענען נעמען וויברירן. —

אזוי ארום זעען מיר, אז די קונסט, — צי דאס וועט זיין מאלעריי, סקולפטור, פאעזיע אדער מוזיק, — האט בלויז איין אויפגאבע: באזייטיקן די פראקטיש־נוצלעכע סימבאלן, די פאראלגעמיינערונגען, וואס זענען קאנווענציאנעל און געזעל־שאפטלעך אנגענומען, מיט אייןווארט אלץ, וואס מאסקירט פאר אונז דיווירקלעכקייט, — כדי אונז אוועקצושטעלן פנים אל פנים מיט דער ווירקלעכקייט בכבודה ובעצמה. בלויז צוליב א מיספארשטענדעניש אין דאזיקן פונקט, איז אנטשטאנען דער ויכוח וועגן רעאליזם און אידעאליזם אין דער קונסט. די קונסט איז באמת נישט מער ווי די אוממיטלבארסטע וויזיע פון דער ווירקלעכקייט, אבער דידאזיקע ריינקייט פון דער עמפינדונג פאדערט אן אפזאג פון נוצלעכקייט־פרינציפ, אן איינגעבארענע און א ספעציעל־לאקאליזירטע אנפניותדיקייט פון די חושים

אדער פון באוווסטזיין, און צולעצט א געוויסע נישט-מאטערי-עלע איינשטעלונג צום לעבן, ד. ה. אלץ, וואס איז פון תמיד אן באצייכנט געווארן אלס אידעאליזם. אויף אזא אופן לאזט זיך זאגן, — נישט ארייגפאלנדיק פונדעסטוועגן אין א ווערטער-שפיל, — אז א ווערק פארמאגט רעאליזם דאן, ווען די נשמה פארמאגט אידעאליזם, און, אז בלויז א דאנק דעם אידעאליזם, קומט מען אין קאנטאקט מיט דערווירקלעכקייט.

די דראמאטישע קונסט איז נישט קיין יוצא מן הכלל אין דאָזיקן געזעץ. דאָס, וואָס די דראמע זוכט און ברענגט ארויס אויף דער ליכטיקער שיין, איז די טיפע ווירקלעכקייט, וועלכע איז פארשלייערט פון אונז (אָפט מאָל צוליב אונזער אייגענעם אינטערעס) דורך די נויטוועגדיקייטן פון לעבן.

וואָס איז דאָס וועזן פון דער דאָזיקער רעאליטעט? אין וואָס באשטייט דאָס וועזן פון דידאָזיקע נויטוועגדיקייטן? יעדע ארט פאָעזיע דריקט אויס נשמה-צושטאנדן. אָבער צווישן דידאָזיקע לעצטע זענען דאָ אזעלכע, וואָס ווערן דער עיקר געבוירן פון קאָנטאקט אין וועלכן דער מענטש קומט מיט זיינס-גלייכן. דידאָזיקע זענען די שטארקסטע געפילן און גלייכצייטיק אויך די געוואלדטעטיקסטע. גלייך ווי די עלעקטרישע שטראָמען אקומולירן זיך צווישן דיביידע פלאטן פון קאָנ-דענסאטאָר, פון וואנען ס'וועט ארויסשפריצן דער פונק, אזוי שאפן זיך אויך, ביי דער בלויזער צענויפטרעפונג פון מענטשן, טיפע צוציאונגען און אָפשטויסונגען, עס טרעט איין א פול-שטענדיקע שטערונג פון גלייכגעוויכט, מיט איין וואָרט, יענע עלעקטריזאציע פון דער נשמה, וועלכע איז — די ליידנשאפט.

ווען דער מענטש זאָל זיך בלויז אָנטרויען דער באווע-גונג פון זיין זינלעכער נאטור, ווען ער זאָל נישט האָבן נישט קיין סאָציאלן און נישט קיין מאָראלישן געזעץ, וואָלטן אויס-ברוכן פון געוואלדטעטיקע געפילן געווען א געוויינלעכע דער-שיינונג אין לעבן. דעם מענטשנס נוצן פאָדערט אָבער, אז די-דאָזיקע אויסברוכן זאָלן אונטערדריקט ווערן; ס'איז אומבא-דינגט נויטיק, אז דער מענטש זאָל לעבן אין א געמיינשאפט

און זאָל זיך, במילא, אונטערוואַרפן געוויסע געזעצן. און דאָס, וואָס דער אייגענער אינטערעס עצהט, באַפעלט דער פאַרשטאַנד: עס עקזיסטירט אַ פליכט און אונזער באַשטימונג איז — אי״ר פאָלגן.

אונטער דערדאָזיקער טאָפּלטער השפעה האָט זיך ביים מענטשלעכן מין געמוזט אויספאָרמירן אַ געוויסע אויבערפלעכלעכע שיכט פון געפילן און געדאַנקען, וועלכע האָבן אַ פאַרלאַנג צו זיין אומפאַרענדערלעך, לכל הפחות געמיינזאַם פאַר אַלע מענטשן, און דאָרט, וו זיי האָבן נישט קיין כח אויסצולעשן דעם אינערלעכן פייער פון אינדיווידועלע ליידנשאַפטן — דעקן זיי אים צו פון אויבן. דער פאַמעלעכער פראָגרעס פון דער מענטשהייט צו אַלץ אַ מער פרידלעכן סאָציאַלן לעבן, האָט ביסלעכוויז פאַרפעסטיקט דידאָזיקע שיכט, פונקט ווי דאָס לעבן פון אונזער פלאַנעט איז אויך געווען אַ לאַנגע אָנשטרענגונג צו פאַרדעקן מיט אַ פעסטער און קאַלטער קאָרע די פייערדיקע מאַסע פון זודיקן מעטאַל. עס קומען אָבער פאָר אויף אונזער ערד וולקאַן-אויסברוכן. און ווען די ערד וואָלט געווען אַ לעבעדיק וועזן, ווי דאָס האָט געוואָלט האָבן די מיטאָלאָגיע, וואָלט זי אפשר ליב געהאַט צו טרוימען אין אירע רויקע שעהן וועגן דידאָזיקע פלוצימדיקע אויסברוכן, בעת וועלכע עס אַנטפּלעקט זיך איר מיטאַמאָל דאָס סאַמע טיפסטע פון איר וועזן. און אַזאַ מין הנאה פאַרשאַפט אונז טאַקע די דראַמע. אונטער דער רויקער, בורזשואַזער לעבנס-שיכט, אין וועלכער די געזעלשאַפט און דער פאַרשטאַנד האָבן אונז איינגעשלאָסן, וועקט די דראַמע אויף אין אונז עפּעס אַזוינס, וואָס צום גליק קומט עס נישט צום אויסברוך, אָבער זי לאָזט אונז שפירן די אינערלעכע שפּאַנונג פון דאָזיקן „עפּעס". די דראַמע רעוואַנשירט די נאַטור לגבי דער געזעלשאַפט. אַמאָל גייט זי אָן אומוועגן גלייך צום ציל; זי רופט אַרויס פון דער טיפעניש אויף דער אויבערפלאַך די ליידנשאַפטן, וואָס רייסן אַלץ אויף אין דער לופטן. אַמאָל ווידער נעמט זי אַן אומוועג, ווי דאָס פּראַקטיצירט אָפט די מאָדערנע דראַמע; זי דעקט

פֿאַר אונז אויף, אָפּטמאָל מיט אַ סאָפֿיסטישער געשיקטקייט, די סתּירות, אין וועלכע די געזעלשאַפֿט פֿאַלט אַריין מיט זיך אַליין; זי איבערטרייבט אַלץ, וואָס איז געקינסטלט אין סאָציאַלן געזעץ; און אַזוי אַרום, צערייסנדיק דאָסמאָל דעם צודעק־שיכט, לאָזט זי אונז אומדירעקט ווידער קומען אין באַרירונג מיט דער טיפֿעניש. אָבער אין ביידע פֿאַלן, סיי דאַן, ווען זי שוואַכט אָפּ די געזעלשאַפֿט און סיי דאַן, ווען זי פֿאַרשטאַרקט די נאַטור, האָט זי פֿאַר זיך איין ציל: אויפֿדעקן פֿאַר אונז די פֿאַרבאָרגענע טייל פֿון אונזער אייגענעם איך, די טייל, וועלכע מען וואָלט מיט רעכט געקענט באַטראַכטן אַלס טראַגישן עלעמענט פֿון אונזער פּערזענלעכקייט. נאָך אַ פֿאָרשטעלונג פֿון אַ שיינער דראַמע לעבן מיר טאַקע איבער דעמדאָזיקן געפֿיל. דעם גרעסטן אינטערעס האָט געהאַט פֿאַר אונז נישט דאָס, וואָס מ׳האָט אונז דערציילט וועגן אַנדערע, נאָר דאָס, אויף וואָס מ׳האָט אונז אָנגעוויזן אין אונז גופֿא, — יענע גאַנצע פֿאַרנעפּלטע וועלט פֿון אומקלאָרע זאַכן, וואָס וואָלטן וועלן רעאַליזירט ווערן און האָבן דאָס, צו אונזער גליק, נישט געוויזן. עס דאַכט זיך אונז, אַז ס׳האָט אין אונז דורכגעקלונגען אַ רוף צו די אומענדלעך־אַלטע אַטאַוויסטישע דערינערונגען, וואָס זענען אַזוי טיף, אַזוי פֿרעמד אונזער איצטיקן לעבן, אַז דאָסדאָזיקע לעבן ווייזט זיך אַרויס אין משך פֿון עטלעכע מינוט ווי עפּעס נישט־רעאַלעס, אָדער עפּעס אַזוינס, צו וואָס מ׳דאַרף זיך פֿון דאָסניי צוגרייטן. אַזוי אַרום זעען מיר, אַז די דראַמע, וואָס גייט זוכן אַ טיפֿערע ווירקלעכקייט אונטער די מער נוצלעכע דעראָבערונגען פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, שטעלט זיך דעמזעלבן ציל ווי אַלע אַנדערע קונסט־צווייגן.

דערפֿון איז געדרונגען, אַז די קונסט האָט תּמיד אין אויג דאָס א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ע. דער מאָלער פֿיקסירט אויפֿן לייוונט עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט געזען אויף אַ געוויסן אָרט, אין אַ געוויסן טאָג, אין אַ באַשטימטער שעה, מיט אַזוינע פֿאַרבן, וועלכע מ׳וועט שוין קיינמאָל מער נישט זען. דער דיכטער באַזינגט אַ נשמה־צושטאַנד, וועלכן בלויז ער האָט

דורכגעלעבט, און וועלכער וועט זיך שוין נישט איבערחזרן. דער דראַמאַטורג פֿאַרקערפּערט פֿאַר אונזערע אויגן די אַנטוויקלונג פֿון אַ נשמה, אַ לעבעדיקע פֿאַרקײטלונג פֿון געפֿילן און געשעענישן, מיט איין וואָרט, עפּעס אַזוינס, וואָס איז פֿאָרגעקומען איינמאָל און וועט זיך שוין מער קיינמאָל נישט איבערחזרן. אומזיסט האָבן מיר דידאָזיקע געפֿילן געגעבן אַלגעמיינע נעמען; אין אַ צווייטער נשמה וועלן זיי שוין נישט זיין דאָסזעלבע ווי אין דער ערשטער: זיי ווערן אינדיווידואַליזירט. און בלויז אַ דאַנק דעם געהערן זיי צו דער קונסט, ווייל אַלע פֿאַראַלגעמיינערונגען, סימבאָלן, אַפֿילו טיפּן, אויב איר ווילט, זענען גאַנגבאַרע מטבעות אין אונזער טאָג־טעגלעכער באַגריפֿןוועלט. פֿונוואַנעט־זשע נעמט זיך די מיספֿאַרשטענדעניש אין דאָזיקן פּונקט?

די סיבה פֿון דערדאָזיקער מיספֿאַרשטענדעניש ליגט אין דעם, וואָס מ'האָט צעזונפֿגעמישט צוויי גרונטפֿאַרשידענע זאַכן: די פֿאַראַלגעמיינערונג פֿון די אָביעקטן און די פֿאַראַלגעמיינערונג פֿון די אורטיילן, וועלכע מיר טראָגן אַרויס וועגן זיי. דאָס, וואָס אַ געוויסער געפֿיל ווערט אַלגעמיין אָנערקענט פֿאַר ריכטיק, איז נאָך נישט קיין באַווייז, אַז דאָס איז אַן אַלגעמיינער געפֿיל. למשל: נישטאָ קיין מער אייגנאַרטיקע פּערזאָן ווי האַמלעט. אויב ער איז אַפֿילו מיט געוויסע זאַכן ענלעך אויף אַנדערע מענטשן, אינטערעסירט ער אונדז אָבער נישט דורך זיי. פֿונדעסטוועגן איז האַמלעט אַלגעמיין אָנגענומען און אַלע באַטראַכטן אים ווי אַ לעבעדיקע פּערזאָן. און בלויז אין דאָזיקן זין איז האַמלעט אוניווערסאַל אמתדיק.

דאָסזעלבע איז גילטיק אויך פֿאַר אַנדערע קונסט־שאַפֿונגען. יעדע פֿון זיי איז אייגנאַרטיק, אויב אָבער זי טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פֿון גאון, וועט זי סוף־כּל־סוף אָנערקענט ווערן דורך דער גאַנצער וועלט. פֿאַרוואָס נעמט זי די וועלט אָן? און אויב זי איז איינציקאַרטיק, לויט וועלכע סימנים דערקענט מען, צי זי איז אמתדיק? איך גלויב, אַז מיר דערקענען דידאָזיקע אמתדיקייט לויט דער אָנשטרענגונג, וועלכע

זי צווינגט אונז צו מאַכן איבער זיך אַליין, כדי אויפריכטי־קער צו באַמערקן דעם אָרום. אויפריכטיקייט איז אָנשטעקנדיק. דאָס, וואָס דער קינסטלער האָט געזען, וועלן מיר, פאַרשטייט זיך, נישט זען, לכל הפחות נישט אינגאַנצן דאָסזעלבע; אויב ער האָט אָבער געזען אויפריכטיק, גיט זיך אונז איבער די אָנשטרענגונג, וועלכע ער האָט געמאַכט אויף אָפּצוהויבן דעם שלייער. זיין ווערק איז פאַר אונז אַ באַלערנדיקער ביישפּיל. און לויט דער ווירקונג פון דער לעקציע, ווערט טאַקע געמאָסטן די אמתדיקייט פונם ווערק. אַזוי אַרום זעען מיר, אַז דער אמת טראָגט אין זיך אַ גרויסע איבערצייגונגס־קראַפט, און דאָס איז דער בעסטער סימן, לויט וועלכן ער לאָזט זיך דערקענען. וואָס גרעסער עס איז אַ ווערק און וואָס טיפער דער איינגעזעענער אמת, אַלץ גרעסער איז זיין ווירקונג און אַלץ מער האָט די דאָזיקע ווירקונג אַ טענדענץ צו ווערן אוניווערסאַל. אַזוי אַרום נעמט זיך דאָ דער אוניווערסאַליזם פון דער אַרויסגערופענער ווירקונג און נישט פון דער סיבה.

פון אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער איז דער אָביעקט פון דער קאָמעדיע. דאָ איז די אַלגעמיינקייט אַ וועזנטלעכער עלעמענט פון ווערק גופא. די קאָמעדיע מאָלט כאַראַקטערן, וועלכע מיר האָבן שוין געטראָפן, און וועלכע מיר וועלן נאָך נישט איינמאָל טרעפן אויף אונזער לעבנס־וועג. זי שטרייכט אונטער ענלעכקייטן; איר ציל איז צו פאַרשטעלן פאַר אונז טיפּן; ווען ס'איז נויטיק, שאַפט זי אפילו נייע טיפּן, — און צוליב דידאָזיקע טעמים טיילט זי זיך אָפּ פון די אַנדערע קונסט־צווייגן.

שוין די טיטלען אַליין פון די גרויסע קאָמעדיעס זענען כאַראַקטעריסטיש אין דאָזיקן הינזיכט. ד ע ר מ י ז אַ נ ט ר אָ פּ, ד ע ר ק אַ ר ג ע ר, ד ע ר ק אָ ר ט ן־ש פּ י ל ע ר, ד ע ר צ ע ט ר אָ ג ע נ ע ר א. אַ. וו., דאָס אַלץ זענען מין־נעמען; און אפילו דאָרט, ווו אַ כאַראַקטער־קאָמעדיע טראָגט אַלס טיטל אַן אייגננאָמען, ווערט דערדאָזיקער אייגננאָמען גאַנץ גיך אַרייַנגעצויגן (צוליבן געוויכט פון זיין אינהאַלט) אין שטראָם פון

מין-נעמען. מיר זאָגן „אַ טאַרטיוף"*) אָבער מיר זאָגן ניט „אַ פעדר",**) אָדער אַ „פּאָליעקט".***)

אַ טראַגישן דיכטער וועט קיינמאָל נישט איינפאַלן צו גרופירן אַרום זיין הויפט-העלד צווייטראַנגיקע פערזאָנען, וועלכע זאָלן זיין, אַזוי צו זאָגן, זיינע פאַרייניפאַכטע קאָפּיעס. דער העלד פון אַ טראַגעדיע איז אַן איינציקאַרטיקע אינדיווידואַליטעט. מ'קען אים נאָכמאַכן, אָבער אין דאָזיקן פאַל וועט מען באַוווסטזיניק צי אומבאַוווסטזיניק אַריינפאַלן פון טראַגיזם אין קאָמיזם. קיינער איז נישט ענלעך צו אים, ווייל ער איז אויף קיינעם נישט ענלעך. אַ פאַרקערטע און כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג באַמערקן מיר ביים קאָמעדיען-שרייבער: גלייך ווי ער שאַפט זיין צענטראַלן העלד, רינגלט ער אים אַרום מיט אַ גאַנצער ריי אַנדער פערזאָנען, וועלכע ווייזן אויף דיזעלבע עיקרדיקע שטריכן, ווי ער. אַ סך קאָמעדיעס האָבן אַ קאָלעקטיוון טיטל, אָדער אַ נאָמען אין מערצאָל. „די געלערנטע פרויען", „די לעכערלעכע פּאָזירערקעס", „די געזעלשאַפט, ווו מ'לאַנגווייליקט זיך", א. אַ. וו. זענען נישט מער ווי אַ מאַסע ראַנדעווועז אויף דער סצענע צווישן פאַרשידענע פערזאָנען, וועלכע שטעלן פאָר איין-און-דעמזעלבן עיקרדיקן טיפּ. ס'וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו אַנאַליזירן דידאָזיקע טענדענץ פון דער קאָמעדיע. קודם כל וואָלט מען דאָרט אפשר געפונען דעם פּאָרגעפיל פון אַ פאַקט, אויף וועלכן די דאָקטוירים האָבן אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז די גייסטיק-אויסגעגליטשטע פון איין מין ווערן געשטויסן דורך אַ געהיימנישפולער צוציאונגס-קראַפט איינער צום צווייטן. די קאָמישע פערזאָן איז געוויינלעך נישט קיין פּאַטאָלאָגישער טיפּ, זי איז אָבער, ווי מיר האָבן דאָס געזען אויפגעוויזן, אַ צעשטרייטער, און דער איבערגאַנג פון דעראָזיקער צעשטרייטקייט צו אַ פולשטענדיקער שטערנג פון

---

*) דער העלד פון מאָליערס דראַמע „טאַרטיוף" איז געוואָרן אַ סינאָנים פון אַ צביעותדיקע פערזאָן. (איב.)

**) די העלדין פון ראַסינס טראַגעדיע „פעדר". (איב.)

***) דער העלד פון קאָרנעלס טראַגעדיע „פּאָליעקט" (איב.).

דער גייסטיקער-גלייכגעוויכט קומט פאַר אומבאַמערקבאַר. אָבער ס'איז דאָ נאָך אַ טעם אין דעם. אויב די אויפגאַבע פון קאָמעדיען-שרייבער באַשטייט אין פאַרשטעלן פאַר אונז טיפּן, ד. ה. כאַראַקטערן, וועלכע זענען פעיק זיך איבערצוחזרן, ווען עס אונז געלינגען אָמבעסטן, ווען ער ווייזט אונז עטלעכע פאַרשידענע עקזעמפּלאַרן פון זעלבן טיפּ. דער נאַטור-פאַרשער באַנעמט זיך אויפן זעלבן אופן, ווען ער באַהאַנדלט אַ מין: ער רעכנט אויס און באַשרייבט די עיקרדיקע וואַריאַציעס.

דערדאזיקער וועזנטלעכער אונטערשייד צווישן דער טראַ־געדיע, וואס פארנעמט זיך מיט אינדיווידואומס, און דער קאמעדיע, וואס האט צו טאן מיט מינים, קומט צום אויסדרוק נאך אויף אן אנדער אופן. מיר געפינען אים שוין אין דער ערשטער סקיצירונג פון ווערק. ער מאניפעסטירט זיך גלייך פון אנהויב דורך צוויי גרונט-פארשידענע באאבאכטונגס-אופנים.

ווי פאראדאקסאל עס זאל נישט אויסקומען די פאלגנדיקע פארזיכערונג, מוז איך זי דא ארויסזאגן: איך גלויב נישט, אז א טראגישער דיכטער זאל זיך נויטיקן אין אבסערווירן אנדערע מענטשן. קודם-כל זעען מיר, אז א סך גאר גרויסע דיכטער האבן געפירט זייער אן אפגעשלאסן, קליין-בירגערלעך לעבן, אזוי, אז זיי האבן נישט געהאט די געלעגנהייט צו זען ארום זיך דעם אויסברוך פון יענע ליידנשאפטן, וועלכע זיי האבן אזוי ריכטיק באשריבן. אבער, ווען מיר זאלן שוין אפילו אנ־נעמען, אז דיווירקלעכקייט האט זיי יא געלאזט באאבאכטן דידאזיקע ליידנשאפטן, איז נאך א פראגע, צי דאס האט זיי געבראכט גרויס נוצן.

אין א ווערק פון א דיכטער אינטערעסירט אונז בלויז די וויזיע פון געוויסע זייער טיפע נשמה-צושטאנדן, אדער פון גע־וויסע גאר אינטימע קאנפליקטן. דידאזיקע וויזיע קען אבער קיינמאל נישט קומען פון דרויסן. מענטשלעכע נשמות זענען אפגעשלאסן איינע פאר דער צווייטער. אויסערלעך זעען מיר בלויז געוויסע סימנים פון דער ליידנשאפט. מיר קענען זיי בלויז אויסטייטשן, — און דאס אויך נישט ווי געהעריק, — דורך

א פארגלייך מיט דעם, וואס מיר אליין האבן איבערגעלעבט. פון דעם איז געדרונגען, אז דאס וויכטיקסטע איז דאס, וואס מיר פילן דורך אליין, אז בלויז אונזער אייגן הארץ קענען מיר טיף דערגרינדן, — אויב אונז געלינגט עס צו דער־קענען.

מיינט עס דען אבער צו זאגן, אז דער דיכטער האט דורכגעלעבט אלץ, וואס ער באשרייבט, אז ער האט דורכגעמאכט אלע סיטואציעס פון זיינע העלדן און געלעבט זייער אינערלעך לעבן? אויך דאס לייקענען אפ די ביאגראפיעס פון די דיכטער. און באמת, וויאזוי קען מען צולאזן דעם געדאנק, אז דער־זעלבער מענטש איז געווען מאקבעט, אטעללא, האמלעט, דער קעניג ליר און נאך א סך אנדערע? ס'קען זיין, אז מ'וואלט דא געדארפט אונטערשיידן צווישן דער פערזענלעכקייט, וועלכע מ'איז, און צווישן יענע פערזענלעכקייטן, וועלכע מ'וואלט געקענט זיין. אונזער כאראקטער איז א רעזולטאט פון א כסדר באנייטן אויסוואל. לענגאויס אונזער לעבנס־וועג ליגן שייד־פונקטן (לכל הפחות כלומרשטע) און מיר זעען פאר זיך אלערליי מעגלעכע ריכטונגען, כאטש מיר קענען זיך באוועגן בלויז אין איינער פון זיי. זיך קענען אומקערן אויף צוריק און נאכפאלגן ביזן סוף די פריער באמערקטע מעגלעכע ריכטונגען, — אין דעם, דאכט זיך, באשטייט די דיכטערישע פאנטאזיע. כ'בין מודה, נאטירלעך, אז שעקספיר איז נישט געווען נישט מאקבעט, נישט האמלעט, נישט אטעללא; ער וואלט אבער געקענט זיין דידאזיקע פארשידענע פערזאנען, ווען די באדינגונגען, פון איין זייט, און די איינוויליגונג פון זיין ווילן, פון דער צווייטער זייט, וואלטן דערפירט צו א געוואלדטעטיקן אויסברוך פון דאס אלץ, וואס איז ביי אים פארשטויסן געווען אין די טיפענישן פון זיין פערזענלעכקייט. מ'האט זייער א פאלשע פארשטעלונג וועגן דער ראל פון דער דיכטערישער פאנטאזיע אויב מ'מיינט, אז זי שטוקעוועט צענויף אירע העלדן פון שטיקלעך, וועלכע זי אנטלייט אויף רעכטס און אויף לינקס ביי איר אומגעבונג, פונקט ווי מ'נייט אויף א מלבוש פאר אן ארלעקין. פון אזא

שטוקעווען וואלט נישט ארויסגעקומען קיין שום לעבעדיקס. דאס לעבן לאזט זיך נישט צענויפשטעלן. מ׳קען עס בלויז אבסערווירן. די דיכטערישע פאנטאזיע איז נישט מער ווי א פולקאמענערע וויזיע פון דערווירקלעכקייט. אויב די העלדן, וועלכע דער דיכטער שאפט, מאכן אויף אונז אן איינדרוק פון לעבעדיקע, איז דאס נאר דערפאר, ווייל זיי זענען דער דיכטער גופא, דער פארפילפאכטער דיכטער, דער דיכטער, וואס פאר־טיפט זיך אליין דורך אזא מעכטיקער אנשטרענגונג פון אינער־לעכער אבסערוואציע, אז ער כאפט אויף דאס פאטענציעלע אין דער ווירקלעכקייט און מאכט א פולקאמען ווערק פון די אייגנ־שאפטן, וועלכע די נאטור האט געלאזן אין ·אים אין צושטאנד פון א סקיץ, אדער פון א פשוטן פראיעקט.

א גאנץ אנדער כאראקטער טראגט די אבסערוואציע, פון וועלכער עס ווערט געבוירן די קאמעדיע. דאס איז אן אויסערלעכע אבסערוואציע. ווי נייגעריק דער קאמעדיען־שרייבער זאל נישט זיין צו לעכערלעכע זייטן פון דער מענטשלעכער נאטור, וועט ער פונדעסטוועגן אין זיין נייגעריקייט נישט גיין אזוי ווייט, צו זוכן זיי ביי זיך אליין. אגב, וועט ער זיי נישט געפינען: מיר זענען קאמיש בלויז דורך דער זייט פון אונזער פערזענלעכקייט, וואס בלייבט מחוץ די גרעניצן פון אונזער באוווסטזיין. פון דעם איז קלאר, אז דער קאמעדיען־שרייבער אבסערווירט בלויז אנדערע. און שוין צוליב דעם אליין וועט די דראזיקע אבסערוואציע אננעמען אן אלגעמיינעם כאראקטער, וועלכן זי קען נישט האבן, ווען זי ווערט אנגעווענדט אויף זיך אליין. בלייבנדיק אויף דער אויבערפלאך, דערגרייכט די דראזיקע אבסערוואציע בלויז די אויסערלעכע הילע פון מענטשן, זי באמערקט בלויז דאס, וואס א סך מענטשן האבן געמיינזא־מעס צווישן זיך און קענען, אזוי ארום, ענלעך ווערן איינער צום צווייטן. ווייטער קען זי נישט גיין. און ווען זי זאל דאס אפילו יא קענען, וואלט זי דאס נישט געוואלט, ווייל זי קען גארנישט געווינען דערפון. אריינדרינגען צו טיף אין דער פערזענלעכקייט פון א מענטשן, פארבינדן דעם אויסערלעכן

עפעקט מיט זיינע אינטימע סיבות. וואָלט געהייסן שטעלן אין סכנה און סוף־כל־סוף אינגאַנצן מקריב זיין דעם גאַנצן קאָמישן אינהאַלט פון אַ געוויסער דערשיינונג. כדי מיר זאָלן חשק האָבן צו לאַכן, מוזן מיר די סיבה פון געלעכטער לאָקאַליזירן אין אַ מיטעלער נשמה־שיכט. און במילא איז נויטיק, אַז די דערשיינונג זאָל אונז פאָרקומען לכל היותר אַלס מיטלמעסיק, וואָס דריקט אויס דעם דורכשניט פון אַ מענטשלעכער נשמה. און ווי יעדער דורכשניט באַקומט מען אויך דעמדאָזיקן דורך דערנענטערן צווישן זיך צעוואָרפענע פאַקטן, דורך פאַרגלייכן אַנאַלאָגישע געשעענישן, פון וועלכע מ׳דריקט אויס זייער קווינטעסענץ, מיט איין וואָרט דורך אַן ענלעכן מעטאָד פון אַבסטראַאירן און פאַראַלגעמיינערן, מיט וועלכן דער פיזיקער באַאַרבעט די פאַקטן, כדי אַרויסצופירן פון זיי געזעצן. בקיצור, דער מעטאָד און דער אָביעקט זענען דאָ פון דערזעלבער נאַטור, ווי אין די אינדוקטיווע וויסנשאַפטן, אין דעם זין, פאַרשטייט זיך, וואָס די אָבסערוואַציע איז אַן אויסערלעכע און דער רעזולטאַט לאָזט זיך פאַראַלגעמיינערן.

אויף אַזאַ אופן קערן מיר זיך אום, נאָך אַ לאַנגן אומוועג, צו דער טאָפלטער הנחה, וואָס האָט זיך שוין פריער געהאַט אַרויסגעשטעלט אין משך פון אונזער אָפהאַנדלונג. פון איין זייט איז אַ מענטש תמיד קאָמיש בלויז דורך אַ געוויסער אייגנשאַפט, וואָס איז ענלעך צו צעשטרייטקייט, דורך עפעס אַזוינס, וואָס לעבט אויף אים, נישט פאַרבינדנדיק זיך אָרגאַניש מיט אים, ווי אַ מין פאַראַזיט; און דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס דידאָזיקע אייגנשאַפט ווערט באַמערקט פון דרויסן און לאָזט זיך אויסבעסערן. אָבער פון דער צווייטער זייט, אויב דער ציל פון געלעכטער איז דידאָזיקע אויסבעסערונג, איז געוווּנטשן, אַז די אויסבעסערונג זאָל פאַר איין קלאַפ טרעפן אַ וואָס גרעסערע צאָל פערזאָנען. דעריבער שטרעבט די קאָמישע אָבסערוואַציע אינסטינקטיוו צו דער פאַראַלגעמיינערונג. זי קלויבט אויס צווישן די משונהדיקייטן די פון זיי, וואָס זענען פעיק זיך איבערצוחזרן און וואָס זענען, במילא, נישט פאַרבונדן אומצערייסבאַר מיט דער פערזענ-

לעכקייט פון געגעבענעם מענטשן ; מ׳וואָלט זיי געקענט אַ נאָמען געבן „אַלגעמיינע משונהדיקייטן״. ווען מ׳טראָגט זיי איבער אויף דער סצענע, שאַפן זיי ווערק, וואָס געהערן אָן ספק צו דער קונסט, אויף וויפל זיי שטעלן זיך באַוווסטזיניק דעם איינציקן ציל געפעלן צו ווערן, אָבער זיי אונטערשיידן זיך פון אַנדערע קונסט-ווערק דורך זייער אַלגעמיינעם כאַראַקטער, ווי אויך דורך זייער אומבאַוווסטזיניקער הינטער-כּונה אויסצובעסערן און באַלערן. אַזוי אַרום וואָלטן מיר מיט רעכט געקענט זאָגן, אַז די קאָמעדיע איז אַ מין מיטלגליד צווישן דער קונסט און דעם לעבן. זי איז נישט אַזוי אָנפּניותדיק ווי די ריינע קונסט. אָרגאַניזירנדיק דעם געלעכטער, באַטראַכט זי דאָס סאָציאַלע לעבן ווי זיין נאַטירלעכע סביבה ; זי גייט אַפילו תּמיד אין די שפּורן פון אַ געוויסער שטרעמונג אין סאָציאַלן לעבן. און אין דאָזיקן פּונקט קערט זי זיך אָפּ פון דער קונסט, וואָס רייסט איבער לחלוטין מיט דער געזעלשאַפט און קערט זיך אום צו דער פּשוטער נאַטור.

II

לאָמיר איצט זען, מיט וועלכע מיטלען קען מען שאַפן אַ כאַראַקטער-אייגנשאַפט פון אידעאַלן קאָמיזם, וואָס זאָל זיין קאָמיש אין זיך אַליין, קאָמיש אין איר עיקר-וועזן, קאָמיש אין אירע אַלע מאַניפעסטירונגען. זי מוז זיין טיף, כּדי צו פאַרזאָרגן דער קאָמעדיע מיט אַ דויערהאַפטער שפּייז, און גלייכצייטיק אויבערפלעכלעך, כּדי נישט אַרויסצופאַלן פון קאָמעדיע-טאָן ; אומזעבאַר פאַר דעם, ווער ס׳באַזיצט זי, ווייל דער קאָמיזם איז אומבאַוווסטזיניק, און זעבאַר פאַר אַלע איבעריקע, כּדי זי זאָל אַרויסרופן אַן אַלגעמיינעם געלעכטער ; פול איינזעעניש צו זיך אַליין, כּדי זי זאָל זיך קענען אויסשפּרייטן אומזשענירט, און שאָקירנדיק פאַר אַנדערע, כּדי זיי זאָלן זי אונטערדריקן אָן רחמנות ; מעיק תּיכּף אויסצובעסערן זיך, כּדי עס זאָל

נישט זיין נוצלאַז דאָס אַפּחוזקן פון איר; מ׳מוז זיין זיכער, אַז זי וועט צוריק קומען צום אויסדרוק ביי נייע באַדינגונגען, כּדי דער געלעכטער זאָל תּמיד האָבן וואָס צו טאָן; אומאָפּטיילבאַר פון סאָציאַלן לעבן, כאָטש אומדערטרעגלעך פאַר דער געזעלשאַפט; און צולעצט, פעיק אָנצונעמען די גרעסטע צאָל פאַרשידנאַרטיקסטע פאָרמען, צו פאַרבינדן זיך אַלע שלעכטע מידות און אַפילו מיט געוויסע טוגנטן. אָט דידאָזיקע אַלע עלעמענטן דאַרף זי אין זיך פאַראייניקן, פאַראַרבעטן צוזאַמען. אמת, דער נשמה־כעמיקער, וועלכן מ׳וואָלט אָנגעטרויט די צענויפשטעלונג פון דאָזיקן דעליקאַטן פּרעפּאַראַט, וואָלט אַביסל געווען אַנטוישט, ווען ס׳וואָלט געקומען דער מאָמענט אויסצוליידיקן זיין רעטאַרטע. ער וואָלט דערזען, אַז ער האָט זיך געגעבן אַזוי פיל מי, כּדי צענויפצושטעלן אַ מישונג, וועלכע מ׳קען לייכט באַקומען אַ פאַרטיקע, ווייל זי איז שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן די מענטשן, אַזוי ווי לופט אין דער נאַטור.

דידאָזיקע מישונג איז די גאווה. כ׳ספק שטאַרק, צי ס׳איז דאָ אַ מער איבערפלעכלעכער, און גלייכצייטיק אויך אַ טיפערער פעלער. די וווּנדן, וועלכע מ׳מאַכט איר, זענען קיינמאָל נישט קיין שווערע, און פונדעסטוועגן גענעזן זיי קיינמאָל נישט. די טובות, וועלכע מ׳טוט איר, זענען די פיקטיווסטע אויף דער וועלט, און גראָד זיי רופן אַרויס אַ דויערהאַפטע דאַנקבאַרקייט. זי אַליין איז כּמעט קיין פעלער נישט, און פונדעסטוועגן גרופּירן זיך אַלע פעלערן אַרום איר, און ווען זיי ווערן ראַפינירטער, האָבן זיי פאַר זיך דעם איינציקן ציל: דינען אַלס מיטלען פאַר איר באַפרידיקונג.

די גאווה איז אַ קינד פון סאָציאַלן לעבן, ווייל די באַוווּנדערונג פון דער אייגענער פּערזאָן באַזירט אויף דער באַוווּנדערונג, וועלכע מ׳רופט כּלומרשט אַרויס ביי אַנדערע, און זי איז אַ סך נאַטירלעכער, אַ סך איינגעבאָרענער, ווי דער עגאיזם, ווייל דעם עגאיזם איז אָפטמאָל גובר די נאַטור אַליין, בעת די גאווה קענען מיר באַזיגן בלויז מיט דער הילף פון

רעפלעקסיע. כ'בין זיכער, אַז קיין איין מענטש ווערט נישט געבאָרן אויף דער וועלט קיין ענו, אויב מיר זאָלן נישט אָננעמען פאַר עניוות אַ געוויסע ריין פיזישע נישט־דרייסטקייט, וועלכע איז, אגב, אַ סך נענטער צו שטאָלץ, ווי מיר מיינען. די אמתע עניוות קען בלויז זיין אַ רעזולטאַט פון אַ געוויסן פאַרטראַכטן זיך איבער גאוה. זי ווערט געבוירן פון צוקוקן זיך צו די גאוהדיקע אילוזיעס פון אַנדערע און פון דער מורא — אַליין אויך נישט אַריינצופאַלן אין זיי. זי איז אַ מין ווייסנשאַפטלעכע פאָראויסזעאונג בנוגע דעם, וואָס מ'קען זאָגן און טראַכטן וועגן אונז. זי ווערט געשאַפן דורך זעלבסטאויס־בעסערונגען און פאַרטושירונגען פון אייגענע פעלערן. מיט איין וואָרט, זי איז אַ דערוואָרבענע טוגנט.

ס'איז שווער געפֿנוי אָנצווייזן דעם מאָמענט, ווען די באַמיאונג צו זיין עניוותדיק טיילט זיך אָפּ פון דער מורא צו ווערן לעכערלעך. אָבער ס'איז קיין שום ספק נישטאָ, אַז דידאָזיקע מורא און דידאָזיקע באַמיאונג פאַלן צענויף ביי זייער געבורט אין איין גאַנצעס. אַ פולשטענדיקע אָפּהאַנדלונג וועגן די גאוהדיקע איליוזיעס. און וועגן דער לעכערלעכקייט, וואָס באַגלייט זיי תמיד, וואָלט געוואָרפן אַ גאַנץ אייגנאַרטיקע ליכט אויף דער טעאָריע פון געלעכטער. זי וואָלט קלאָר אויפֿגעוויזן, ווי אַזוי דער געלעכטער פירט אויס רעגולער איינע פון זיינע הויפט־פונקציעס, וואָס באַשטייט אין ברענגען צו זייער אייגענעם פולן באַוווּסטזיין די צעשטרייטע אייגנליבעס און אַזוי אַרום דערפירן די כאַראַקטערן צו דער העכסטער שטופע פון געזעלשאַפטלעכקייט. דידאָזיקע אָפּהאַנדלונג וואָלט אויך געוויזן, ווי אַזוי די גאוה, וואָס איז אַ נאַטירלעכער פּראָדוקט פון סאָציאַלן לעבן, שעדיקט כּסדר דעם גע־זעלשאַפט, אַזוי ווי געוויסע לייכטע סמען, וועלכע אונזער אָר־גאַניזם טיילט פון זיך אויס אומאויפהערלעך, וואָלטן אים סוף־כּל־סוף פאַרסמט, ווען אַנדערע אינערלעכע סעקרעציעס וואָלטן נישט נייטראַליזירט זייער ווירקונג. דער געלעכטער פירט טאַקע כּסדר אויס אַזאַ מין אַרבעט. אין דאָזיקן זין לאָזט זיך זאָגן, אַז דער

ספּעציפֿישער הייל־מיטל פֿון גאווה איז דער געלעכטער און אַז דער קאָמישסטער פֿעלער איז גאווה.

ווען מיר האָבן באַהאַנדלט דעם קאָמיזם פֿון פֿאָרמען און באַוועגונגען, האָבן מיר אויפֿגעוויזן, ווי אַזוי די אָדער אַנדערע פּשוטע בילדער, וואָס זענען קאָמיש פֿאַר זיך אַליין, קענען זיך איינראַמען אין אַנדערע, מער קאָמפּליצירטע בילדער, און משפּיע זיין אויף זיי פֿון זייער קאָמישער אייגנשאַפֿט; און דערפֿון נעמט זיך, וואָס די העכסטע פֿאָרמען פֿון קאָמיזם לאָזן זיך אַמאָל דערקלערן דורך די נידעריקסטע. אָבער אַ פֿאַרקערטער פּראָצעס קומט נאָך אפֿשר פֿאָר אַ סך אָפֿטער; עס זענען דאָ אַ סך זייער גראָבע קאָמישע עפֿעקטן, וועלכע האָבן צו פֿאַרדאַנקען זייער עקזיסטענץ אַ סך סובטעלערע פֿאָרמען פֿון קאָמיזם.

לאָמיר נעמען, למשל, די גאווה: דידאָזיקע העכסטע פֿאָרם פֿון קאָמיזם איז אַן עלעמענט, וועלכן מיר זענען גענייגט צו זוכן ווי מיט ליכט, — כאָטש אומבאַוווסטזיניקערהייד, — אין אַלע דערשיינונגען פֿון מענטשלעכער טעטיקייט. מיר זוכן זי אפֿילו בלויז צוליב דעם, כּדי אָפּצולאַכן פֿון איר. און אונזער פֿאַנטאַזיע געפֿינט זי אָפֿט דאָרט, ווו זי איז גאָר קיינמאָל נישט געווען. מיט דעם לאָזט זיך אפֿשר דערקלערן דער גראָבער קאָמיזם פֿון געוויסע דערשיינונגען, וועלכע די פּסיכאָלאָגן האָבן נישט־באַפֿרידיקנדיק דערקלערט מיטן קאָנטראַסט: אַ קליינגע־וויקסיקער מענטש, וואָס בויגט זיך איין, כּדי דורכצוגיין אונטער אַ הויכער טיר; צוויי פּערזאָן, איינע זייער אַ הויכע, די צווייטע — אַ קליינינקע, וועלכע שפּאַצירן ערנסט אונטערן אָרעם, א. אַ. וו. איך מיין, אַז ווען מ׳קוקט זיך צו נענטער צום דאָזיקן לעצטן בילד, נעמט זיך דוכטן, ווי די קליינע פּערזאָן וואָלט געמאַכט אַן אָנשטרענגונג *אויסצוּוואַקסן* און זיך אויסגלייכן מיט דער גרעסערער, פּונקט ווי דער פּראָש, וואָס וויל ווערן גרויס, ווי דער אָקס.

III

ס׳איז, פֿאַרשטייט זיך, אוממעגלעך אויסצורעכענען דאָ אַלע אייגנאַרטיקייטן פֿון כאַראַקטער, וואָס פֿאַרבינדן זיך מיט דער גאוה, אָדער וואָס קאָנקורירן מיט איר, כּדי צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פֿון קאָמעדיען-שרייבער. מיר האָבן אויבן דערוויזן, אַז אַלע שלעכטע מידות קענען ווערן קאָמיש, און אַפילו געוויסע טוגנטן אויך. ווען עס וואָלט זיך אַפילו איינגעגעבן אויפצושטעלן אַ רשימה פֿון אַלע באַקאַנטע לעכערלעכקייטן, וואָלט זי די קאָמעדיע פֿונדעסטוועגן נישט אויפגעהערט צו פֿאַרגרעסערן, און נישט נאָר דורך שאַפֿן נייע אויספּאַנטאַזירטע קאָמיזמען, נאָך דורך אויפדעקן די קאָמישע ריכטונגען, וועלכע מ׳האָט ביז איצט נישט באַמערקט: פּונקט ווי די פֿאַרשטעלונגס-קראַפֿט קען אויסשניידן פֿון קאָמפּליצירטן מוסטער פֿון איין-און-דיזעלבע טאַפּעטן אַלץ נייע און נייע פֿיגורן.

כּדי די באַמערקטע אייגנאַרטיקייט זאָל אָבער ווערן קאָמיש, איז, ווי מיר ווייסן, נויטיק איין עיקרדיקער תּנאי: זי מוז אונז גלייך פֿאָרקומען ווי אַ מין ר אַ ם, וועלכע קען איינפֿאַסן אין זיך אַ סך פּערזאָנען.

עס עקזיסטירן אָבער אַ סך פֿאַרטיקע ראַמען, וועלכע די געזעלשאַפֿט גופא האָט געשאַפֿן, וועלכע זענען נויטיק דער געזעלשאַפֿט שוין צוליב דעם אַליין, וואָס זי באַזירט אויף אַן אַרבעטס-צעטיילונג. כ׳האָב דאָ אין אויג די מלאכות, פֿונקציעס און פּראָפֿעסיעס. יעדע ספּעציעלע פּראָפֿעסיע אַרבעט אויס ביי די, וועלכע שליסן זיך אָפּ אין איר, געוויסע גייסטיקע געוווינ-הייטן און געוויסע כאַראַקטער-אייגנאַרטיקייטן, וועלכע מאַכן זיי ענלעך צווישן זיך און דורך וועלכע זיי טיילן זיך אויס פֿון די איבעריקע מענטשן. אַזוי אַרום וואַקסן אויס אין שויס פֿון דער גרויסער געזעלשאַפֿט אַ סך קלייניקע געזעלשאַפֿטלעך.

ווי זענען, אמת, אַ רעזולטאַט פון דער געזעלשאַפטלעכער אָר־נאַניזאַציע אין אַלגעמיין, און פונדעסטוועגן וואָלטן זיי שאָדן דער געזעלשאַפטלעכקייט, ווען זיי זאָלן זיך צופיל איזאָלירן. און דער געלעכטער דערפילט טאַקע די פונקציע פון אונטער־דריקן די סעפּאַראַטיסטישע טענדענצן. זיין ראָל באַשטייט אין פאַרוואנדלען די פאַרשטייפטקייט אין עלאַסטישקייט, יעדן יחיד מאַכן צופּאַסונגס־פעיק צום כלל, מיט איין וואָרט, אָפּשלייפן די קאַנטן. אַזוי אַרום האָבן מיר דאָ פאַר זיך אַ געוויסן אַרט קאָמיזם, וואָס זיינע וואַריאַציעס קענען באַשטימט ווערן פאָ־רויס. מיר וועלן אים אָנרופן: פּ ר אָ פ ע ס י אָ נ ע ל ע ר ק אָ מ י ז ם.

מיר וועלן זיך נישט אַריינלאָזן אין די פּרטים פון די־דאָזיקע וואַריאַציעס. מיר וועלן זיך בעסער אָפּשטעלן אויף דאָס געמיינזאַמע ביי זיי. אין דער ערשטער שורה פאַרנעמט דאָ אַן אָרט די פּראָפעסיאָנעלע גאוה. יעדער איינער פון ה׳ זשורדענס*) לערערס, שטעלט זיין קונסט העכער פאַר אַלע אַנ־דערע. ביי לאַבישן געפינט איר אַ פאַרשוין, וואָס באַגרייפט נישט, וויאַזוי קען מען דאָס נישט זיין קיין האָלץ־סוחר: ער אַליין איז, פאַרשטייט זיך, אַ האָלץ־סוחר. אגב אורחא, וועט זיך די גאוה אַלץ מער פאַרנעמען מיטן וועג צו פּ י י ע ר־ל ע כ ק י י ט, אויף וויפל די געגעבענע פּראָפעסיע שליסט איין אין זיך אַ אלץ גרעסערע דאָזע שאַרלאַטאַניזם. וואָרום ס׳איז א כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג: וואָס מער א באַשעפטיקונג שטייט אונטער א פראגע־צייכן, אלץ מער זענען די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט איר, גענייגט צו האלטן זיך פאַר אַן עדה כּהנים און זיי פאָדערן מ׳זאָל בויגן די קאָפּ פאַר זייערע מיסטעריעס. די נוצלעכע פּראָפעסיעס זענען אַן מינדסטן ספק געשאַפן געוואָרן פאַר דער געזעלשאַפט; אָבער די־יעניקע פּראָ־פעסיעס, וואָס זייער נוצלעכקייט איז שטאַרק ספקדיק, קענען באַרעכטיקן זייער עקזיסטענץ בלויז דורך דער הנחה, אז די געזעלשאפט איז געשאפן געוואָרן פאַר זיי: אָט די־דאָזיקע

*) אַ באַרימטער טיפּ פון מאָליערס אַ קאָמעדיע. (איב.)

איליוזיע טאקע מאכט אויס דעם טיפסטן תוך פון פייערלעכן קולט, מיט וועלכן זיי רינגלען זיך ארום. דער קאָמיזם פון מאליערס דאקטוירים נעמט זיך אין זיין גרעסטן טייל פון דעם, וואס זיי באהאנדלען דעם חולה, ריכטיק ווי ער וואָלט באשאפן געוואָרן פארן דאָקטאָר, און די נאטור אליין — ווי זי זאָל אפהענגיק זיין פון דער מעדיצין.

א צווייטע פאָרם פון דערדאָזיקער קאָמישער פארשטייפטקייט באשטייט אין דעם, וואָס כ׳וואָלט אָנגערופן פ ר אָ פ ע ס י- אָ נ ע ל ע ג ע פ י ל ל אָ ז י ק י י ט. די קאָמישע פערזאן וועט זיך אזוי שטייף איינפאַסן אין די שטרענגע ראמען פון איר פאך, אז זי וועט מער נישט האבן קיין פלאץ, ווו זיך צו באוועגן, און בפרט אויף אויפגערודערט צו ווערן, ווי די אנדערע מענטשן. לאָמיר זיך נאר דערמאנען די ווערטער פון ריכטער פעררען דאנדען צו איזאבעללען, וועלכע פרעגט אים, ווי אזוי ער קען צוזען, ווי מ׳פייניקט די אומגליקלעכע פארברעכער.

„בא! ביי דעם קען מען תמיד פארטרייבן א שעה, אדער צוויי.”

אויך ווען טארטיוף זאגט דורך ארגאנס מויל:

„ווען פאר מיינע אויגן זאלן שטארבן מיין ברודער, מיינע קינדער, טאטע־מאמע, וואלט דאס מיך אויף קיין האר נישט געקימערט”, קומט דא צום אויסדרוק א מין פראפעסיאָנעלע געפיללאזיקייט.

אבער דער גאנגבארסטער מיטל צו מאכן א פראפעסיע קאמיש באשטייט אין דעם, וואס מ׳שליסט זי איין, אזוי צו זאגן, אין די גרעניצן פון דער שפראך, וועלכע איז כאראקטעריסטיש פאר איר. מ׳מאכט אזוי, אז דער ריכטער, דער דאקטאר, דער זעלנער ווענדן אן אויף טאג־טעגלעכע זאכן די שפראך פון רעכט־וויסנשאפט, פון סטראטעגיע, אדער פון מעדיצין, ריכטיק ווי זיי וואלטן פארלארן די פעיקייט צו ריידן ווי אַלע מענטשן. על פי רוב איז דערדאזיקער ארט קאמיזם זייער א גראבער, ער ווערט אבער איידעלער, ווי מיר האבן דאס שוין אויבן באמערקט, ווען גלייכצייטיק מיט דער פראפעסיאנעלער

געוווינהייט דעקט ער אַפּ אויך אַן אייגנאַרטיקייט פון כאַראַקטער. דערמאַנט זיך נאַר רעניאַרס*) שפּילער, וועלכער רעדט אַזוי אָריגינעל מיט שפּיל-אויסדרוקן, וועלכער צווינגט זיין דינער אַנצונעמען דעם נאָמען העקטאַר, האַפּנדיק, אַז ער וועט אָנרופן זיין כּלה

פּאַללאַס, מיטן באַקאַנטן נאָמען פון דער דאַמע פּיק. אָדער די „געלערנטע פרויען", וואָס אַ גרויסער טייל פון זייער קאָמיזם באַשטייט אין דעם, וואָס זיי קליידן אָן וויסנשאַפטלעכע געדאַנקען אין אויסדרוקן פון ווייבערישע סענטימענטן: „עפּיקור געפעלט מיר"... „כ'האָב ליב די שטורמווינטן", א. א. וו. לייענט, אַדרבה, דורך דעם דריטן אַקט: איר וועט זען, אַז אַרמאַנד, פילאַמינט און בעליז ריידן כּסדר אין דאָזיקן סטיל.

גייען מיר ווייטער אין דערזעלבער ריכטונג, וועלן מיר אויסגעפינען, אַז עס עקזיסטירט אויך אַ פּראָפעסיאָנעלע לאָגיק, ד. ה. אַ געוויסער אופן פון דענקען, וועלכער אַרבעט זיך אויס אין אַ געוויסער סביבה, און וועלכער איז ריכטיק בלויז פאַר דערדאָזיקער סביבה, אָבער פאַלש פאַר דער גאַנצער איבעריקער וועלט. דער קאָנטראַסט צווישן דידאָזיקע צוויי לאָגיקעס, וואָס איינע פון זיי איז אַ פּערזענלעכע און די צווייטע — אַן אַלגעמיינע, רופט אַרויס געוויסע קאָמישע עפעקטן פון אַ ספּעציפישן כאַראַקטער, אויף וועלכע ס'וועט נישט זיין איבעריק זיך אָפּצושטעלן אַביסל לענגער. מיר זענען דאָ צוגעקומען צו זייער אַ וויכטיקן פּונקט פון דער טעאָריע פון געלעכטער; וועלן מיר פאַרברייטערן די פראַגע און זי באַטראַכטן אין איר גאַנצן פאַרנעם

*) אַ באַרימטער פראַנצויזישער קאָמעדיען-שרייבער. (איב.)

IV

ביז איצט זענען מיר שטארק פארנומען געווען מיט אויס־געפינען די טיפערע סיבות פון קאמיזם, און במילא האבן מיר געמוזט פארנאכלעסיקן איינע פון זיינע כאראקטעריסטישסטע דערשיינונגען. כ'האב דא אין זינען די לאגיק, וואס איז אייגן די קאמישע פערזאנען און קאמישע גרופעס, — א לאגיק אן אויסטערלישע, וואס פארמאגט, אין געוויסע פאלן, א גרויסע דאזע אבסורד.

טעאפיל גאטיע*) האט געזאגט וועגן עקסצענטרישן קאמיזם, אז ער איז די לאגיק פון אבסורד. נישט איין פילאזאפיע פון געלעכטער גייט ארויס פון אן ענלעכער הנחה. לויט דער־דאזיקער מיינונג מוז יעדער קאמישער עפעקט טראגן אין זיך פון א געוויסער זייט א סתירה. דאס, וואס רופט ארויס אונ־זער געלעכטער, איז נישט קיין אנדער זאך, ווי דער אבסורד, וואס ווערט פארקערפערט אין א קאנקרעטער פארם, א „מא־טעריאליזירטער אבסורד", — אדער א פלומרשטער אבסורד, וואס ווערט צוערשט אנגענומען, און גלייך פארריכט, — אדער נאך בעסער, דאס, וואס איז אבסורדיש פון איין זייט, און נאטירלעך דערקלערבאר פון א צווייטער, א. א. וו.

די־דאזיקע אלע טעאריעס פארמאגן אין זיך אן ספק א געוויסע טייל אמת; אבער ערשטנס קענען זיי אנגעווענדט ווערן בלויז אויף געוויסע זייער גראבע קאמישע עפעקטן, און אין די פאלן אפילו, ווו זיי קענען אנגעווענדט ווערן, פארנאכ־לעסיקן זיי, לויט מיין מיינונג, דעם כאראקטעריסטישן עלעמענט פון קאמיזם, ד. ה. דעם ג א נ ץ - א י י ג נ ט י מ ל ע כ ן ארט אבסורד, וועלכן דער קאמיזם פארמאגט, ווען ער פארמאגט אים בכלל.

וויל מען זיך אין דעם איבערצייגן, איז גענוג אויסצו־

---

*) א פראנצויזישער גרויסער דיכטער, א ראמאנטיקער. (איב.)

קלייבן איינע פון דידאזיקע דעפיניציעס און צענויפשטעלן לויט איר פארמולע קאמישע עפעקטן: על-פי-רוב וועט מען קיין קאמישע עפעקטן נישט באקומען. אזויארום איז קלאר, אז דער אבסורד, וועלכן מיר טרעפן אן אין קאמיזם, איז נישט א וועלכער-נישט-איז אבסורד: דאס איז א קלאר-באשטימטער אבסורד. ער רופט נישט ארויס דעם קאמיזם; אדרבה, ער פליסט גיכער פון אים ארויס. ער איז נישט קיין סיבה, נאר א רעזולטאט, — זייער א ספעציפישער רעזולטאט, אין וועלכן עס שפיגלט זיך אפ די ספעציפישע נאטור פון דער סיבה, וואס רופט אים ארויס צום לעבן. דידאזיקע סיבה איז אונז באקאנט. אזויארום וועט אונז איצט זיין לייכט צו פארשטיין אויך זיין רעזולטאט.

שטעלט זיך נאָר פאָר, אַז איינמאָל, שפּאַצירנדיק אין דאָרף, באַמערקט איר אויפן שפּיץ פון אַ בערגל עפּעס אַזוינס, וואָס כאַפּט אַן ענלעכקייט צו אַ גרויסן אומבאַוועגלעכן קערפּער מיט זיך-דרייענדיקע הענט. איר ווייסט נאָך נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס, אָבער איר זוכט צווישן אייערע באַגריפן, ד. ה. צווישן די דערינערונגען, וועלכע אייער זכרון פאַרמאָגט, די יענע דערינערונג, וואָס וועט זיך אַמליכסטן לאָזן איינראַמען אין געגנשטאַנד, וועלכן איר זעט. און כמעט תיכף וועט אייך קומען אויפן געדאַנק דאָס בילד פון אַ ווינט-מיל: איר האָט פאַר זיך אַ ווינט-מיל. ס'מאַכט נישט אויס, וואָס איר האָט אָקאָרשט פאַרן אַרויסגיין אויפן שפּאַציר געלייענט וווּנדער-מעשׂיות וועגן ריזן מיט מוראדיק-גרויסע הענט. אמת, דער געזונטער פאַרשטאַנד באַשטייט אין קענען זיך דערמאָנען, אָבער נאָך אין אַ גרעסערער מאָס — אין קענען פאַרגעסן. דער געזונטער פאַרשטאַנד איז די אָנשטרענגונג פון גייסט, וואָס פּאַסט זיך צו און הערט נישט אויף זיך אַלץ צוצופּאַסן פונסניי, בייטנדיק דעם באַגריף, ווען עס בייט זיך דער געגנשטאַנד. דאָס איז די באַוועגלעכקייט פון דער אינטעליגענץ, וואָס רעכנט זיך גענוי אויף אַ האָר מיט דער באַוועגלעכקייט פון די זאַכן. דאָס איז

דער באַוועגלעכער דויער פֿון אונזער אויפֿמערקזאַמקייט צום לעבן.

נעמט אָבער איצט דאָן-קישאָטן, וועלכער פֿאָרט אַרויס אויף אַ מלחמה. ער האָט אויסגעלייענט אין זיינע ראָמאַנען, אַז אַ ריטער טרעפֿט אָן אויף זיין וועג פֿיינטלעכע גיגאַנטן. אַזוי אַרום נויטיקט ער זיך אין אַ ריז. די אידעע וועגן ריז איז ביי אים אַ פּריווילעגירטע דערינערונג, וואָס האָט זיך פֿעסט איינגעוואָרצלט אין זיין גייסט. לויערט דאָרט אומבאַוועגלעך אויף אַ געלעגנהייט, כּדי זיך אַרויסצורייסן נאָך אויסן און זיך פֿאַרקערפּערטן אין אַ זאַך. די דאָזיקע דערינערונג וויל זיך מאַטעריאַליזירן, און דעם ערשטן בעסטן באַגעגנטן געגנשטאַנד, וועלכער האָט די ווייטסטע ענלעכקייט מיט דער פֿאָרם פֿון אַ ריז, וועט זי צוגעבן די דאָזיקע געווינטשטע פֿאָרם. דאָן-קישאָט וועט זען ריזן דאָרט, וווּ מיר זעען ווינט-מילן. דאָס איז קאָמיש און גלייכצייטיק אַן אַבסורד. אָבער צי דען איז דאָס אַן איינפֿאַכער אַבסורד?

דאָס איז אַ גאַנץ-ספּעציעלע אַרט פֿון מיטן-קאָפּ-אַראָפּ-שטעלן דעם געזונטן פֿאַרשטאַנד. זי באַשטייט אין דעם, וואָס מ׳וויל צופּאַסן די זאַכן צו די אייגענע באַגריפֿן, און נישט די באַגריפֿן צו די זאַכן. זי באַשטייט אין דעם, וואָס מ׳זעט פֿאַר זיך דאָס, וועגן וואָס מ׳טראַכט, אָנשטאָט צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס מיר זעען.

דער געזונטער פֿאַרשטאַנד פֿאַרלאַנגט פֿון אונז, מיר זאָלן אונזערע אַלע דערינערונגען האַלטן אין איין גלייכער שורה; אויף אַזאַ אופֿן וועט די פּאַסיקע דערינערונג זיך אָפּרופֿן יעדעס מאָל אויף דעם רוף פֿון אַ באַשטימטער סיטואַציע, וועלכע זי וועט בלויז אויסטייטשן. אָבער ביי דאָן-קישאָטן איז פֿאַרקערט: אַ געוויסע גרופּע דערינערונגען פֿירט אָן מיט די איבעריקע און באַהערשט אַפֿילו זיין גאַנצע פּערזענלעכקייט; אויף אַזאַ אופֿן מוז די ווירקלעכקייט זיך אונטערגעבן דער פֿאַנטאַזיע און דינען פֿאַר איר בלויז אַלס קערפּער. ווי נאָר דאָן-קישאָט שאַפֿט זיך אַ געוויסע אילוזיע, אַנטוויקלט ער זי לאָגיש אין אירע אַלע קאָנסעקווענצן; ער באַוועגט זיך אין איר מיט דער זיכערקייט

פון אַ נאַכט-וואַנדלער, וואָס שפּילט זיין חלום. אָט אַזוי זעט אויס דער שורש פון טעות. און אַזוי זעט אויס די ספּעציפישע לאָגיק, וואָס פירט דאָ צום אבסורד. איצט בלייבט אונז איבער צו באַטראַכטן די פראַגע, צי דידאָזיקע לאָגיק איז בלויז דאָן-קישאָטס אַן אייגנטימלעכקייט?

מיר האָבן אויבן אויפגעוויזן, אַז די קאָמישע פּערזאָן זינדיקט דורך אַ געוויסער איינגעשפּאַרטקייט פון גייסט, אָדער פון כאַראַקטער, דורך צעשטרייטקייט, דורך אויטאָמאַטישקייט. אין תוך פון קאָמיזם ליגט אַ פאַרשטייפטקייט פון אַ געוויסן מין, וואָס ברענגט דערצו, די קאָמישע פּערזאָן זאָל גיין גלייך מיט איר וועג, זי זאָל נישט הערן, און זאָל גאָרנישט נישט וועלן הערן. אומצייליקע קאָמישע סצענעס פון מאָליערס טעאַטער קענען צוגעפירט ווערן צום דאָזיקן פּשוטן טיפּ: אַ פּ ע ר ז אָ ן, וו אָ ס ו ע ר ט פ אַ ר ש ל ו נ ג ע ן פ ו ן אַ י ר ג ע ד אַ נ ק, וואָס קערט זיך תמיד אום צו אים, בעת מ'רייסט זי כסדר איבער!

אומבאַמערקבאַר קומט פאָר דער איבערגאַנג פון אַ מענטשן, וואָס וויל גאָרנישט הערן, צו דעם, וואָס וויל גאָרנישט זען, און צולעצט צו דעם, וואָס זעט בלויז דאָס, וואָס ער וויל. אַ איינגעשפּאַרטער גייסט קומט סוף-כל-סוף דערצו, וואָס ער פּאַסט צו די זאַכן צו זיין געדאַנק, אָנשטאָט צו רעגולירן זיין געדאַנק לויט די זאַכן. אויף אַזאַ אופן געפינט זיך יעדע קאָמישע פּערזאָן אויפן אילוזיעס-וועג, וועלכן מיר האָבן נאָרוואָס באַשריבן, און דאָן-קישאָט דינט אונז אַלס אַלגעמיינער טיפּ פון דער קאָמישער אַבסורדישקייט.

ווי אַזוי קען מען אַ נאָמען געבן דידאָזיקע קאַפּויערדי-קייט פון געזונטן פאַרשטאַנד? ס'איז קיין ספק נישטאָ, אַז אין אַ פאַרשאַרפטער, אָדער כראָנישער פאָרם געפינען מיר זי אין געוויסע פאָרמען משוגעת. אין אַ סך הינזיכטן איז זי ענלעך צו דער פיקסער אידעע. אָבער נישט די משוגעת בכלל און נישט די אידעע פיקס רופן נישט אַרויס ביי אונז קיין געלעכ-טער, ווייל זיי זענען קראַנקהייטן. זיי דערוואַרימען אונזער רחמנות-געפיל. ווי מיר ווייסן, קען דער געלעכטער נישט ווי-

נען אונטער איין דאך מיט דער געריכטקייט פון געפיל. אויב עס עקזיסטירט אַ קאָמישע משוגעת, קען עס נאָר זיין אַ משוגעת, וואָס לאָזט זיך פאַרבינדן מיט דער אַלגעמיינער געזונטקייט פון גייסט, אַזאַ מין נאַרמאַלע משוגעת, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן. יאָ, עס עקזיסטירט אַזאַ נאָרמאַלער צושטאַנד פון גייסט, וואָס אימיטירט אין אַלע פונקטן די משוגעת, ווו מיר געפינען דיזעלבע געדאַנקען-אַסאָציאַציעס, ווי אין דער משוגעת, דיזעלבע אייגנאַרטיקע לאָגיק, ווי אין דער אידעע פיקס. דאָס איז דער צושטאַנד פון חלום. איינס פון דיביידע: אָדער אונזער אַנאַליז איז פאַלש, אָדער מ'מוז אים קענען פאָרמולירן אין דער פאָלגנדיקער הנחה: **דער קאָמישער אַבסורד איז פון זעלבן כאַראַקטער, ווי דער אַבסורד פון חלומות.**

קודם כל באַוועגט זיך דער שכל אין חלום אויפן זעלבן וועג, וועלכן מיר האָבן נאָר וואָס באַשריבן. דער גייסט, וואָס איז פאַרליבט אין זיך אַליין, זוכט אין דער אויסערלעכער וועלט בלויז איינס: אַ מעגלעכקייט צו פאַרקערפּערן זיינע פאַנטאַזיעס. דאָס אויער פאַרנעמט נאָך אומקלאָרע קלאַנגען, אין זע-פעלד פון אויג דרייען זיך נאָך צענויפגעמישטע קאָלירן; מיט איין וואָרט, די חושים זענען נאָך נישט לחלוטין צוגעמאַכט. אָבער דער בעל-חלום, אַנשטאָט צו רופן זיינע אַלע דערינערונגען, כדי מיט זייער הילף אויסצוטייטשן, וואָס זיינע חושים נעמען אויף, האַנדלט פאַרקערט: ער נוצט אויס דאָס, וואָס דערגייט צו זיינע חושים, כדי צו פאַרקערפּערן די ליבלינגס-דערינערונגען; איין-און-דיזעלבע ווינט-פייפערייי אין קוימען וועט זיך פאַרוואַנדלען, לויט דעם נשמה-צושטאַנד פון בעל-חלום, לויט דער אידעע, וואָס באַהערשט זיין פאַנטאַזיע, אין אַ געוואָיעריי פון ווילדע חיות, אָדער אין אַ מעלאָדישן געזאַנג. אַזוי זעט אויס דער געוויינלעכער מעכאַניזם פון דער חלום-אילוזיע.

אויב די קאָמישע אילוזיע איז די אילוזיע פון חלום, אויב די לאָגיק פון קאָמיזם איז די לאָגיק פון חלומות, קען מען זיך ריכטן צו געפינען אין דער לאָגיק פון קאָמיזם די

פאַרשידענע אייגנטימלעכקייטן פון דער חלומות-לאָגיק. און דאָ וועט זיך נאָך אַמאָל באַשטעטיקן דער געזעץ, וועלכער איז אונז שוין גוט באַקאַנט: אויב מיר האָבן פאַר זיך אַ קאָמישע דערשיינונג, וועלן אַנדערע דערשיינונגען, וואָס פאַרמאָגן נישט אין זיך קיין קאָמישן אינהאַלט, אויך ווערן קאָמיש בלויז אַ דאַנק זייער אויסערלעכער ענלעכקייט מיט דער ערשטער. ס'איז אַזוי אַרום לייכט איינצוזען, אַז יעדע אַרט געדאַנקען-שפּיל קען אונז אַמוזירן, אַבי זי זאָל אונז נאָר מער-ווייניקער דערמאָנען די שפּילערייען פון חלומות.

קודם כּל מוזן מיר אונטערשטרייכן די געוויסע אַלגעמיינע אָפּשוואַכונג פון לאָגישן דענקען. די לאָגישע אויספירן, פון וועלכע מיר לאַכן, זענען די, וועלכע מיר האַלטן פאַר פאַלשע, אָבער מיר וואָלטן זיי געקענט אָננעמען פאַר אמתע, ווען מיר זאָלן זיי הערן אין חלום. זיי מאַכן זייער גוט נאָך די אמתע, לאָגישע אויספירן, און במילא איז קיין וווּנדער נישט, וואָס זיי קענען אָפּנאַרן אַ פאַרשלאָפענעם מח. דאָס איז אויך אַ מין לאָגיק, אויב מען וויל, אָבער אַ לאָגיק, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין שפּאַנונגס-קראַפט און באַפרייט אונז פון אינטעלעקטועלער אָנשטרענגונג. אַ סך „גייסטרייכע אויסדרוקן" זענען נישט מער ווי לאָגישע אויספירונגען פון דאָזיקן מין, פאַרקירצטע אויספירונגען, פון וועלכע מ'גיט אונז בלויז דעם אויסגאַנגס-פּונקט און דעם שלוס-פּונקט. דידאָזיקע גייסטיקע שפּילערייען פאַרוואַנדלען זיך, אַגב, אין ווערטער-שפּילערייען, וואָס מער די שייכותן צווישן די אידעען ווערן אויבערפלעכלעכער: ביסלעכווייז הערן מיר אויף זיך אָפּצוגעבן אַ דין וחשבון וועגן דעם זין פון די געהערטע ווערטער, — מיר הערן בלויז זייער קלאַנג. מיטן פּראָצעס פון חלום קען מען אויך פאַרגלייכן געוויסע שטאַרק קאָמישע סצענעס, ווו אַ פּערזאָן חזרט סיסטעמאַטיש איבער מיטן קאָפּ-אַראָפּ געוויסע פראַזן, וועלכע אַ צווייטער רוימט איר אַריין אין אויער. אַזוי, למשל, ווען איר שלאָפט איין צווישן שמועסנדיקע מענטשן, דאַכט זיך אייך אַמאָל, אַז זייערע ווערטער ליידיקן זיך ביסלעכווייז

אויס פון זייער זין, אז די קלאנגען ווערן פארמלאז און גיסן זיך צופעליק צענויף און באקומען אין אייער גייסט אויסטערלישע באדייטונגען; אזוי ארום חזרט איר איבער לגבי דער ריידנדיקער פערזאָן די סצענע פון פטי-זשאַן און סופלער.*)

עס עקזיסטירט נאָך א געוויסער מין קאָמישע באַזעסנקייטן, וואָס זענען שטארק ענלעך, ווי מיר דאכט, צו די באזעסנקייטן פון חלום. זייער אָפט חזרט זיך איבער דערזעלבער בילד אין עטלעכע נאָכאנאנדערדיקע חלומות און נעמט אָן אין יעדן פון זיי א געוויסע אָנגעמבארע באדייטונג. בעת דידאָזיקע חלומות האָבן נישט צווישן זיך קיין שום אנדער באַרירונגס-פונקט. די איבערחזרונגס-עפעקטן רעפּרעזענטירן אָפטמאָל דידאָזיקע ספּעציפישע פאָרם אין טעאטער און אין ראָמאן: געוויסע פון זיי טראָגן אין זיך דעם רעזאָנאנס פון חלומות. און ווער ווייס, דערמיט לאָזט זיך אפשר אויך דערקלערן דער רעפריין פון א סך לידער: ער שפּארט זיך איין, קערט זיך אום, תמיד דערזעלבער, צום סוף פון אלע קופּלעטן, יעדעס מאָל מיט אן אנדער זין.

גאנץ אָפט קען מען אין חלום אויך באאָבאכטן אן אייגנארטיקן קרעסטשענדאָ, א מין משונהדיקייט, וואָס ווערט צוגעשפּיצט, וואָס ווייטער אלץ מער. די ערשטע נאָכגיביקייט, וועלכע מ׳רייסט ארויס ביים פארשטאנד, ציט נאָך זיך א צווייטע, דידאָזיקע א מער חשובע דריטע, און אזוי כסדר ביז דעם לעצטן אבסורד. דערדאָזיקער מארש צום אבסורד גיט דעם בעלחלום אן אויסטערלישע עמפּינדונג. דאָס איז, ווי מיר דאכט זיך, דיזעלבע עמפּינדונג, וועלכע עס האָט דער שכור, ווען ער פילט, ווי ער גליטשט זיך אָנגענעם צו יענעם צושטאנד, ווו קיין זאך עקזיסטירט שוין נישט פאר אים, נישט די לאָגיק, נישט דאָס אלגעמיין-אָנגענומענע. לאָמיר איצט זען, צי מאָליערס געוויסע קאָמעדיעס גיבן אונז נישט דעמזעלבן איינדרוק: למשל, דער ה׳ דע פורסאָניאַק, וועלכער הויבט אָן כמעט לאָגיש און ענדיקט מיט אלערליי עקסצענטרישקייטן.

*) פערזאנען פון ראסינס „יאבעדניקעס". (איב)

אָדער אַ צווייטער בײַשפּיל: „ד י א ד ע ל ע ק ל ײ נ-
ב י ר ג ע ר", ווו די פּערזאָנען ווערן וואָס ווייטער אַלץ מער
אָוועקגעטראָגן דורך אַ שטורמווינט פון משוגעת. „אויב מ׳קען
נאָך געפינען אַ גרעסערן משוגענעם, וועל איך דאָס גיין מודיע
זיין קיין רוים": דידאָזיקע פראַזע, וואָס ווייזט אונז, אַז דאָס
שטיק איז געענדיקט, רייסט אונז אויף פון דעם אַלץ מער
און מער עקסצענטרישן חלום, אין וועלכן מיר זענען פאַרזונ-
קען צוזאַמען מיטן ה׳ זשורדען.

אָבער באַזונדערס איז ווענטלעך פאַרן חלום אַ באַ-
שטימטע אַרט משוגעת. עס זענען דאָ געוויסע ספּעציפישע
סתירות, וואָס זענען אַזוי נאַטירלעך פאַר דער פאַנטאַזיע פון
בעל-חלום, און אַזוי דערווידער דעם שכל פון אַ וואַכנדיקן
מענטשן, אַז ס׳וואָלט אוממעגלעך געווען צו געבן וועגן זיי אַ פולן
און קלאָרן באַגריף אַזאַ איינעם, וואָס זאָל נישט באַקאַנט זיין מיט
זיי פון אייגענער דערפאַרונג. מיר האָבן דאָ אין זינען יענע
אָפּטע אויסטערלישע דערשיינונג, ווען אַ חלום גיסט צענויף
צוויי פּערזאָן אין איינע, און גלייכצייטיק בלייבן זיי ווײַ-
טער עקזיסטירן יעדע פאַר זיך. געוויינטלעך איז איינע פון
דידאָזיקע צוויי פּערזאָנען דער שלאָפער אַליין. ער שפּירט, אַז
ער האָט נישט אויפגעהערט צו זיין דאָס, וואָס ער איז; און
פונדעסטוועגן איז ער געוואָרן אַן אַנדערער. דאָס איז ער און
דאָס איז נישט ער. ער הערט זיינע אייגענע רייד, ער זעט
זיינע אייגענע האַנדלונגען, אָבער גלייכצייטיק שפּירט ער, אַז
אַ צווייטער האָט געליען ביי אים זיין קערפּער און צוגענומען
ביי אים זיין קול. עס טרעפט אויך, אַז ער רעדט, דאַכט זיך,
און האַנדלט ווי געוויינלעך, אָבער ער רעדט וועגן זיך ווי
וועגן אַ פרעמדן, מיט וועלכן ער האָט נישט מער קיין שום
געמיינזאַמעס; ער האָט זיך ווי אָפּגעריסן פון זיך אַליין.

צי דען געפינען מיר נישט דידאָזיקע אויסטערלישע צע-
מישונג אויך אין געוויסע קאָמישע סצענעס? כ׳מיין דאָ נישט
מאָליערס „אַמפיטריאָן", ווו דידאָזיקע צעמישונג ווערט טאַקע
סוגעסטירט דעם גייסט פון צוקוקער, אָבער זיין עיקרדיקער קאָ-

מישער עפעקט נעמט זיך דערפון, וואָס מיר האָבן אויבן אָנגערופן „די קעגנזייטיקע דורכקרייצונג פון צוויי סעריעס". כ'האָב דאָ אין אויג די עקסצענטרישע און קאָמישע לאָגישע אויספירן, ווו מיר געפינען דידאָזיקע צענויפמישונג אין אַ ריינעם צושטאַנד, כאָטש אויך דאָ פאָדערט זיך נאָך אָנצושטרענגען דעם געדאַנק, כּדי זי אויסצושיילן. הערט זיך צו. למשל, ווי אַזוי מאַרק טווען ענטפערט דעם רעפּאָרטער, וועלכער איז אים געקומען אינטערוויואירן: „איר האָט אַ ברודער? — יאָ; מיר האָבן אים גערופן בילל. אָרעמער בילל! — ער איז, הייסט עס, געשטאָרבן? — דאָס האָבן מיר קיינמאָל נישט געקענט פעסטשטעלן. אַ גרויסע געהיימניש וויקלט ארום דעמדאָזיקן ענין. דער געשטאָרבענער און איך זענען געווען אַ צווילינג, און ווען מיר זענען אַלט געווען פופצן טעג, האָט מען אונז צוזאַמען געבאָדן אין דערזעלבער באַליע. איינער פון אונז ביידע איז דאָרט דערטרונקען געוואָרן, אָבער מ'האָט קיינמאָל נישט געקענט דערגיין—וועלכער. איינע האַלטן, אַז דאָס איז געווען בילל, אַנדערע ווידער, אַז דאָס בין איך געווען. — מאָדנע. אָבער וואָס איז אייער מיינונג וועגן דעם? — הערט, איך וויל אייך פאַרטרויען אַ סוד, וועלכן כ'האָב נאָך נישט אויפגעדעקט פאַר קיין איין לעבעדיקער נשמה. איינער פון אונז האָט געהאַט אַן אייגנאַרטיקן סימן: אַ גרויסע חן-וואַרצעלע אויף דער לינקער דלאָניע, און דערדאָזיקער בין איך געווען. און דאָסדאָזיקע קינד איז טאַקע דערטרונקען געוואָרן..., א. אַ. וו." באַטראַכט מען נענטער דעמדאָזיקן דיאַלאָג, איז לייכט איינצוזען, אַז זיין אַבסורד איז נישט סתם אַבי וואָסער אַבסורד. דער אַבסורד וואָלט צערונען, ווען די פּערזאָן, וואָס רעדט, זאָל נישט זיין גלייכצייטיק איינער פון דעם צווילינג, וועגן וועלכן זי רעדט. דער אַבסורד נעמט זיך דערפון, וואָס מאַרק טווען דערקלערט זיך פאַר איינעם פון דאָזיקן צווילינג, און גלייכצייטיק דריקט ער זיך אויס אַזוי, ווי ער וואָלט זיין אַ דריטע פּערזאָן, וועלכע דערציילט זייער געשיכטע. אויפן זעלבן אופן באַנעמען מיר זיך אין אַ סך פון אונזערע חלומות.

V

באַטראַכט מען דעם קאָמיזם פון דאָזיקן לעצטן שטאַנד-
פונקט, דערשיינט ער פאַר אונז אין אַ ביסל אַן אַנדער פאָרם,
ווי ביז איצט. ביז איצט האָבן מיר אין געלעכטער געזען
דערעיקר אַ שטראָף-מיטל. נעמט די דויערהאַפטע קייט פון קאָ-
מישע עפעקטן, און איזאָלירט, פון צייט צו צייט, אירע
הויפּט-גלידער, וועט איר דאַן איינזען, אַז די צווישן-עפעקטן
האָבן צו פאַרדאַנקען זייער קאָמישע אייגנשאַפט זייער ענלעכ-
קייט מיט די הויפּטגלידער, און דידאָזיקע לעצטע אַליין זענען
נישט מער ווי באַליידיקונגס-מאָדעלן בנוגע דער געזעלשאַפט.
אויף דידאָזיקע באַליידיקונגען ענטפערט די געזעלשאַפט מיטן
געלעכטער, וואָס איז נאָך אַ גרעסערע באַליידיקונג. אַזוי אַרום
איז קלאָר, אַז דער געלעכטער פאַרמאָגט נישט אין זיך קיין
שום פריינטלעכעס; ער צאָלט גיכער מיט שלעכטס פאַר שלעכטס.

און פונדעסטוועגן וואַרפט זיך קודם כל אין אויג ביי אַ
קאָמישן איינדרוק עפעס אַנדערש. די קאָמישע פערזאָן איז
על-פי-רוב אַזאַ פערזאָן, צו וועלכער מיר פילן גלייך פון אָנ-
הויב אַ מאַטעריעלע סימפּאַטיע. כ'מיין דערמיט צו זאָגן, אַז
אויף אַ גאָר קליינע ווײַלע שטעלן מיר זיך פאָר אויף איר
פּלאַץ, אַז מיר נעמען איבער אירע זשעסטן, אירע רייד, אירע
מעשים, און אויב מיר ווילן זיך אפילו מיט איר לעכערלעכ-
קייט, לאַדן מיר זי דערפאַר איין, אין אונזער פאַנטאַזיע, זי
זאָל זיך אַמוזירן צוזאַמען מיט אונז: מיר באַהאַנדלען זי פון
אָנהויב ווי אַ חבר. אַזוי אַרום געפינען מיר ביים לאַכער לכל
הפחות אַן אויסערלעכן שיין פון גוטמוטיקייט, פון פריינטלעכער
פרייִלעכקייט, וועלכע ס'וואָלט געווען אַן עולה אַרויסצולאָזן פון
אויג. אין געלעכטער איז דאָ אַ מאָמענט פון אַ נ ט ש פּ אַ נ ו נ ג,
אויף וועלכער מ'האָט שוין אָפּט אָנגעוויזן, און מיר וועלן איצט

זוכן איר סיבה. דערדאָזיקער איינדרוק פֿון אַנטשפּאַנונג איז באַזונדערס שטאַרק בולט געווען אין אונזערע לעצטע ביישפּילן, און אין זיי טאַקע וועלן מיר געפֿינען איר דערקלערונג.

ווען די קאָמישע פּערזאָן לאָזט זיך פֿירן פֿון איר געדאַנק אויטאָמאַטיש, ענדיקט זי דערמיט, וואָס זי הויבט אָן צו טראַכטן, רעדן, האַנדלען ווי אין אַ חלום. אָבער דער חלום איז אַן אַנטשפּאַנונג. אָנהאַלטן כּסדר אַ קאָנטאַקט מיט די זאַכן און די מענטשן, זען בלויז דאָס, וואָס איז, און טראַכטן בלויז וועגן דעם, וואָס מ׳זעט, — דאָס אַלץ פֿאָדערט אַן אומאויפֿהערלעכע אָנשטרענגונג פֿון גייסטיקער געשפּאַנטקייט. דער געזונטער פֿאַרשטאַנד איז נישט קיין אַנדער זאַך, ווי דידאָזיקע אָנשטרענגונג. דאָס פֿאָדערט גייסטיקע אַרבעט. אָבער זיך אָפּרייסן פֿון דער געגנשטאַנדן-וועלט און פֿונדעסטוועגן נישט אויפֿהערן צו זען בילדער, איבעררייסן מיט דער לאָגיק און פֿונדעסטוועגן נישט אויפֿהערן צו זאַמלען געדאַנקען, אָט דאָס איז נישט מער ווי אַ שפּיל, און אויב עס געפֿעלט אייך בעסער — אַ פֿוילקייט. דער קאָמישער אבסורד רופֿט אַרויס ביי אונז קודם כּל דעם איינדרוק פֿון אַ געדאַנקען-שפּיל, און אונזער ערשטער אימפּולס איז — אַנטיילצונעמען אין דערדאָזיקער שפּיל. דאָס איז אַן אָפּרו נאָך דער אָנשטרענגונג פֿון דענקען.

אָבער דאָסזעלבע לאָזט זיך זאָגן אויך וועגן אַ סך אַנדערע פֿאָרמען פֿון קאָמיזם. מיר האָבן אויבן געזאָגט, אַז אין טיפֿסטן תּוך פֿון קאָמיזם איז תּמיד דאָ אַ טענדענץ זיך אַראָפּצוגליטשן פֿון אַ לייכטן באַרג-אַראָפּ, און דערדאָזיקער באַרג-אַראָפּ איז על-פּי-רוב דער שפּוע פֿון געוווינהייט. מ׳מאַכט נישט מער קיין אָנשטרענגונגען, כּדי זיך כּסדר צוצופּאַסן צו דער געזעלשאַפֿט. פֿון וועלכער מ׳איז אַ מיטגליד; מ׳באַפֿרייט זיך פֿון דער אויפֿמערקזאַמקייט, וועלכע מ׳איז שולדיק דעם לעבן; מ׳ווערט מער-ווייניקער ענלעך אויף אַ עקסטראַוואַגאַנטער. דאָס איז, אמת, מער אַ עקסטראַוואַגאַנטקייט פֿון ווילן, ווי פֿון פֿאַרשטאַנד, אָבער אַ עקסטראַוואַגאַנטקייט איז עס פֿאָרט און, במילא — אַ פֿוילקייט. מ׳רייסט איבער מיט די אַלגעמיין-אָנגענומענע אויפֿפֿירונגס-נאָרמען, אַזוי ווי

מ'האָט מיט אַ ווײלע פריער איבערגעריסן מיט דער לאָגיק. מיט איין וואָרט, מ'מאַכט אַן אײנדרוק פון אַ מענטשן, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַ שפּילערײ. און אויך דאָ איז אונזער ערשטער אימפּולס אָנצונעמען די אײנלאַדונג אויף פּוילקייט. אויף איין מאָמענט, לכל הפחות, וואַרפן מיר זיך אַרײַן אין שפּיל. דאָס איז אַן אָפּרו פון די לעבנס-מאַטערנישן.

מיר רוען אָבער נישט מער ווי אַ קורצע ווײלע. די סימפּאַטיע, וואָס קען זיך צומישן צום קאָמישן אײנדרוק, איז אַ לײכט-פאַרשוועבנדיקע. אויך זי איז אַ רעזולטאַט פון צע-שטרײטקייט. אַזוי, למשל, פאַרגעסט זיך אַמאָל אַ שטרענגער פאָטער און נעמט אָנטײל אויף אַ ווײל אין די שמד-שטיק פון זײַן קינד, און האַלט זיך גלײך אָפּ, כּדי עס צו באַשטראָפן.

דער געלעכטער איז קודם-כּל אַ שטראָף. באַשטימט אויף צו דערנידעריקן, דאַרף ער מאַכן אַ שווערן אײנדרוק אויף דער פּערזאָן, צו וועלכער ער באַציט זיך. די געזעלשאַפט איז זיך דורך אים נוקם פאַר די פרײַהייטן, וועלכע מ'האָט זיך דערלויבט לגבי איר. דער געלעכטער וואָלט נישט דערגרייכט זײַן ציל, ווען ער זאָל טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון סימפּאַטיע און גוטסקייט.

קען מען דאָ אפשר מאַכן די אײנווענדונג, אַז, לכל הפּחות, די כּוונה קען דאָ זײַן אַ גוטע, אַז אָפטמאָל שטראָפט מען דערפאַר, ווײל מען האָט ליב, און, אַז דער געלעכטער, אונטערדריקנדיק די אויסערלעכע דערשײנונגען פון געוויסע פעלערן, פאָדערט אונז אַזוי־אַרום אויף, צוליב אונזער אייגענער טובה וועגן, צו באַזײַטיקן דידאָזיקע פעלערן גופא און זיך אויסצובעסערן אינערלעך?

וועגן דאָזיקן פּונקט וואָלט זיך אַ סך געלאָזט זאָגן. אין אַלגעמײן אָבער איז קיין ספק נישטאָ, אַז דער געלעכטער פירט אויס אַ נוצלעכע פונקציע. אגב, האָט אונזער גאַנצע אַרבעט געהאַט דעם ציל דאָס צו באַווײַזן. דערפון איז אָבער נישט געדרונגען, אַז דער געלעכטער טרעפט תּמיד אין פּינטל, אָדער,

אַז ער ווערט דיקטירט דורך אַ געדאַנק פון גוטווינשיקייט, אָדער גערעכטיקייט.

כדי דער געלעכטער זאָל תמיד טרעפן אין ציל, וואָלט ער געדאַרפט אַרויספליסן פון אַ רעפלעקסיע-אַקט. אָבער דער געלעכטער איז אַ רעזולטאַט פון אַ מעכאַניזם, וועלכן די נאַטור האָט אָנגעצויגן אין אונז, אָדער — און דאָס איז כמעט דאָס-זעלבע — פון אַ זייער לאַנגער געוווינהייט פון סאָציאַלן לעבן. ער קומט פון זיך אַליין, ער איז אַן אמתער עקספּראָמט-אָפּווער. ער האָט נישט קיין צייט זיך יעדעסמאָל אַרומצוקוקן, ווען ער גרייפט אָן. דער געלעכטער באַשטראָפט געוויסע פעלערן אומגעפער אַזוי, ווי די קראַנקהייט באַשטראָפט געוויסע מיסברויכן: זי גרייפט אָן אומשולדיקע, מיידט אויס שולדיקע, ווייל זי האָט אין אויג דעם אַלגעמיינעם רעזולטאַט און זי קען נישט אָנטאָן דעם כבוד יעדן אינדיווידועלן פאַל צו באַטראַכטן אים באַזונדער. דאָסזעלבע קומט פאָר מיט אַלץ, וואָס ווערט אויסגעפירט דורך נאַטירלעכע כחות, אָנשטאָט דורך באַוווסטזיניקער רעפלעקסיע. אַ דורכשניטלעכע גערעכטיקייט קען קומען צום אויסדרוק אין אַלגעמיינעם רעזולטאַט, אָבער נישט אין יעדן באַזונדערן פאַל.

צוליבן דאָזיקן טעם קען נישט דער געלעכטער זיין אַבסולאט גערעכטיק. לאָמיר דאָ נאָכאַמאָל איבערחזרן, אַז ער מוז אויך נישט זיין גוטמוטיק. זיין פונקציע באַשטייט אין אָנוואַרפן אַ פחד און דערנידעריקן. ער וואָלט נישט געקענט אויספירן זיין אויפגאַבע, ווען די נאַטור וואָלט נישט צוגעמישט צו דערדאָזיקער דערשיינונג, אַפילו ביי די בעסטע מענטשן, אַ קליינע דאָזע שלעכטסקייט, אָדער לכל הפחות—בייזוויליקייט. ס'קען זיין, אַז ס'וואָלט בעסער געווען מיר זאָלן זיך נישט צו פיל אַריינגריבלען אין דאָזיקן פונקט. מיר וועלן דאָרט נישט געפינען אַזוינס, וואָס זאָל אונז אַרויסשטעלן אין אַ צו גוטער ליכט. מיר וואָלטן איינגעזען, אַז דער אימפּולס פון אַנטשפּאַנונג אָדער עקספּאַנסיע איז בלויז אַ פּרעלודיע צום געלעכטער, אַז דער לאַכער ציט זיך גלייך צוריק אין זיך, באַקומט אַ מער-

אָדער ווייניקער שטאָלצע זיכערקייט אין זיך און וואָלט חשק געהאַט צו באַטראַכטן די אַנדערע פערזאָן אַלס אַ מאַריאָנעטקע, וועמעס פעדים ער האַלט אין זיינע הענט. אין דעראָזיקער איבערטריבענער איינגעגלויבטקייט אין זיך וואָלטן מיר זייער גיך אויפגעדעקט אַביסל עגאָיזם, און הינטערן עגאָיזם גופא עפעס אַזוינס, וואָס איז ווינציקער אימפולסיוו און מער ביטער, עפעס אַ מין אָנוואַקסנדיקן פעסימיזם, וואָס ווערט אַלץ איינגעוואָרצלטער, וואָס מער דער לאַכער טראַכט זיך אַריין אין זיין געלעכטער.

אויך דאָ, — ווי אומעטום, — האָט די נאַטור אויסגענוצט דאָס שלעכטס לטובת דאָס גוטע. אין דעראָזיקער גאַנצער אָפהאַנדלונג האָבן מיר זיך דערעיקר באַשעפטיקט מיט דעם גוטן. עס האָט זיך פאַר אונז אַרויסגעשטעלט, אַז וואָס מער די געזעלשאַפט פאַרפולקאָמט זיך, פלאַנצט זי איין אין אירע מיטגלידער אַלץ אַ גרעסערע צופאַסונגס-פעיקייט, אַז זי האָט אַ טענדענץ צו דערגרייכן אַלץ אַ פיינערע גלייכגעוויכט אין אירע טיפענישן, אַז זי טרייבט אַרויס אַלץ מער און מער אויף איר אויבערפלאַך די אויפטרייסלונגען, וואָס זענען אומפאַרמיידלעך ביי אַזאַ גרויסער מאַסע, און אַז דער געלעכטער דערפילט אַ נוצלעכע פונקציע, אונטערשטרייכנדיק די פאָרם פון די דאָזיקע אויפטרייסלונגס-כוואַליעס.

אויפן זעלבן שטייגער קעמפן אומאויפהערלעך די כוואַליעס אויפן אויבערפלאַך פון ים, בעת די אינערלעכע וואַסערשיכטן היטן אָפ זייער טיפע רויקייט. די כוואַליעס שטויסן זיך צענויף, קרייצן דורך איינע די צווייטע, זוכן זייער גלייכגעוויכט. און אַ ווייסער שוים, אַ לייכטער און פריילעכער, באַזוימט זייערע פאַרענדערלעכע קאָנטורן. אַן אָנגעלאָפענע כוואַליע לאָזט אַמאָל איבער אויפן זאַמד-ברעג אַביסעלע פון דאָזיקן שוים. אַ קינד, וואָס שפילט זיך אין דער נאָענט, נעמט זיך פון אים אַ פולן הויפן, און וווּנדערט זיך אין אַ רגע אַרום, ווען עס געפינט אין זיין האַנט בלויז עטלעכע טראָפנס וואַסער, וואָס זענען נאָך געזאַלצענער און ביטערער ווי די וואַסער פון

דער כוואַליע, וואָס האָט זיי אַרויסגעוואָרפן אויפן ברעג. דער געלעכטער ווערט געבוירן אויפן זעלבן אופן, ווי דער דאָזיקער שוים. ער מערקט אָן אויף דער אויסערלעכקייט פון סאָציאַלן לעבן זיינע אויבערפלעכלעכע אויפברויזונגען. ער פאַרצייכנט תיכף ומיד די באַוועגלעכע פאָרם פון די דאָזיקע אויפטרייסלונגען. ער איז אויך אַ מין שוים מיט אַ געזאַלצענער סובסטאַנץ. אויך ער פינקלט ווי דער שוים. ער איז — די פרייד. דער פילאָזאָף, וואָס נעמט אָן פון איר אַ הויפן, כדי צו פאַרזוכן פון איר, וועט אָפט געפינען איז איר אַ געוויסע דאָזע ביטערניש.

קוועלן-רשימה*)

Hecker: Physiologie und Psychologie des Lachens und des Komischen, 1873.

Courdaveaux: Études sur le comique, 1875.

Kraepelin: Zur Psychologie des Komischen (Philos. Studien, vol. II, 1885.)

Mélinand: Pourquoi rit-on? (Revue des Deux-Mondes, fébrier 1895.)

Lacombe: Du comique et du spirituel (Revue de métaphysique et de morale, 1897).

Stanley Hall and A. Allin: The psychology of laughing, tickling and the comic (American journal of Psychology, vol. IX, 1897).

Meredith: An essay on Comedy, 1897.

Lipps: Komik und Humor, 1898; Psychologie der Komik (Philos. Monatshefte, vol. XXIV, XXV)

Freud Sigm: Der Witz und seine Beziehung zum Unbewussten, 1905, 1912.

Gaultier: Le rire et la caricature, 1906.

Eastman: The sense of humor, 1921.

---

*) די קוועלן-רשימה ווערט דאָ געבראַכט אַ געקירצטע.

אינהאַלט:

זייט

הקדמה 3

דאָס ערשטע קאַפּיטל

וועגן קאָמיזם בכלל. — דער קאָמיזם פון פאָרמען און באַוועגונגען. — די עקספּאַנסיווע קראַפט פון קאָמיזם . . . 5

דאָס צווייטע קאַפּיטל

דער קאָמיזם פון סיטואַציעס און דער קאָמיזם פון ווערטער . . 54

דאָס דריטע קאַפּיטל

דער קאָמיזם פון כאַראַקטער 104